

Knut Hamsun.

№ 1127

Библіотека академическ. ферейна еврейской исторіи и литерат. Кіевъ

הנהגת עדת ישראל
Tartu Juudi usu koguduse valitsus

קנוט האַמסון.

פאַן

פון לייטענאַנט טהאָמאַס גלאַהן׳ס פאַפּירען.

איבערזעצט פון א. פרומקין.

אַרויסגעגעבן פון ל. פרידמאַן.

לאָנדאָן, 1909.

געדרוקט ביי י. נאַראָדיצקי, 48 מייל ענד רויד, א.

Для изученія еврейской исторіи и литерат.
Библіотека академическ. ферейна

I.

די לעצטע טעג האָב איך אַלץ כסדר געטראַכט און ווידער געטראַכט מכח דעם אייביגען זומער־טאָג אין צפון־לאַנד. איך זיץ דאָ און קלעהר וועגען איהם, און וועגען אַ שטיבעל, וואו איך האָב געוואוינט, און מכח דעם וואַלד הינטערן שטיבעל, און אַצונד נעהם איך זיך דערצו און שרייב וואָס אָן פֿון מיין אייגענעם פֿערגנינגען וועגען, און כדי מיר די צייט צו פֿערטרייבען. די צייט ווערט מיר זעהר לאַנג, און זי געהט ניט אַריבער אַזוי שנעל ווי איך וואָלט עס געוואָלט, כאָטש איך האָב קיין שום זאָרג ניט, כאָטש איך פֿיהר דאָס לוסטיגסטע לעבען. איך בין מיט אַלצדינג צופֿריעדען, און די דרייסיג יאָהר מיינע זיינען נאָך קיין עלטער ניט; מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָב איך געקראָגען צוגעשיקט פֿון העט וויים אַ פּאָר פֿויגעל־פֿעדערן, פֿון אימיצען, וועלכער איז זיי מיר ניט שולדיג געווען, צוויי גרינע פֿעדערן אין אַ בריעף־בויגען מיט אַ קרוין דערויף און פֿערזיגעלט מיט אַ פֿלאַבען זיגעל. ס'האָט מיר שטאַרק הנאה געטהאָן צו זעהן אַזעלכע צוויי פֿער'כשוף'ט גרינע פֿויגעל־פֿעדערן. און ווייטער האָב איך ניט קיין שום אַנדער פּלאָג, אַחוץ ווען ניט ווען אַ קליינעם וויטאָג אין מיין לינקען פֿוס; דאָס נעהמט זיך פֿון אַן אַלטער שאָסוואונד, וועלכע איז שוין לאַנג פֿערהיילט.

איך וויים נאָך דערצו, אַז פֿאַר צוויי יאָהרען איז די צייט זעהר שנעל פֿערביי, גאָר ניט דער ערך שנעלער איידער איצט; אַ זומער איז אַריבער, נאָך איידער איך האָב זיך אומגעקוקט. דאָס איז געווען פֿאַר צוויי יאָהרען, 1855; איך וויל עס בעשרייבען פֿון מיין אייגענעם פֿערגנינגען וועגען; דעמאָלט האָט מיט מיר פּאַסירט וואָס עס איז,

אָדער ס'האָט זיך מיר גאָר גע'חלום'ט. איצט האָב איך שוין פֿערגעסען פֿיעל פֿון דעם, וואָס געהערט צו יענע געשעהענישען, וואָרים פֿון דעמאָלט אָן האָב איך כמעט גאָר ניט געטראַכט דערפֿון; נאָר איין זאַך ווייס איך נאָך, אַז די נעכט זיינען זעהר ליכטיג געווען. אַ טהייל זאַכען זיינען מיר אויך פֿאָרגעקומען עפּעס אַזוי פֿערדרעהט, דאָס יאָהר האָט געהאַט צוועלף חדשים, נאָר די נאַכט איז געווען טאָג, און קיינמאָל האָט מען קיין שטערען ניט געקראָגען צו זעהן אויף'ן הימעל. און די מענשען, מיט וועמען איך בין זיך צונויפֿגעקומען, זיינען געווען עפּעס מאָדנע און פֿון אַ גאַנץ אַנדער סאָרט אייידער די, וועלכע איך האָב פֿון פֿריהער געקענט; צייטענווייז איז גענוג געווען איין נאַכט, זיי זאָלען ווערן צייטיג און דערוואַקסען און ענטוויקעלט אין זייער גאַנצער הערליכקייט. דערביי איז ניט געווען קיין שום כשוף, נאָר איך האָב עס פֿאַר דעם קיינמאָל ניט געזעהן. ניין.

אין אַ גרויסען, ווייס-געקאַלכטען הויז אונטען ביים ים האָב איך געטראָפֿען אַ פערזאָן, וועלכע האָט אַ שטיקעל צייט בעשעפֿטיגט מיין מוח. איך טראַכט שוין מעהר ניט וועגען איהר, איצט ניט מעהר, ניין, איך האָב זי אין גאַנצען פֿערגעסען; דערפֿאַר דיינק איך וועגען אַלעם אַנדערע, מכח דעם געשריי פֿון די ים-פֿייגעל, מכח מיין יאַגד אין די וועלדער, וועגען מיינע נעכט, וועגען אַלע וואַרעמע שטונדען פֿון'ם זומער. דעם אמת זאָגענדיג, האָב איך זיך מיט איהר בעקאַנט דורך אַ ריינעם צופֿאַל, און אָהן דעם דאָזיגען צופֿאַל וואָלט זי מיר קיין איין איינציגען טאָג ניט געלעגען אין זינען.

פֿון מיין שטיבעל אַרויס האָב איך געקענט זעהן אַ מיש-מאַש פֿון אינזלען און אינזעלאַך און פֿעלזען, אַ שטיק ים, אַ פּאָר בלויליכע פֿעלז-שפּיצען, און הינטערן שטיבעל איז געלעגען דער וואַלד, אַן אונגעהייער גרויסער וואַלד. מיט פֿרייד און דאַנק פֿלעגט מיין נשמה פֿול ווערן ביים ריח פֿון די וואָרצלען און די בלעטער, פֿון'ם פֿעטען דאַמפֿף פֿון די סאָסנעס, וואָס דערמאָנט אָן דעם ריח פֿון מאַרך; ערשט אין וואַלד פֿלעגט אַלעס רוהיג ווערן ביי מיר אינעווייניג, מיין זעעלע פֿלעגט זיך אויסגלייכען און פֿול ווערן מיט מאַכט. טאָג פֿאַר טאָג פֿלעג איך אַרויפֿגעהן אויף די הויכע בערג, כאָטש די העלפֿט פֿון דער ערד איז נאָך געווען בעדעקט מיט אייז

און מיט ווייכען שנעע. מיין איינציגער חבר איז געווען עזאָפּ; אַצונד האָב איך קאָראַ'ן, נאָר דעמאָלט האָב איך געהאַט עזאָפּ'ן, מיין הונד, וועמען איך האָב שפּעטער דערשאָסען אויף טויט.

אָפּטמאָל אָבענד-צייט, ווען איך פלעג זיך נאָך מיין יאַגד אומ-קעהרען צו מיר אין שטיבעל, האָט מיין וואַרם געפיהל, זיך געפי-נענדיג ביי זיך אין דער היים, מיך דורכגענומען פון קאָפּ ביז די פיס, יאָ, ס'האָט מיך דורכגענומען דורך און דורך, און דאַן פלעג איך זיך פונאַנדערפלוידערן מיט עזאָפּ'ן מכח דעם, אַז עס געהט אונז דאָך אַזוי גוט. נאַ, — רוף איך זיך אָב צו איהם, — לאָמיר אַקאָרשט מאַכען פייער און אָבראָטען דאָ אויף'ן אויווען אַ פויגעל; וואָס זאָגסט דו דערצו? און אַז אַלעס איז פאַרטיג געוואָרען, און מיר ביידע האָ-בען אָבגעגעסען, פלעגט עזאָפּ פערקריכען אויף זיין אָרט הינטערן אויווען, בעת ווען איך פלעג מיר פעררויכערן די פיפקע, זיך צולייגען אַ ווײלע אויף'ן בעטעל און זיך צוהערען צו דעם טעמפּען גערויש אין וואַלד. אַ שוואַך ווינטעל האָט געבלאָזען, און איך האָב דייטליך געהערט דאָס נאָגען פון'ם וואַלד-האָהן העט ווייט פון די בערג. ווייטער איז אַלעס געווען שטיל.

און צייטענווייז פלעג איך אַזוי איינשלאָפען אָנגעטהאָנערהייט, אָט ווי איך בין געשטאַנען און געגאַנגען, און איך פלעג זיך ערשט דאַן אויפכאַפּען, ווען די ים-פייגעל האָבען אָנגעהויבען שרייען.

אַז איך פלעג דאַן אַרויסקוקען פון פענסטער, האָב איך געזעהן אין דער ווייטענס די גרויסע, ווייסע געביידען פון'ם האַנדעלס-פּלאַץ, סירילונדס שפּייכלער, די קראָם, וואו איך פלעג קויפען מיין ברויט, און אַזוי פלעג איך נאָך בלייבען ליגען אַ ווײלע און זיך וואונדערן, וואָס איך געפין זיך דאָ אין אַ שטיבעל אין צפון-לאַנד, ביים ברעג פון אַ וואַלד.

דאַן פלעגט עזאָפּ דאָרט הינטערן אויווען פונאַנדערטרייסלען זיין לאַנגען שמאָלען קערפּער, מאַכענדיג דערביי אַ גערויש מיט זיין האַלז-באַנד; דערנאָך פלעגט ער זיך גוט אויסגענעצען און דרעהען מיט'ן עק, און איך פלעג זיך אויפכאַפּען נאָך אָט דעם דריי, פיער-שטונ-דיגען שלאָף און בין געווען אויסגערוהט און פול מיט פרייד איבער אַלעס, אַלעס.

אַזוי איז אַריבער מעהר ווי איין נאַכט.

II.

עס מעג רעגענען און שטורעמען — דאָס מאַכט גאָרנישט אויס; אָפּט טרעפֿט, אַז גראָד אין אַ רעגענדיגען טאָג איז מען נישקשה'דיג אויפֿגעלייגט און צופֿריעדען, וואָס מען קען בלייבען אַליין מיט זיין אייגענעם גליק. דאַן שטעלט מען זיך אויף און מען וואַרפֿט אַ בליק אויף דרויסען, ווען ניט ווען טהוט מען אַ שטילען שמייכעל פֿאַר זיך און מען קוקט זיך אום. מכח וואָס טראַכט מען? אַ קלאָהרע שויב אין אַ פֿענסטער, אַ זונען-שטראַהל אויף דער שויב; פֿון ווייטען זעהט זיך אַ קליין וואַסערל און פֿילייכט אויך אַ שפּאַלט אויף'ן הימעל. מעהר דאַרף מען גאָר ניט האָבען.

אין אַן אַנדער צייט קענען אפילו גאַנץ אונגעוועהנליכע געשעהע-נישען איינעם אָפֿט ניט אַרויסרייסען פֿון אַ קלעגליכער שטימונג; אין סאַמע מיטען גערויש אין באַל-זאַאַל קענסט דו זיך זיצען רוהיג, גלייכגילטיג, אָקוראַט ווי ס'וואָלט דיך גאָרנישט אָנגעגאַנגען. וואָרים אונזער אייגענע נשמה, דאָס איז דער קוואַל פֿון אומעט אָדער פֿרייד.

עס קומט מיר אַרויף אויף'ן זינען אַ בעשטיממטער טאָג. איך בין געווען אונטען ביים ברעג ים, דער רעגען האָט מיך פֿערכאַפּט אומ-געריכטערהייט און איך בין אַריין אין אַן אַרומגעצאַמטען נאָר ניט-פֿערדעקטען פלאַץ, וואו מען פֿלעגט האַלטען שיפֿלאַך, און איך האָב זיך דאָרט דערווייל צוגעזעצט. כ'האָב זיך צוגעזוונגען אַזוי פֿאַר זיך, נאָר אָהן לוסט און אָהן פֿרייד, בלויז כדי די צייט צו פֿערטרייבען. עזאָפּ איז געווען לעבען מיר, ער האָט זיך אַנידערגעזעצט און אָנגע-שטעלט די אויערן. איך האָב אויפֿגעהערט זינגען און זיך אויך צו-געהערט; פֿון דערווייטען לאָזען זיך הערען שטימען, מענשען קומען.

אַ צופֿאַל, אַ גאַנץ נאַטירליכער צופֿאַל! אַ קאָמפּאַניע פֿון צוויי הערען מיט אַ מיידעל זיינען אין איין אומפעט אַריינגעקומען צו מיר. לאַ־כענדיג האָבען זיי גערופֿען איינע די אַנדערע:

„גיכער, דאָ וועלען מיר זיך ווי עס איז בעהאַלטען פֿאַר'ן רעגען!"

איך בין אויפֿגעשטאַנען.

איינער פֿון די מענער האָט געטראָגען אַ ווייס, ניט־געפּרעסט אויבער־העמד, וואָס אוז נאָך דערצו געווען דורכגענעצט פֿון רעגען און איז אַראָבגעהאַנגען ווי אַ בייטעל; אין אָט דעם נאַסען אויבער־העמד האָט געשטעקט אַ דימענטענע שפּילקע. אויף די פֿיס האָט ער געהאַט לאַנגע, שפּיציגע שיך, וועלכע האָבען אויסגעזעהן גאַנץ פּראָסט. איך האָב בעגריסט דעם מאַן; ס'איז געווען הערר מאַק, דער סוחר; כ'האָב זיך געקענט מיט איהם פֿון דער קראָם, וואו איך פֿלעג קוי־פֿען ברויט. ער האָט מיך זאָגאַר איינמאָל פֿערבעטען צו זיך אין הויז, נאָר איך בין נאָך ביז דאַן נים געווען ביי איהם.

„אַה, גוטע בעקאַנטע!" האָט ער זיך אָבגערופֿען, בעת ער האָט מיך דערזעהן. „מיר זיינען געווען אויף'ן וועג צו דער מיהל; מיט אַמאָל האָבען מיר זיך געמוזט אומקעהרען. אַזאַ מין וועטער, וואָס? אָבער ווי קומט איהר אַהער, הערר לייטענאַנט?" ער האָט מיר פֿאָר־געשטעלט דעם קליינעם, שוואַרץ־באָרדיגען מאַן, וואָס איז געשטאַנען לעבען איהם, אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט געוואוינט לעבען דער אַנעקס־קירכע.

דאָס מיידעל האָט אַרויפֿגערוקט דעם שלייער ביז אויף דער נאָז און האָט אָנגעהויבען שטילערהייט פּלוידערן מיט עזאָפ'ן. כ'האָב בעמערקט איהר יאַקעל; אָן דעם שטאָף און אָן די קנאָפּ־לעכער האָב איך געקענט זעהן, אַז עס איז געפֿאַרבט. הערר מאַק האָט זי אויך פֿאָרגעשטעלט. זי איז געווען זיין טאָכטער און האָט געהייסען עדוואַרדאַ.

עדוואַרדאַ האָט מיר צוגעוואָרפֿען אַ בליק דורך'ן שלייער, דער־נאָך האָט זי ווייטער גערעדט מיט'ן הונד און האָט איבערגעלייענט דאָס, וואָס איז געשטאַנען אויף זיין האַלז־באַנד.

„אַה, דו הייסט עזאָפּ, וואָס?... דאָקטאָר, ווער איז ער דאָס געווען, דער עזאָפּ? דאָס איינציגע וואָס איך ווייס פֿון איהם איז, אַז

ער האָט געשריבען מעשה׳לאַך. איז ער ניט געווען אַ פֿריגיער? ניין, כ׳ווייס נים."

אַ קינד, אַ שוהל־מיידעל. כ׳האָב אַ קוק געטהאָן אויף איהר, זי איז געווען הויך, אָבער אָהן פֿאָרמען, אַן ערך פֿופֿצעהן, זעכצעהן יאָהר אַלט, מיט לאַנגע, ברוינע הענד אָהן האַנדשוה. אפשר האָט זי היינט נאָכמיטאָג אין אַ קאָנווערזאַציאָנס־לעקסיקאָן גראָד אויפֿגע־מישט דעם נאָמען „עזאָפּ".

הערר מאַק האָט זיך ביי מיר נאָכגעפֿרעגט מכח מיין יאַגד. וואָס איך שיס מעהר פֿון אַלצדינג? איינס פֿון זיינע שיפֿלאַך קען ער מיר צו יעדער צייט געבען, איך דאַרף עס נור זאָגען. דער דאָק־טאָר האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. אַז די קאָמפּאַניע איז אַוועק, האָב איך בעמערקט, אַז דער דאָקטאָר הינקט צו אַביסעל און געהט אָנגעשפּאַרט אויף׳ן שטעקען.

אין דערזעלבער פּוסטער שטימונג ווי פֿריהער האָב איך געוואַנדערט אַהיים און זיך צוגעזונגען גלייכגילטיג פֿאַר זיך. אָט די בעגעגניש האָט ניט געמאַכט קיין שום איינדרוק אויף מיין געדאַנק; מעהר פֿון אַלץ איז ביי מיר אין זכרון געבליבען הערר מאַק׳ס דורכגענעצט אויבער־העמד, וואו ס׳האָט געשטעקט אַ דימענטענע שפּילקע, וועל־כע איז געווען פּונקט אַזוי נאַס און אָהן אַ שום גלאַנץ.

III.

אַנטקעגען מיין שטיבעל איז געשטאַנען אַ שטיין, אַ הויכער, גראָער שטיין. ער האָט געהאַט אַן אויסדרוק פֿון ליעבשאַפֿט פֿאַר מיר; עפּעס האָט עס אויסגעזעהן, אַזוי ווי ער וואָלט געקוקט אויף מיר און מיך דערקענט, ווען איך פֿלעג איהם פֿערבייגעהן. איך פֿלעג גערן פֿערבייגעהן אָט דעם שטיין אין דער פֿריה, ווען איך בין אַרויס פֿון שטוב, און מיר האָט זיך אָבגעדוכט, אָקוראַט ווי איך וואָלט איבערגעלאָזט אַ גוטען פֿריינד, וועלכער וועט וואַרטען אויף מיר, ביז איך וועל צוריקקומען.

און אויבען אין וואַלד האָט זיך אָנגעהויבען די יאַגד. פֿילייכט האָב איך וואָס עס איז געשאָסען, און אפשר נים.

דאָרט בײַ די אינזלען איז געלעגען דער ים אין אַ מרה־שחורה׳דיגער רוה. אָפֿט פֿלעג איך שטעהן אויבען אויף די בערג, און אַז איך בין געווען גאַנץ הויך אויבען, האָב איך אַרונטערגעקוקט אין ים. אין שטילע טעג האָבען זיך די שיפֿען כמעט פֿון אָרט נים גערירט; דאַן האָב איך געקענט זעהן דעם זעלבען זעגעל דריי טעג נאָכאַנאַנד, קליין און ווייס ווי אַ טשאַיקע אויף׳ן וואַסער. נאָר אַז דער ווינד האָט זיך געביטען, דאַן זיינען די בערג אַזוי ווי פֿערשוואונדען העט ווייט; ס׳איז אָנגעקומען אַ מורא׳דיגער שטורם, אַ שטורם פֿון דרום־מערב־זייט. דאַן איז אַלצדינג געווען איינגעוויקעלט אין דאַמפֿף, ערד און הימעל האָבען זיך אַזוי ווי צונויפֿגעגאָסען אין איין שטיק, דער ים האָט זיך געוואָרפֿען און געטאַנצט, די רוישענדע כוואַליעס האָבען אויסגעזעהן ווי מענשען, פֿערד און צוריסענע פֿאָהנען. געשיצט אונטער אַ פֿעלז בין איך געשטאַנען, פֿערטיעפֿט אין אַלערלײַ

מחשבות; מיין זעעלע איז געווען געשפאַנט. גאָט ווייס, האָב איך זיך געטראַכט, וואָס מיר איז נאָך בעשעהרט היינט צו זעהן, און פאַרוואָס דער ים צוקאָכט זיך אַזוי דאָ פאַר מיינע אויגען? ווער ווייס, אפשר וועל איך אין דער ראָזיגער רגע דערזעהן דאָס סאַמע אינעווייניגסטע פון דער ערד'ס מוח, ווי עס ווערט דאָרט געאַרבייט, ווי עס קאָכט און זידט דאָרטען!

עזאָפ איז געווען אונרוהיג; ווען ניט ווען פלעגט ער אויפהויבען דעם שנוק און סאָפען און ציטערן מיט די פיס. אַזוי ווי איך האָב צו איהם ניט גערעדט, האָט ער זיך אַנידערגעלייגט צווישען מיינע פיס און פונקט ווי איך אַרויסגעקוקט אין ים. און קיין געשריי און קיין שום מענשען־שטימע איז אין ערגעץ ניט געווען צו פערנעהמען, בלויז דער טעמפער גערויש אַרום מיין קאָפ. ווייט אַרויס איז געלעגען אַן אינזעל, זי איז געלעגען אַליין; ווען דער ים האָט גערוישט ביי אָט דער אינזעל, האָט ער זיך אויפגעהויבען און זיך געדרעהט ווי אַ משוגע'נע שרויף, ניין, ווי אַ ים־גאָט, וואָס הויבט זיך אויף אַן אָבגע'טובל'טער, אַ טריפענדיגער אין דער הויך און קוקט אַרויס איבער דער וועלט און סאָפעט, אַזוי אַז האָר און באָרד שטעהען ווי אַ ראָד אַרום זיין קאָפ. דאַן טונקט ער זיך ווידער אונטער אין וויכער.

און אין רעכטען מיטען שטורם רוקט זיך אַ קליין, קויהל־ראָבען־שוואַרץ דאַמפף־שיפעל איבער'ן ים.

אַז איך בין נאָכמיטאָג אַרונטערגעגאַנגען צו דער בריק ביים ברעג ים, איז דאָס קליינע, קויהל־ראָבען־שוואַרצע דאַמפף־שיפעל אַריינגעקומען אין האַפען; ס'איז געווען דאָס פאָסט־שיף. אַסך מענשען האָבען זיך פערזאַמעלט אויף'ן ברעג, כדי אָנצוקוקען דעם זעלטענעם גאַסט; כ'האָב בעמערקט, אַז אַלע אָהן אַן אויסנאַהם האָבען געהאַט בלויע אויגען, כאָטש אַזוי זיינען זיי געווען פערשיעדען איינע פון די אַנדערע. ניט ווייט פון מיר איז געשטאַנען אַ יונג מיידעל מיט אַ ווייסען וואָלען טיכעל אַרום קאָפ; זי האָט געהאַט זעהר טונקעלע האָר, און דאָס ווייסע טיכעל האָט אַזוי מאָדנע אָבגעשלאָגען פון די האָר און זיך געוואָרפען אין די אויגען. זי האָט מיך אָנגעקוקט נייגיעריג, מיין לעדערנעם קאָסטיום, מיין געוועהר; אַז איך האָב צו איהר

געררט, האָט זי זיך פֿערשעהמט און אָבגעקעהרט דאָס געזיכט פֿון מיר. „דאָס ווייסע טיכעל דאַרפֿסט דו אימער טראָגען," האָב איך זיך אָבגערופֿען, „עס קליידט דיר זעהר גוט." אין דערזעלבער רגע איז צוגעקומען צו איהר אַ מאַן מיט ברייטע פּלייצעס אין אַן אַרבייטס־בלוזע, ער האָט זי גערופֿען עוואַ. זי האָט אויסגעזעהן ווי זיין טאָכטער. איך האָב געקענט דעם מאַן מיט די ברייטע פּלייצעס, ס'איז געווען דער שמיעד, דער שמיעד פֿון דאָרף. מיט אַ פּאָר טעג פֿאַר דעם האָט ער געמוזט איינשרויפֿען אַ נייעם צינד־שטיפֿט אין איינעם פֿון מיינע ביקסען.

און רעגען און ווינד האָבען זיך געטהאָן זייער אַרבייט און צושמאָלצען דעם גאַנצען שנעע. עטליכע טעג נאָכאַנאַנד האָט געהערשט אַ בייזע און קאַלטע שטימונג איבער דער ערד, פֿערפֿוילטע צווייגען האָבען זיך אָבגעבראָכען, און די קראָהען האָבען זיך פֿערזאַמעלט מחנות־ווייז און געקרעכצט. ס'האָט לאַנג ניט גערויערט, די זונן איז געווען נאָהענט, און איין פֿריה־מאָרגען איז זי אויפֿגעגאַנגען הינטער'ן וואַלד. ווי אַ צאַרטער גלעט געהט מיר אַריבער פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, בשעת די זונן געהט אויף; אין שטילער פֿרייד וואָרף איך מיר אַריבער דעם ביקס איבער דער פּלייצע.

IV.

אין יענער צייט האָב איך געהאַט גענוג וואָס צו שיסען; כ׳האָב געשאָסען וואָס איך האָב נור געוואָלט, אַ האָז, אַ וואַלד־הוהן, אַ שנעע־הוהן, און אַז איך בין צופֿעליג געוועזען אונטען ביים ים, און וואָס פֿאַר עס איז ים־פֿויגעל איז מיר פֿערביינעפֿלויגען, האָב איך אויך דעם געשאָסען. דאָס זיינען געוועזען גוטע צייטען; די טעג זיינען געוואָרען לייגנער און די לופֿט קלאָהרער; איך האָב זיך צוגעגרייט מיט אַלעם נייטיגען אויף צוויי טעג און בין אַוועק אויף די בערג, אויף די שפּיץ בערג; כ׳האָב געטראָפֿען בערג־לייט און געקראָגען פֿון זיי קעז, קליינע, פֿעטע קעזלאַך מיט אַ געשמאַק פֿון קרייטיכער. מעהר ווי איינמאָל בין איך דאָרט געוועזען. צוריק צו וועגס אַהיים, האָב איך אימער געשאָסען וואָס פֿאַר עס איז פֿויגעל און איהם אַריינ־געלייגט אין דער יאַגד־טאַש. איך פֿלעג זיך צוזעצען אין מיטען וועג און צובינדען עזאָפּ׳ן אָן שטריק. אַ מייל אונטער מיר איז געלעגען דער ים; די וועגד פֿון די בערג זיינען געוועזען שוואַרץ און פֿייכט פֿון׳ם וואַסער, וואָס האָט אַראָבגערונען איבער זיי, געטריפֿט און גע־רונען, כסדר מיט דעם זעלבען קורצען ניגון. אָט די קליינע מעלאָ־דיען ווייט אינעווייניג אין די בערג האָבען מיר אויסגעפֿילט מעהר ווי איין פּוסטען אויגענבליק, בשעת איך פֿלעג זיצען און זיך אומקו־קען אַרום מיר. אָט רינט עס שטיל, האָב איך ביי זיך געקלעהרט, אָט קלינגט דעי דאָזיגער קליינער, אונענדליכער טאָן דאָ אָב אין זיין איינזאַמקייט, און קיינער הערט איהם ניט, און קיינער האָט איהם אין זינען ניט, און דאָך קלינגט ער דאָ איינער אַליין כסדר, כסדר!

און אַז איך האָב געהערט דאָס דאָזיגע טריפֿען און רינען, האָב

איך זיך געטראַכט: ניין, דער באַרג איז גאָר ניט אַזוי וויסט און איינזאַם, ווי מען מיינט. ווען ניט ווען האָט זיך וואָס עס איז געמאַכט: אַ דונער האָט דורכגעטרייסעלט די ערד, אַ פֿעלז האָט זיך אָבגעריסען און איז אַרונטער אין ים, הינטער זיך האָט ער איבערגעלאָזט אַ וועג פֿון שטיין־רויך; אין דערזעלבער רגע הויבט עזאָפּ אויף דעם שנוק און סאָפּעט און ציהט פֿערוואונדערט אַריין אין זיך דעם שטאַרקען ריח, וועלכען ער הויבט ניט אָן בעגרייפֿען. אַז דאָס שנעע־וואַסער פֿלעגט דורכבערעכען שפּאַלטען אין די פֿעלזען, איז גענוג געווען אַ שאָס אָדער בלויז אַ שטאַרקען געשריי טהאָן, און אַ שטיק פֿעלז האָט זיך אָבגעטשעפּעט און דערנאָך זיך אַרונטערגעקאַטשעט אין ים...

אַ שטונדע האָט אַזוי געקענט פֿערגעהן, פֿילייכט נאָך מעהר, די צייט איז אַריבער אַזוי שנעל. כ'האָב צוריק אָבגעקניפּט דעם שטריק און געלאָזט עזאָפּ'ן פֿריי, אויפֿגעהאַנגען די יאַגד־טאַש אויף דעם אַנדערן אַקסעל און זיך געלאָזט געהן אַהיים. דער טאָג האָט געהאַלטען ביים פֿערגעהן. אונטען אין וואַלד האָב איך זיך געפֿונען אויף מיין אַלטען, בעקאַנטען וועג, אַ שמאָלער שטעג מיט מאָדנע פֿערדרעהטע זייטען־גיינג. איך בין דורכגעגאַנגען אַלע פֿערדרעהטע, קרומע וועגען און זיך גענומען גענוג צייט; כ'האָב זיך ניט געהאַט וואָס צו איילען, אין דערהיים האָט קיינער ניט געוואַרט אויף מיר! פֿריי ווי אַ הערשער בין איך אַרומגעגאַנגען און האָב געוואַנדערט דורך אַ פֿריעדליכען וואַלד, אַזוי לאַנגזאַם ווי איך האָב נור געוואָלט. אַלע פֿייגעל האָבען געשוויגען שטיל, נור דער וואַלד־האָהן האָט זיך געלאָזט הערען מיט זיין געוועהנליכען מאָנאָטאָנעם געזאַנג.

איך בין אַרויס פֿון וואַלד און איך האָב דערזעהן פֿאַר מיר צוויי מענשען, צוויי וואַנדערענדע מענשען, כ'האָב זיי אָנגעיאָגט; איינער פֿון זיי איז געווען פֿריילין עדוואַרדאַ, כ'האָב זי דערקענט און איהר בעגריסט; דער דאָקטאָר האָט זי בעגלייט. כ'האָב זיי געמוזט ווייזען מיין ביקס, זיי האָבען בעטראַכט מיין קאָמפּאַס, מיין יאַגד־טאַש; כ'האָב זיי איינגעלאַדען צו מיר אין שטיבעל, און זיי האָבען צוגעזאָגט צו קומען ווען עס איז.

איצט איז געוואָרען נאַכט. איך בין אַוועק אַהיים און האָב גע־

מאַכט פֿייער, כ'האָב אָבגעבראָטען אַ פֿויגעל און געפּראַוועט מיין מאָהלצייט. מאָרגען איז דאָך ווידער אַ טאָג...

שטיל און רוהיג איבעראַל. איך ליג דעם גאַנצען אָבענד און קוק אַרויס פֿון פֿענסטער; אַ פֿער'כשוף'טער גלאַנץ ליגט אַרום דער צייט אויף וואַלד און פֿעלד. די זונן איז אונטערגעגאַנגען און האָט אָבגעפֿאַרבט דעם האָריזאָנט מיט אַ פֿעטען, רויטען ליכט, וואָס איז זיך געלעגען שטיל ווי אייל. איבעראַל איז דער הימעל געווען אָפֿען און ריין. איך האָב אַריינגעקוקט אין דעם דאָזיגען קלאָהרען ים, און מיר האָט זיך גערוכט, עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט געלעגען פּנים אל פּנים אַנטקעגען דעם גרונד פֿון דער וועלט, אָקוראַט ווי מיין האַרץ וואָלט געקלאַפּט אַנטקעגען אָט דעם ריינעם גרונד, עפּעס אַזוי ווי עס וואָלט זיך געריסען אַהין. גאָט ווייס, אַזוי האָב איך זיך געטראַכט ביי זיך, פֿאַרוואָס דער האָריזאָנט טהוט זיך היינט אָבענד אָן אין לילאַ און גאָלד; צי איז ניט אַקאָרשט אויבען אין דער וועלט עפּעס אַ יום טוב, אַ גרויסאַרטיגער יום טוב, מיט מוזיק פֿון די שטערען און מיט שיפֿלאַך, וואָס פֿאָהרען די שטראָמען אַרונטער. עס זעהט אַזוי אויס! און איך האָב פֿערמאַכט די אויגען און איך בין געווען דאָרט אין די שיפֿלאַך, און געדאַנקען אויף געדאַנקען האָבען דורכגעזעגעלט דורך מיין מוח...

אַזוי איז אַריבער מעהר ווי איין טאָג.

כ'האָב אַרומגעוואַנדערט און געזעהן, ווי דער שנעע האָט זיך צולאָזט אין וואַסער און ווי דאָס אייז איז צוגאַנגען. עס זיינען געווען טעג, ווען איך האָב אפילו מיין ביקס ניט אויסגעשאָסען, קוים האָב איך נור געהאַט גענוג וואָס צו עסען ביי מיר אין שטיבעל; כ'האָב בלויז אַזוי אַרומגעשפּאַצירט און געלאָזט די צייט זיך געהן איהר וועג. וואוהין איך האָב זיך נאָר אַ קעהר געטהאָן, איבעראַל איז געווען וואָס צו זעהן און וואָס צו הערען, אַלצדינגנג האָט זיך טאָג פֿאַר טאָג געענדערט אַ קליין ביסעלע, אפילו די קוסטאַרניקעס און די גראָזען אויף די ווענד האָבען אויך געוואַרט אויף'ן פֿריהלינג. איך בין צום ביישפּיעל אַרונטער צו דער מיהל; זי איז נאָך געלעגען פֿערפֿראָרען; נאָר די ערד אַרום און אַרום איז זינט מענשען געדענקען געווען איינ־געטראָטען, אַ קלאָהרער בעוויז, אַז מענשען מיט זעק פֿול קאָרן זיי־

נען דאָ געווען און האָבען עס געלאָזט מאָהלען. איך בין דאָרט אַרום־געגאַנגען אַזוי ווי צווישען מענשען; אין די ווענד זיינען אויך געווען אויסגעקריצט פֿערשיעדענע בוכשטאַבען און יאָהרעס־צאָהלען.

נו יאָ!

V

זאָל איך נאָך שרייבען ווייטער? ניין, ניין. בלויז אַביסעל פֿון מיין פֿערגנינגען וועגען, און ווייל עס פֿערטרייבט מיר די צייט, ווען איך דערצעהל, ווי דער פֿריהלינג איז פֿאַר צוויי יאָהרען געקומען און ווי אַזוי די ערד האָט אויסגעזעהן. די ערד און דער ים האָבען אָנגעהויבען שמעקען; די פֿערוויאַנעטע בלעטער, וואָס זיינען געלעגען און געפֿוילט אין וואַלד, האָבען אָבגעגעבען פֿון זיך אַ זיסליכען ריח פֿון שוועבעל־וואַסערשטאָף, און די פֿייגעלאַך זיינען אַרומגעפֿלויגען מיט צווייגעלאַך אין די שנאָבלען און האָבען געבויט זייערע נעסטען. נאָך אַ פּאָר טעג און די טייכלאַך האָבען זיך אָנגעפֿילט און זיינען אויפֿגעלאָפֿען מיט שוים, דאָ און דאָרט האָט מען געזעהן אַ זומער־פֿייגעלע, און די פֿישער זיינען צוריקגעקומען פֿון זייערע רודער־פּלעצער. דעם סוחר׳סביידע שנעל־שיפֿלאַך זיינען געקומען פֿול־געלאָדען מיט פֿיש און האָבען געאַנקערט אויף זייערע פּלעצער ביים ברעג ים. פּלוצלינג איז געוואָרען לעבעדיג און ריהרעווריג אויף דער גרעסטער פֿון די אינזלען, וואו מען האָט געטריקענט די פֿיש. איך האָב עס אַלעס געזעהן פֿון מיין פֿענסטער אַרויס.

אָבער צו מיר אין שטיבעל איז קיין שום ליאַרם ניט צוגעקומען, איך בין געוועזן און בין געבליבען אַליין. ווען ניט ווען איז אימיצער פֿערבייגעגאַנגען; כ׳האָב געזעהן עוואַ׳ן, דעם שמיעד׳ס טאָכטער; זי האָט געהאַט אַ פּאָר רויטע פֿלעקען אויף דער נאָז.

„וואוהין לאָזט דו זיך געהן?" האָב איך געפֿרעגט.

„אין וואַלד נעהמען האָלץ," האָט זי רוהיג געענטפֿערט. זי האָט געהאַלטען אַ שטריק אין דער האַנד, כדי דערמיט דאָס האָלץ צו

טראָגען, און אַרום קאָפּ האָט זי געהאַט דאָס ווייסע וואָלענע טיכעל. כ'האָב איהר נאָכגעקוקט, נאָר זי האָט זיך ניט אומגעקעהרט.

דערנאָך זיינען אַריבער שעהנע עטליכע טעג, איידער איך האָב ווידער געזעהן אַ מענשען אין די אויגען.

דער פריהלינג איז אָנגעקומען מיט אימפעט, און דער וואַלד האָט געלויכטען. ס'איז געווען אַ גרויס פערגניגען צו קוקען אויף די זינג־פייגעלאַך, ווי זיי זיינען זיך געזעסען הויך אויבען אויף די שפּיצען פון די בוימער און האָבען געקוקט אין דער זונן און געשריען. ציי־טענווייז בין איך שוין אַרום צוויי אַ זייגער אין דער פריה אויף געווען, כדי אָנטהייל צו נעהמען אין דער דאָזיגער שמחה, וואָס די פייגעל און די חיות האָבען אַרויסגעוויזען, בשעת די זונן איז אויפגעגאַנגען.

דער פריהלינג איז אויך צו מיר געקומען, און אין מיין בלוט האָט עס צייטענווייז געקלאַפּט, ווי דאָס קלאַפּען פון טריט. איך בין געזעסען אין שטיבעל און האָב געקלעהרט צורעכט צו מאַכען מיינע־פישער־שטעקלאַך און מיינע שטריק, נאָר דאָך האָב איך מיט קיין פינגער ניט געריהרט, וואָס עס איז צו טהון; אַ גליקליכע, דונקע־לע אונרוהיגקייט האָט געהאַלטען אין איין אַרויס און אַריינגעהן צו מיר אין האַרצען. פּלוצלינג כאַפּט זיך עזאָפּ אויף, בלייבט שטעהן אויף שטייפע פּיס און בילט זיך פונאַנדער. מענשען זיינען צוגעקו־מען צום שטיבעל. שנעל כאַפּ איך אַראָב מיין מיץ פון קאָפּ און איך הער שוין פרייליין עדוואַרדאַ'ס שטימע ביי דער טהיר. פריינד־ליך און אָהן צערעמאָניעס איז זי מיט'ן דאָקטאָר געקומען צו מיר אויף בעזוך, ווי זיי האָבען צוגעזאָגט.

„יאָ, ער איז דאָ אין דערהיים,“ האָב איך זי געהערט זאָגען. און דערנאָך איז זי אַריינגעקומען און האָט מיר מעשה קליין מיידעלע דערלאַנגט די האַנד. „געכטען זיינען מיר אויך געווען דאָ, נאָר איהר זייט ניט געווען אין דערהיים,“ האָט זי ערקלעהרט.

זי האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף מיין בעטעל און געוואָרפען אַ בליק איבער'ן שטיבעל; דער דאָקטאָר האָט זיך געזעצט לעבען מיר אויף דער לאַנגער באַנק. מיר האָבען זיך פונאַנדערגעשמועסט, מיר האָבען געפּלוידערט און זיך אויסגערעדט דאָס האַרץ. איך האָב זיי צווישען אַנדערעס דערציהלט וואָסערע חיות עס זיינען דאָ אין וואַלד,

און וואָס איך טאָר איצט נים שיסען, מחמת ס'איז די צייט, ווען געוויסע חיות און פֿייגעל דאַרפֿען געשוינט ווערן. אַט דעם וואַלד־האָהן, למשל, דאַרף מען אַצונד נים שיסען.

דער דאָקטאָר האָט איצט אויך נים גערעדט קיין סך; נאָר אַז ער האָט צופֿעליג דערזעהן מיין פולווער־האָרן, אויף וועלכען ס'איז געשטאַנען אַ פאַן־פֿיגור, האָט ער אָנגעהויבען ערקלעהרען דעם מיטה פֿון'ס נאַטור־גאָט פּאַן.

„אָבער פֿון וואָס לעבט איהר פֿאָרט, ווען עס קומט די צייט, ווען אַלע חיות און פֿייגעל דאַרפֿען געשוינט ווערן?" האָט עדוואַרדאַ פלוצלינג אַ פֿרעג געטהאָן.

„פֿון פֿיש," האָב איך געענטפֿערט. „מעהרסטענטיילס פֿון פֿיש ס'איז אימער דאָ וואָס עס איז צו עסען."

„אָבער איהר קענט דאָך קומען צו אונז עסען," האָט זי גע־זאָגט. „פֿאַר אַ יאָהרען האָט אַן ענגלענדער געהאַט אייער שטיבעל; דער פֿלעגט זעהר אָפֿט קומען עסען ביי אונז."

עדוואַרדאַ האָט אַ קוק געטהאָן אויף מיר, און איך האָב אַ קוק געטהאָן אויף איהר. אין דער רגע האָב איך דערפֿיהלט, ווי עפּעס האָט זיך געגעבען אַ ריהר ביי מיר און האַרצען, אַזוי ווי אַ שנעלע, פֿריינדליכע בעגריסונג. דאָס איז געקומען פֿון פֿריהלינג און פֿון'ם ליכטיגען טאָג; זינט דאַן האָב איך גענוג געטראַכט דעריבער. אַחוץ דעם האָב איך בעוואונדערט איהרע געדרעהטע אויגען־ברעמען.

זי האָט געזאָגט אַ פאָר ווערטער מכח מיין וואוינונג. כ'האָב בעהאַנגען די ווענד מיט פֿערשיעדענע פֿעלען און פֿליגלען פֿון פֿייגעל; דאָס שטיבעל האָט אינעווייניג אויסגעזעהן ווי אַ האָריגע בערען־הייהל. דאָס איז איהר שטאַרק געפֿעלען. „יאָ, דאָס איז אַ בערען־הייהל," האָט זי געזאָגט.

איך האָב גאָרנישט געהאַט מיט וואָס מכבד צו זיין מיינע געסט, עפּעס רעכטס, וואָס זיי זאָלען קענען אָננעהמען, האָב איך זיך מיישב געווען, איך וועל זיי צום שפּאַס אָבבראָטען אַ פֿייגעל; זיי זאָלען עס קריגען צוגעשטעלט אויף אַ יעגערשען אופֿן און עסען מיט די פֿינ־גער. דאָס איז דאָך אַ שטיקעל צייט־פֿערטרייב.

האָב איך אַלזאָ אָבגעבראָטען דעם פֿייגעל.

עדוואַרדאַ האָט דערצעהלט וועגען דעם ענגלענדער. דאָס איז געווען אַן אַלטער, מערקווירדיגער מאַן, וועלכער האָט כסדר גערעדט צו זיך אַליין הויך אויף'ן קול. ער איז געווען אַ קאַטהאָליק, און וואו ער איז געשטאַנען און געגאַנגען, האָט ער מיטגעטראָגען ביי זיך אין קעשענע אַ קליין געבעט-ביכעל מיט שוואַרצע און רויטע אותיות.

„דאַן איז ער, הייסט עס, געווען אַן אירלענדער?" האָט דער דאָקטאָר געפֿרעגט.

„אַזוי? אַן אירלענדער?"

„נו פֿערשטעהט זיך, אויב ער איז געווען אַ קאַטהאָליק!"

עדוואַרדאַ איז רויט געוואָרען. זי האָט אָבגעקעהרט איהר בליק און געשטאַמעלט:

„נו יאָ, אפשר איז ער טאַקע געווען אַן אירלענדער?"

פֿון דער רגע אָן האָט זי פֿערלאָרען איהר מונטערקייט. ס'האָט מיר לייד געטהאָן פֿאַר איהר, און איך האָב גערן געוואָלט אַלעס צוריק גוט מאַכען; מחמת דעם האָב איך זיך אָבגערופֿען:

„ניין, נאַטירליך זייט איהר גערעכט; אירלענדער קומען ניט קיין נאָרוועגען."

מיר האָבען צווישען זיך אָבגעמאַכט, אין איינעם פֿון די קומענדע טעג אַרויסצופֿאָהרען אַביסעל אויף'ן ים און אָנקוקען דעם אינזעל, וואו מען טריקענט די פֿיש...

נאָכדעם ווי איך האָב מיינע געסט בעגלייט אַ שטיק וועג, האָב איך זיך אומגעקעהרט אַהיים און פֿון דאָס ניי גענומען טראַכטען מכח מיינע פֿישער-געצייג. מיין נעץ איז געהאַנגען אויף אַ טשוואָק ביי דער טהיר, און עטליכע שלייפֿען זיינען פֿערראָסט און קאַליע געוואָרען; כ'האָב אָנגעשאַרפֿט עטליכע האַקענס, זיי פֿעסט צוגע־קניפּט און נאָכגעזעהן די פֿישער־שנורען. ווי שווער איז עס מיר היינט געוואָרען, וואָס עס איז צו טהאָן! געדאַנקען, וועלכע האָבען גאָר ניט געהערט אַהער, זיינען מיר דורכגעלאָפֿען אין מוח; עפּעס איז מיר פֿאָרגעקומען, אַז איך האָב בעגאַנגען אַ פֿעהלער, דערמיט וואָס איך האָב פֿריילײן עדוואַרדאַ די גאַנצע צייט געלאָזט זיצען אויף'ן בעטעל, אָנשטאָט איהר אָנצובאָטען אַ פּלאַץ אויף דער באַנק. כ'האָב פּלוצלינג געזעהען פֿאַר מיינע אויגען איהר ברוינעס געזיכט און דעם

ברוינעם האַלז; דעם פֿאַרטוך האָט זי פֿאָרנט אַביסעל אַרונטערגע־
צויגען, כדי צו קריגען אַ לאַנגע טאַליע, ווי די מאָדע איז געווען.
דער צניעות'דיגער מיידעל־אויסדרוק פֿון איהר גראָבען פֿינגער האָט
געווירקט צערטליך אויף מיר, און די פּאָר פֿאַלטען אויף'ן גלענק
זיינען געווען פֿול מיט פֿריינדליכקייט. זי האָט געהאַט אַ גרויס מויל,
וואָס האָט געגליהט.

איך בין אויפֿגעשטאַנען, האָב געעפֿענט די טהיר און אַרויסגע־
הערט אויף דרויסען. כ'האָב גאָרנישט געהערט און אויך גאָרנישט
געהאַט וואָס צו הערען. איך האָב אַלזאָ ווידער פֿערמאַכט די טהיר.
עזאָפּ איז אויפֿגעשטאַנען פֿון זיין געלעגער און האָט דערזעהן מיין
אונרוהיגקייט. מיט אַמאָל פֿאַלט מיר איין, אַז איך וואָלט געקענט
נאָכלויפֿען פֿריילין עדוואַרדאַ און ביי איהר בעטען אַ פּאָר זייד־
פֿעדים, צו פֿערריכטען מיין נעץ; דאָס איז ניט קיין אויסרייד, כ'וואָלט
דאָך איהר געקענט ווייזען דעם נעץ און די פֿונאַנדערגענומענע שליי־
פֿען. איך בין שוין געווען ביי דער טהיר, דערמאָן איך זיך, אַז איך
האָב אַליין זייד ביי מיר אין מיין פֿליגען־בוך, נאָך מעהר זאָגאַר ווי
איך דאַרף. און שטיל און דערשלאָגען בין איך צוריק אַריין, ווייל איך
האָב אַליין געהאַט זייד.

אַז איך בין אַריין אינעווייניג, האָט מיר אין שטיבעל אַנטקעגען
געשלאָגען אַ פֿרעמדער הויך; איך בין שוין מעהר ניט געווען איינער
אַליין דאָרט.

VI.

אַ מאַן האָט מיך געפֿרעגט, צי איך שים שוין מעהר גאָרנישט; ער האָט פֿון די בערג אַראָב קיין שום שאָס פֿון מיר ניט געהערט, כאָטש ער איז געלעגען צוויי טעג אויף'ן וואַסער און האָט געכאַפּט פֿיש. ניין, כ'האָב גאָרנישט געשאָסען, איך בין געווען אין דערהיים ביי מיר אין שטיבעל, ביז וואַנען איך האָב שוין מעהר גאָרנישט געהאַט וואָס צו עסען.

אויף'ן דריטען טאָג בין איך אַרויס אויף דער יאַגד. דער וואַלד איז געווען גרינלאַך, ס'האָט זיך געהערט אַ ריח פֿון ערד און בוימער; די גרינע יונגע ציבעלעס האָבען שוין אַרויסגעקוקט פֿון דעם פֿערפֿרוירענעם זומפּ. איך בין געווען פֿול מיט געדאַנקען און האָב זיך עטליכע מאָל צוגעזעצט. אין משך פֿון דריי טעג צייט האָב איך מעהר ניט געזעהן ווי איין מענשען, יענעם פֿישער, ווענען איך האָב נעכטען בעגעגענט. כ'האָב זיך געקלעהרט: פֿילייכט וועל איך היינט אָבענד, געהענדיג אַהיים, בעגעגענען אימיצען ביים ברעג וואַלד, וואו איך האָב זיך דאָס לעצטע מאָל געטראָפֿען מיט דעם דאָקטאָר און מיט עדוואַרדאַ'ן; ס'קען דאָך געמאָלט זיין, זיי זאָלען דאָרט ווידער געהן שפּאַצירען, — פֿילייכט — און פֿילייכט ניט. אָבער פֿאַרוואָס האָב איך עפּעס געטראַכט גראָד פֿון אָט דיביידע? כ'האָב געשאָסען אַ פּאָר וואַלד־היהנער און גלייך טאַקע צוגעכט געמאַכט איינע פֿון זיי צום עסען, דערנאָך האָב איך פֿעסט פֿערקניפּט עוואָפּ'ן.

בעת איך האָב געגעסען, בין איך געלעגען אויף דער טרוקענער ערד. ס'איז געווען שטיל אין וואַלד, בלויז אַ מילדער גערויש פֿון'ם ווינד און ווען ניט ווען אַ געשריי פֿון אַ פֿויגעל. איך בין געלעגען

און האָב געקוקט אויף די צווייגען, וועלכע האָבען זיך גאַנץ שטיל געשאָקעלט אַהין און אַהער אין דעם לופט־צוג; דאָס שטילע ווינ־טעל האָט זיך געטהאָן דאָס זייניגע און געטראָגען בליטהען־שטויב פון צווייג צו צווייג; דער גאַנצער וואַלד איז געשטאַנען אין הויכער ענטציקונג. אַ גרינער בוים־וואָרים וואַנדערט איבער אַ צווייג, וואַנ־דערט אָהן אַן אָבהאַלט, אָקוראַט ווי ער וואָלט ניט געקענט רוהען. ער זעהט כמעט גאָרנישט, כאָטש ער האָט אויגען; אָפטמאָל הויבט ער זיך אויף און טאַפּט אין דער לופטען, אַזוי ווי ער וואָלט געזוכט עפּעס אָן וואָס זיך אָנצוהאַלטען; ער זעהט אויס ווי אַ קורצער, גרי־נער פאָדים, וואָס נעהט מיט לאַנגזאַמע שטעך אַ זוים אין דער לייגג פון׳ם צווייג. ביז׳ן אָבענד וועט ער אפשר צוקומען אַהין, וואוהין ער וויל.

שטיל, אימער שטיל. איך שטעה אויף און געה, כ׳זעץ זיך אַנידער און שטעה ווידער אויף; ס׳איז אונגעפעהר פיער אַזייגער; אַז עס וועט זיין זעקס אַזייגער, וועל איך געהן אַהיים און זעהן, צי וועל איך ניט בעגעגענען וועמען עס איז. ס׳בלייבען מיר נאָך צוויי שעה צו וואַרטען, און איך בין שוין אַביסעל אונרוהיג און באַרשט אָב קראָפּעווע און בלאָטע פון מיינע קליידער. כ׳קען גוט די וועגען, אויף וועלכע איך געה, בוימער און שטיינער שטעהען דאָרט ווי פריהער איינזאַם און אַליין, די בלעטער מאַכען אַ גערויש אונטער מיינע פיס. דער מאָנאָטאָנער גערויש און די בעקאַנטע בוימער און שטיינער זיי־נען ניט קיין קליינינגקייט פאַר מיר; איך בין פול מיט אַ מאָדנער דאַנקבאַרקייט; אַלעס לאָזט זיך מיט מיר אריין, מישט זיך אויס אינאיינעם מיט מיר, איך ליעב אַלצדינג. כ׳נעהם אַ טרוקענעם צווייג און האַלט איהם אין דער האַנד און בעטראַכט איהם, בעת ווען איך זיץ אַזוי און קלעהר מכח מיינע עסקים. דער צווייג איז כמעט אין גאַנצען פערפוילט, זיין אָרעמע קאָרע מאַכט אַ טיעפען רושם אויף מיר, מיין האַרץ צוגעהט פון רחמנות. און אַז איך שטעה אויף און לאָז זיך געהן וויטער, שליידער איך דעם צווייג ניט אַוועק וויט פון מיר, נאָר איך לייג איהם אַנידער אויף דער ערד און כ׳שטעה און קלייב נחת פון איהם; ענדליך גיב איך צום לעצטען מאָל נאָך אַ קוק אויף איהם מיט פייכטע אויגען, איידער איך לאָז איהם דאָרט איבער.

און עס ווערט פֿינף אַזייגער. די זונן ווייזט מיר ניט די ריכ־טיגע צייט; כ׳בין דעם גאַנצען טאָג געגאַנגען צו מערב צו און מיין זונען-זייגער, וועלכען איך פֿלעג אָנשטעלען לויט די זונען־צייכענס ביי מיין שטיבעל, האָט געמוזט איינלויפֿען אפשר מיט אַ גאַנצע האַלבע שעה. דאָס אַלעס ליגט מיר גוט אין זינען; נאָר ניט קוקענ־דיג דערויף האָב איך דאָך נאָך אַלץ אַ שטונדע ביז זעקס אַזייער, דערום שטעה איך ווידער אויף און געה אָב אַ גאַנצע שטרעקע. און די בלעטער רוישען אונטער מיינע פֿיס. אַזוי פֿערגעהט אַ שעה צייט.

אונטער מיר זעה איך דאָס קליינע טייכעל און די קליינע מיהל, וועלכע איז ווינטער געווען פֿערפֿראָרען, און דאַן בלייב איך שטעהן; די מיהל געהט, איהר גערויש וועקט מיך; איך בלייב שטעהן אַ רגע, און מיט איין מאָל! ס׳איז צו שפעט! רוף איך זיך אָב הויך אויף׳ן קול. אַ וועהטאָג געהט מיר אַריבער איבער׳ן גאַנצען לייב, איך קעהר זיך גלייך אויף׳ן שטעל אום און לאָז זיך געהן אַהיים, אָבער דערביי ווייס איך גאַנץ גוט, אַז איך האָב זיך פֿערשפּעטיגט. איך הויב אָן גיכער געהן, לויפֿען: עזאָפּ פֿערשטעהט, אַז עס געהט דאָ אין וואָס עס איז; ער ציהט דעם שטריק, שלעפּט מיך מיט, וואויעט און האָט אויך קיין צייט ניט. די טרוקענע בלעטער פֿליהען אַרום איבער אונז. נאָר אַז מיר זיינען אַרונטערגעקומען צום ברעג וואַלד, איז קיינער ניט געווען דאָרט, ניין, אַלעס איז געווען שטיל, ס׳איז קיינער דאָרט ניט געווען.

קיינער איז ניטאָ! רוף איך זיך אָב. און ס׳איז דאָך נאָך אַלעמען ניט געווען קיין ערגערעס ווי דאָס, וואָס איך האָב ערוואַרט.

אָבער איך האָב ניט געמאַכט קיין שהיות, נאָר געצויגען פֿון אַלע מיינע געדאַנקען, בין איך אַריבער מיין שטיבעל, אַרונטער נאָך סירילונר, האַק און פּאַק מיט עזאָפּ׳ן, מיט דער יאַגד־טאַש און מיט׳ן ביקס און מיט אַלע מיינע קלאַפּער-נעצייג.

הערר מאַק האָט מיך איינגענומען מיט דער גרעסטער פֿריינד־ליכקייט און מיך פֿערבעטען צו זיך אויף נאַכטמאָהל.

VII.

איך מיין, אַז איך קען אַביסעל אַריינקוקען און לייענען אין די נשמות פֿון די מענשען, וועלכע געפֿינען זיך אַרום מיר; נאָר אפשר האָב איך אַ טעות אין דעם. אָה! ווען איך בין נור גוט אויפֿגעליינט, דאַן קומט מיר פֿאָר, אַז איך קען אריינקוקען טיעף צו די מענשען אין די נשמות, כאָטש איך בין גאָר ניט אַזאַ מיי־ניסטער-קאָפּ. מיר זיצען צוזאַמען אין אַ שטוב, אַ פּאָר מענער, עטליכע פֿרויען און איך, און מיר דוכט זיך עפּעס, איך זעה וואָס עס טהוט זיך סאַמע אינעווייניג ביי די דאָזיגע מענשען, און וואָס זיי דיינקען וועגען מיר. אין יעדען פינטעל פֿון זייערע אויגען לייען איך וואָס עס איז; צייטענווייז קומט זיי דאָס בלוט אַרויף אין די באַקען און זיי ווערן רויט; דאַן מאַכען זיי זיך כלומר'שט, ווי זיי וואָלטען גאָר געקוקט אין אַן אַנדער זייט און לאָזען מיך פֿונדעסט-וועגען נימ אַרוים פֿון אויג. דאַן זיץ איז אַזוי און בעטראַכט אַלצ־דינג, און קיינעם קומט גאָר אויף'ן זינען נימ אַרויף, אַז איך קוק דורך יעדע זעעלע. עטליכע יאָהר נאָכאַנאַנד האָב איך געגלויבט, אַז איך קען לייענען וואָס עס טהוט זיך ביי אַלע מענשען אין די נשמות. נאָר פֿילייכט איז דאָס ניט אַזוי, אפשר האָב איך אַ טעות אין דעם...

איך בין דעם גאַנצען אָבענד געבליבען ביי הערר מאַק אין הויז. כ'האָב דאָך איינענטליך געקענט גלייך אַוועקגעהן פֿון דאָרט, ס'איז דאָך פֿאַר מיר גאָר קיין שום אינטערעס ניט געווען דאָרט צו זיצען, נאָר — צי בין איך דען ניט געקומען, מחמת אַלע מיינע געדאַנקען האָבען מיך געצווינגען אהין? און ווי האָב איך אַלזאָ

געקענט גלייך אװעקגעהן פֿון דאָרט? מיר האָבען געשפּיעלט װהיסט און נאָך'ן עסען האָבען מיר געטרונקען פּונש; איך האָב זיך גע־זעצט מיט'ן רוקען אַנטקעגען צימער און אָנגעבױגען דעם קאָפּ; הינטער מיר איז עדוואַרדאַ אַרױס און אַרײנגעגאַנגען. דער דאָקטאָר איז װידער געװען אַװעקגעפֿאָהרען.

הערר מאַק האָט מיר געװיזען די אײנריכטונג פֿון זײנע נײע לאָמפּען, די ערשטע קעראָסין־לאָמפּען, װאָס זײנען געקומען פֿון גאַנץ װײט, שעהנע, גרױסע לאָמפּען אױף בלײענע פֿיס; ער אַלײן פֿלעגט זײ יעדען אָבענד אָנצינדען, כדי אױסצומײדען יעדען אונ־גליק. ער האָט אַ פּאָר מאָל גערעדט װעגען זײן זײדען, דעם קאָנ־זול: מײן זײדע קאָנזול מאַק האָט אָט די שפּילקע געקראָגען פֿון קעניג קאַרל יאָהאַן'ס אײגענע הענד, האָט ער געזאָגט און דערבײ האָט ער אָנגעװיזען אױף זײן דימענטענער שפּילקע. זײן פֿרױ איז געװען טױט; אין אַ זײטען־שטוב האָט ער מיר געװיזען אַן אײל־בילד איהרס, אַ בכבוד'יגע פֿרױ מיט אַ בלאָנדער הױב און מיט אַ פֿרײנדליכען שמײכעל. אין'ם זעלבען צימער איז אױך געשטאַנען אַ ביכער־שאַפֿע, װאו עס זײנען זאָגאַר געװען פֿראַנצױזישע ביכער, װעלכע האָבען אױסגעזעהן װי גע'ירש'ענטע; די אײנבאַנדען זײנען געװען פֿײן און בעגילדעט, און װיפֿיעל בעלי בתים זײ האָבען גע־האַט, אַזױ פֿיעל האָבען דאָרט זײערע נעמען אַרײנגעשריבען. צװי־שען די ביכער זײנען אױך געװען אױפֿקלעהרענדע שריפֿטען; הערר מאַק איז געװען אַ דײנקענדער מאַן.

זײנע בײדע קאָמיס האָבען געמוזט אַרײנגערופֿען װערן צום װהיסט; זײ האָבען געשפּיעלט לאַנגזאַם און ניט זיכער, האָבען געצעהלט און אױסגערעכענט און פֿונדערסטװעגען פּאָרט געמאַכט פֿעהלערן. אײנעם פֿון זײ האָט עדוואַרדאַ אַרױסגעהאָלפֿען.

איך האָב איבערגעקעהרט מײן גלאָז; כ'בין געװען גאַנץ צו־מישט דערפֿון און איך האָב זיך אױפֿגעהױבען פֿון אָרט.

„אַה, װאָס זאָגט איהר דערצו? אָט האָב איך גאָר אומגע־װאָרפֿען מײן גלאָז," האָב איך זיך אָבגערופֿען.

עדוואַרדאַ האָט אַרױסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער און גע־ענטפֿערט:

„נו יאָ, דאָס וועהען מיר יערענפאַלס."

אַלע האָבען מיך מיט אַ לאַבענרדען טאָן פערזיכערט, אַז דאָס מאַכט גאָרנישט אויס. כ'האָב געקראָגען אַ האַנדטוך, זיך דערמיט אָבצוּואווישען, און מיר האָבען זיך ווידער גענומען שפּיעלען. ס'איז געוואָרען עלף אַזייגער.

אַ פינסטער, מרה-שחורה'ריג געפיהל האָט מיך דורכגענומען, בעת עדוואַרדאָ האָט זיך צולאַכט; כ'האָב אַ קוק געטהון אויף איהר און געפונען, אַז איהר געזיכט זאָגט גאָרנישט און איז גאָר ניט אַזוי שעהן. הערר מאַק האָט ענדליך געמאַכט אַ סוף צום שפּיעלען מיט דעם אויסרייד, אַז די צוויי קאָמים מוזען געהן שלאָפען; דאַן האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט מיט'ן רוקען אָן דער זאָפּאַ און אָנגעהויבען ריידען מכח דעם, אַז ער וויל לאָזען אָנשלאָגען אַ שילד אויף דער טהיר פון זיין שפּייכלער און האָט ביי מיר געפרעגט אַן עצה, וואָס פאַר אַ פאַרב ער זאָל דערצו נעהמען? כ'האָב זיך נעלאַנגווײלט, געזאָגט שוואַרץ, סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין, ניט נאָכדיינקענדיג דעריבער; און גלייך נאָכדעם האָט זיך אויך הערר מאַק אָבגערופען:

„שוואַרצע פאַרב; כ'האָב אויך אַזוי געטראַכט. „סקלאַד פון זאַלץ און ליידיגע פעסער", מיט דיקע, שוואַרצע בוכשטאַבען, דאָס איז שעהנער פון אַלצרינג... עדוואַרדאָ, ווילסט נאָך גאָר ניט געהן שלאָפען?"

עדוואַרדאָ איז אויפגעשטאַנען, האָט אונז ביידען דערלאַנגט די האַנד, געזאָגט גוטע נאַכט און איז אַרויס פון צימער. מיר זיינען געבליבען אַליין. מיר האָבען גערעדט מכח דער אייזענבאַהן, וועלכע איז פאַר אַ יאָהרען פאַרטיג געוואָרען, מכח דער ערשטער טעלעגראַפען-ליניע. גאָט וייס, ווען מיר וועלען אַמאָל האָבען דעם טעלעגראַף דאָ אין נאָרד-לאַנד! פויזע.

„זעהט איהר," האָט הערר מאַק געזאָגט, „איך בין שוין פאַוואָליע זעקס און פערציג יאָהר אַלט, מיט גראָע האָר און מיט אַ גראָען באָרד. יאָ, יאָ, איך פיהל, אַז איך בין אַלט געוואָרען. איהר זעהט מיך בייטאָג און איהר מיינט, איך בין יונג; נאָר אַז די נאַכט קומט און איך בין אַליין, דאַן בלייב איך אָהן כחות. דאַן זיץ איך

דאָ אין צימער און לייג אויס קאָרטען. מיט אַביסעל קונקעל־מונקעל קומען זיי לייכט אַרויס. האַהאַ."

„די גוטע קאָרטען, הייסט עס, קומען מיט קונקעל־מונקעל אַרויס?" האָב איך געפרעגט.

„יאָ."

מיר האָט זיך גערוכט, עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט געקענט לייענען ביי איהם אין די אויגען.

ער איז אויפגעשטאַנען, איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און האָט אַרויסגעקוקט; ער איז געשטאַנען מיט אַן איינגעבויגענעם רוקען און זיין האַלז און נאַקען זיינען געווען בערעקט מיט האָר. איך בין אויך אויפגעשטאַנען. ער האָט זיך אומגעדרעהט און איז מיר אַנטקעגען געקומען אויף זיינע לאַנגע, שפּיציגע שיך; ער האָט אַריינגעשטעקט די גראָבע פינגער פון זיינע הענד אין די וועסט־מאַשען און האָט געקלאַפּט מיט די אָרעמס, אַזוי ווי מיט פליגלען; אין דערזועלבער צייט האָט ער אַ שמייכעל געטהאָן. דערנאָך האָט ער מיר ווידער אָנגעבאָטען אַ שיפּעל אַרויסצוזודערן אין ים און כאַפּען פיש און האָט מיר דערלאַנגט די האַנד.

„ערלויבט מיר, איך זאָל אייך בעגלייטען אַביסעל," האָט ער זיך מיט אַמאָל אָבגערופען און האָט פערלאָשען די לאָמפּען. „יאָ, כ'וועל נאָך מאַכען אַ קליינעם שפּאַציר, ס'איז נאָך ניט שפּעט."

מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען.

ער האָט אָנגעוויזען אויף'ן וועג, וואָס האָט געפיהרט פערביי דער שמיערעריי, און האָט געזאָגט:

„דער וועג! דאָס איז דער קירצסטער."

„ניין," האָב איך געזאָגט, „דער וועג פערביי די שפּייכלערס איז דער קירצסטער."

מיר האָבען זיך געאַמפּערט אַ ווילע, אָהן דעם מיר זאָלען זיך איינינגען דעריבער. איך בין געווען איבערציינגט, אַז איך בין גערעכט, און איך האָב גאָר ניט געקענט פערשטעהן, פאַרוואָס ער איז אַזוי איינגעשפּאַרט. ענדליך האָט ער פאָרגעשלאָגען, יעדער איינער זאָל זיך געהן זיין איינענעם וועג; ווער עס וועט אָנקומען אַפריהער, זאָל וואַרטען ביים שטיבעל.

מיר האָבען גענומען געהן, ער איז באַלד פֿערשוואונדען אין וואַלד.

איך בין זיך געגאַנגען מיין געוועהנליכען גאַנג און האָב אויס-גערעכענט, אַז איך מוז אָנקומען וויינינגסטענס פֿינף מינוטען פֿריהער פֿאַר איהם, נאָר אַז איך בין צוגעקומען צום שטיבעל, איז ער שוין געשטאַנען דאָרט. ער האָט מיר אַנטקעגען געשריען:

„נו, זעהט איהר שוין! איך געה שטענדיג מיט דעם וועג, ס'איז ווירקליך דער קירצסטער."

מיט פֿערוואונדערטע בליקען האָב איך איהם בעטראַכט, ער איז גאָר ניט געוועזען פֿערשוויצט און ס'האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי ער וואָלט גאָרנישט געלאָפֿען. ער האָט זיך גלייך אָבגעזעגענט מיט מיר, מיר געדאַנקט פֿאַר מיין בעזוך און איז אַוועק צוריק מיט דעם זעלבען וועג, וואָס ער איז געקומען.

איך בין געבליבען שטעהן און האָב געטראַכט ביי זיך: ווי מאָדנע דאָס איז! איך זאָל ניט זיין קיין מבין אויף ווייטקייטען, און איך בין, דוכט זיך, שוין שעהנע עטליכע מאָל געגאַנגען מיט אָט די ביידע וועגען. ליעבער מאַן, דו מאַכסט שוין ווידער קונקעל-מונקעל! צי איז די גאַנצע מעשה ניט געווען אַ תירוץ, אַן אויס-רייד פֿאַר וואָס עס איז?

כ'האָב געזעהן, ווי זיין רוקען פֿערשווינדט ווידער אַמאָל אין וואַלד.

אין אַ רגע אַרום האָב איך איהם גענומען נאָכגעהן, פֿאָרזיכ-טיג און שנעל; כ'האָב געזעהן, ווי ער ווישט זיך כסדר דאָס געזיכט און איך האָב אַלזאָ ניט געקענט וויסען, צי איז ער פֿריהער פֿאָרט ניט געלאָפֿען. איצט איז ער געגאַנגען זעהר לאַנגזאַם, כ'האָב איהם ניט אַרויסגעלאָזט פֿון אויג און געזעהן, ווי ער איז געבליבען שטעהן לעבען דעם שמיעד'ס הויז. כ'האָב זיך בעהאַלטען און געזעהן, אַז די טהיר האָט זיך געעפֿענט און הערר מאַק איז אַריין אינעווייניג אין הויז.

ס'איז געווען איינס אַזייגער. כ'האָב עס דערקענט אָן'ם ים און אָן דעם גראָז.

VIII.

עטליכע טעג זיינען אַזוי אַריבער, מיין איינציגער פֿריינד איז געווען דער וואַלד און זיין גרויסע איינזאַמקייט. גאָט מיינער, כ'האָב, דוכט זיך, קיינמאָל אַזוי שטאַרק ניט געוואונשען צו זיין אַליין, ווי אין דעם ערשטען פֿון די דאָזיגע טעג. ס'איז געווען פֿולער פֿריה־לינג, כ'האָב געפֿונען פֿריהלינג-פֿלאַנצען און קרייטיכער אויף'ן אַקער, און די זינג-פֿייגעל זיינען געקומען, כ'האָב געקענט אַלע פֿייגעל. צייטענווייז פֿלעג איך אַרויסנעהמען צוויי פֿיער-און-צוואַנציג-שילינג-שטיקער פֿון טאַש און קלינגען דערמיט, כדי איבערצושלאָ־גען די איינזאַמקייט. כ'האָב געקלעהרט ביי זיך: ווי וואָלט אַשטיי־נער געווען, ווען דידעריק און איזעלין וואָלטען אַצונד אַהער געקומען!

איצט האָט שוין מעהר ניט געוואָלט ווערן נאַכט; די זונן האָט זיך בלויז טובל געווען אין ים און איז דערנאָך ווידער אַרויפֿ־געקומען, רויט, יונג, אָקוראַט ווי זי וואָלט געווען אונטען און זיך דאָרט אָנגעטרונקען. ווי וואונדערליך ס'איז מיר געווען ביינאַכט, דאָס וועט קיין מענש ניט גלויבען. וואָס זשע, איז פּאַן, דער גאָט פֿון דער נאַטור, געזעסען אין אַ בוים און האָט זיך צוגעקוקט צו מיר, ווי איך וועל זיך בענעהמען? און איז זיין בויך געווען אָפֿען, און איז ער געווען אַזוי צונויפֿגעקאָרטשעט, אַז ער איז גע־זעסען, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט געטרונקען פֿון זיין אייגענעם מאָ־גען? אָבער אָט דאָס אַלעס האָט ער דאָך בלויז געטהון, כדי צו קענען וואַרפֿען גנב'ישע בליקען און מיך צו האַלטען אין אויג, און דער גאַנצער בוים האָט געציטערט פֿון זיין שטילען געלעכטער, ווען ער האָט געזעהן, ווי פֿערזונקען איך בין אין מיינע געדאַנקען.

איבעראַל אין וואַלד האָט עס נעזשומעט און געשוישט; חיות האָבן געסאָפּעט, פֿייגעל האָבן געשריגן איינע די אַנדערע, זייערע סיג־נאַלן האָבן אָנגעפֿילט די לופֿט. דער מאַי־זשוק האָט נעהאַט זיין פֿליה-צייט; זיין אַרומפֿלאַטערן האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם אַרומפֿלאַטערן פֿון׳ם נאַכט-שמעטערלינג; ס׳האָט געקלונגען ווי אַ שוּשקעריי אַהער און אַ שוּשקעריי אַהין אין גאַנצן וואַלד. וואָס האָט מען דאָ ניט געקענט הערען! דריי נעכט בין איך ניט גע־שלאָפֿען, כ׳האָב געטראַכט פֿון דידעריק און איזעלין.

קוק זיך אַקאָרשט אום, האָב איך געקלעהרט, זיי קענען נאָך קומען. און איזעלין וועט פֿערנאַרען דידעריק׳ן צו אַ בוים און איהם זאָגען:

בלייב דאָ, דידעריק, גיב אַכטונג, האַלט וואַך איבער איזעלין, דער יענער דאַרט זאָל מיר דאָס שוּך-בענדעל צובינדען.

און דער יענער, דאָס בין איך; און זי וועט מיר אַ וואונק געבען מיט די אויגען, אַז איך זאָל עס פֿערשטעהן. און ווי זי קומט נור, פֿערשטעהט שוין מיין האַרץ אַלצדינג, און ס׳שלאָגט שוין ניט מעהר, נאָר עס קלינגט ווי אַ שטורם-גלאָק. און אונטער איהר לייוועגטענעם מאַנטעל איז זי נאַקעט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, און איך ריהר זי אָן מיט מיין האַנד.

בינד מיר צו דאָס שוּך-בענדעל! זאָגט זי מיט רויט-געוואָ־רענע באַקען.

און גלייך נאָכדעם שפּעטשעט זי מיר אַריין אין מויל אַריין, אויף מיינע ליפּען: אָה, דו בינדסט מיר, הייסט עס, ניט צו דאָס שוּך-בענדעל, דו געליעבטער מיינער, ניין, דו בינדסט עס ניט צו... בינדסט ניט צו דאָס...

אָבער די זונן האָט זיך אָבגעטובל׳ט אין ים און איז דערנאָך ווידער אַרויפֿגעקומען, רויט, יונג, אָקוראַט ווי זי וואָלט געוועזן אונ־טען און זיך דאָרט אָנגעטרונקען. און די לופֿט איז פֿול מיט שוּשקעריי.

אין אַ שעה אַרום זאָגט זי מיר ווידער אין מויל אַריין:

אַצונד מוז איך דיך פֿערלאָזען.

און זי ווינקט מיר צו, בעת זי געהט אַוועק, און איהר פּנים פֿלאַמט נאָך, איהר פּנים איז צערטליך און מחיה׳דיג. און ווידער אַמאָל קעהרט זי זיך אום און מאַכט מיט דער האַנד.

אָבער דידעריק טרעט אָב פֿון בוים, קומט צו צו איהר און זאָגט: איזעלין, וואָס האָסט דו געטהאָן? כ'האָב עס געזעהן.

זי ענטפֿערט:

דידעריק, וואָס האָסט דו געזעהן? כ'האָב דאָך גאָרנישט געטהאָן.

איזעלין, איך האָב געזעהן, אַז דו האָסט עס געטהאָן, זאָגט ער ווייטער. כ'האָב עס געזעהן, איזעלין.

דאָ הילכט איהר הויך און פֿרעהליך געלעכטער אָב איבער'ן גאַנצען וואַלד, און זי געהט אַוועק מיט איהם, הוליענדיג און זינדיג פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. און וואוהין געהט זי? צו אן אַנדער בחור, אַ יעגער אין וואַלד.

ס'איז געווען האַלבע נאַכט. עזאָפּ האָט זיך אויסגעריסען און איז אַרויס אויף זיין איינענער יאַגד; כ'האָב איהם געהערט בילען אויבען אויף'ן באַרג, און אַז איך האָב איהם ענדליך געהאַט צוריק לעבען זיך, איז שוין געווען איינס אַזייגער. אַ פּאַסטושקע, אַ וונג מיידעל, איז געגאַנגען איבער'ן וועג; זי האָט געשטריקט אַ זאָק, זיך צוגעזונגען אַ ליעדעל און זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטען. אָבער וואו איז פֿאָרט איהר סטאַדע? און וואָס האָט זי צו טהאָן נאָך האַלבע נאַכט אין וואַלד? גאָרנישט, גאָרנישט. מחמת אונרוהינקייט, און אפשר מחמת פֿרייד. כ'האָב געקלעהרט ביי זיך: זי האָט אַודאי געהערט עזאָפּ'ס בילען און האָט געוואוסט, אַז איך בין אין וואַלד.

אַז זי איז צוגעקומען, בין איך אויפֿגעשטאַנען און האָב זי אָנגעקוקט. עזאָפּ איז אויך געשטאַנען און האָט געקוקט אויף איהר.

„פֿון וואַנען קומסט דו?" האָב איך איהר אַ פֿרעג געטהאָן.

„פֿון דער מיהל," האָט זי געענטפֿערט.

אָבער וואָס האָט זי אַזוי שפּעט ביינאַכט געקענט האָבען צו טהאָן אין מיהל?

„ווי אַזוי קענסט דו זיך דערוועגען אַזוי שפּעט ביינאַכט אַרומ־געהן דאָ אין וואַלד," האָב איך זיך אָבגערופֿען, „דו, וואָס דו ביסט אַזוי צאַרט און יונג?"

זי האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט און געענטפֿערט:

„איך בין גאָר ניט אַזוי יונג, כ'בין שוין ניינצעהן יאָהר."

אָבער זי האָט ניט געקענט זיין קיין נײַנצעהן יאָהר; איך בין איבערצייגט, אַז זי האָט זיך צוגעלייגט גאַנצע צוויי יאָהר און איז אַלט געווען זיבעצעהן יאָהר, נים מעהר. אָבער נאָך וואָס האָט זי געראַרפּט זאָגען אַ ליגען און זיך מאַכען עלטער ווי זי איז געווען?

„זעץ זיך," האָב איך געזאָגט, „און דערצעהל מיר, ווי דו הייסט."

און רויט ווערענדיג האָט זי זיך אַנידערגעזעצט לעבען מיר און געזאָגט אַז זי הייסט הענריעטע.

איך האָב געפרעגט: „האָסט אַ געליעבטען, הענריעטע, און האָט ער דיך שוין אומאַרמט?"

„יאָ," האָט זי געענטפערט און אַ שמייכעל געטהאָן אין פערלעגענהייט.

„ווי אָפט שוין?"

זי שווייגט.

„ווי אָפט?" האָב איך ווידער אַמאָל געפרעגט.

„צוויי מאָל," האָט זי געזאָגט שטילערהייט.

כ'האָב זי צוגעצויגען צו מיר און געפרעגט:

„ווי האָט ער געטהאָן? האָט ער געטהאָן אַזוי?"

„יאָ," האָט זי געשעפטשעט, ציטערנדיג מיט'ן גאַנצען קערפער. ס'איז געוואָרען פיער אַזייגער.

IX.

כ'האָב געהאַט אַ געשפּרעך מיט עדוואַרדאַ'ן:

„ס'וועט באַלד רעגענען," האָב איך זיך אָבגערופען.

„ווי שפּעט איז איצט?" האָט זי געפרעגט.

כ'האָב אַ קוק געטהון אויף דער זונן און געענטפערט:

„אַרום פינף."

זי האָט געפרעגט:

„וואָס זשע, איהר קענט עס אזוי גענוי זעהן אויף דער זונן?"

„יאָ," האָב איך געענטפערט, „כ'קען עס."

פויזע.

„אָבער אַז איהר זעהט נ י ט די זונן, ווי אַזוי קענט איהר דאַן וויסען, ווי שפּעט עס איז?"

„דאַן האָב איך אַנדערע זאַכען, וועלכע זאָגען עס מיר. דאַן זיינען עס דער צופלוס און אָבפלוס פון'ם וואַסער ביים ברעג ים, דאָס גראָז, וואָס לייגט זיך צו אַ בעשטימטער שעה, דער געזאַנג פון די פייגעל, וועלכער בייט זיך; אַ טהייל הויבען אָן זינגען, ווען די אַנדערע הערען אויף. דאַן זעה איך די צייט אָן די בלומען, וועלכע שליסען זיך נאָכמיטאָג, אָן די בלעטער, וואָס אָט זיינען זיי העל-גרין, אָט דונקעל-גרין; אַחוץ דעם האָב איך עס אין געפיהל."

„ווירקליך?" האָט זי געזאָגט.

כ'האָב געוואוסט, אַז עס וועט באַלד אָנהויבען רעגענען און איך האָב דערום ניט געוואָלט לייגגער אויפהאַלטען עדוואַרדאַ'ן אין מיטען וועג; האָב איך אַרויפגעלייגט די האַנד אויף מיין היטעל,

צו נעהמען אָבשיעד פֿון איהר. אָבער דאָ האָט זי מיך פלוצלינג פֿערהאַלטען מיט אַ נייער פֿראַגע, און איך בין געבליבען שטעהן. זי איז רויט געוואָרען און האָט מיך געפֿרעגט, פֿאַרוואָס איך בין איינגענטליך דאָ, פֿאַרוואָס איך געה אויף דער יאַגד, פֿאַרוואָס דאָס און פֿאַרוואָס יענעס. איך שיס נור דאָס, וואָס איך מוז האָבען זיך צו ערנעהרען, האָב איך געזאָגט, עזאָפּ מוז זיך אויסרוהען.

זי איז געוואָרען רויט און צוטראָגען. איך האָב געזעהן, אַז אי-מיצער האָט וועגען מיר גערעדט, און אַז זי האָט עס געהערט; דאָס איז ניט געקומען פֿון איהר אַליין. מיט אַמאָל האָט זי אין גאַנצען צורייצט מיין שטימונג, זי האָט אויסגעזעהן אַזוי פֿערלאָזען, ס'איז מיר אַרויף אויף'ן זינען, אַז זי האָט קיין מוטער ניט, איהרע מאָגערע אָרעמס האָבען איהר געגעבען אַ פֿערנאַכלעסיגטען אויס-זעהן. דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ טיעפֿען רושם.

נו יאָ, איך שיס ניט, כדי צו טויטען, איך שיס, כדי צו לע-בען. היינט דאַרף איך האָבען בלויז איין וואַלד-הוהן, דערפֿאַר שיס איך ניט צוויי, נאָר איך שיס דאָס אַנדערע מאָרגען. נאָך וואָס זאָל איך שיסען מעהר וויפֿיעל איך דאַרף? איך לעב אין וואַלד, כ'בין אַ זוהן פֿון'ם וואַלד; דעם ערשטען יוני הויבט זיך אָן די צייט, ווען אויך די האָזען און די שנעע-היהנער דאַרפֿען געשוינט ווערן; דאַן וועל איך כמעט גאָרנישט מעהר האָבען וואָס צו שי-סען, גוט, דאַן וועל איך זיך אַרויסלאָזען מיט מיינע נעצען און לע-בען פֿון פֿיש. איהר פֿאָטער וויל מיר געבען אַ שיפֿעל, מיט וועל-כען איך זאָל קענען אַרויסרודערן אין ים. על כל פנים בין איך ניט קיין יעגער, בלויז כדי צו שיסען, נאָר אום צו לעבען אין וואַלד. דאָרט אין וואַלד איז מיר וואויל ווי די וועלט; אויף דער ערד גרייט איך מיר צום טיש און איך זיין מיר ווי מיר פּאַסט, ניט אויף אַ שטוהל, גלייך און אויסגעשטרעקט ווי אַ ליכט; כ'קעהר דאָרט קיין גלאָז ניט איבער. אין וואַלד פֿעהלט מיר קיין זאַך ניט, כ'קען זיך לייגען אויף'ן רוקען און צומאַכען די אייגען, ווען איך וויל; דאָרט קען איך אויך זאָגען וואָס איך וויל. מען קען גאָר אָפּט ווע-לען זאָגען וואָס עס איז, ריידען הויך אויף'ן קול, און עס קלינגט ווי אַ רעדע פֿון טיעפֿען האַרצען אין וואַלד...

...история и литерат. Бібліотека ...адемічної... ...ферейна

אַז איך האָב איהר געפֿרעגט, צי זי פֿערשטעהט דאָס, האָט זי געענטפֿערט יאָ.

האָב איך ווייטער גערעדט, מחמת זי האָט פֿון מיר קיין אויג נים אַראָבגענומען. „ווען איהר וואָלט געוואוסט, מיט וואָס איך זעה זיך דאָס אַלעס אָן דאָרט אויף די פֿעלדער," האָב איך געזאָגט. „ווינטער, למשל, קום איך צו געהן און זעה די שפור פֿון דער שנעע-הוהן אין שנעע. מיט אַמאָל — ניטאָ קיין שפּורען, דער פֿוי-געל איז אַוועקגעפֿלויגען. אָבער נאָך'ן אָבדרוק פֿון די פֿליגלען קען איך זעהן, אין וואָס פֿאַר אַ זייט דער פֿויגעל איז אַוועקגעפֿלויגען, און אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך איהם געפֿונען. דאָס איז יעדעס מאָל עפּעס נייעס פֿאַר מיר. אָסיען-צייט זעהט מען גאָר אָפֿט די מעטעאָרען, די פֿליהענדע שטערען. וואָס זשע, טראַכט איך מיר דאַן אין מיין איינזאַמקייט, אַט אַפּנים ס'איז אַ וועלט, וואָס האַלט זיך ביים פֿונאַנדערטרייסלען? אַ וועלט, וואָס צופֿאַלט גראָד פֿאַר מיינע אויגען אין שטיקער? און מיר — מיר איז אַפּנים בעשעהרט צו זעהן, ווי אַ שטערן פֿאַלט אַראָב פֿון הימעל! נאָר אַז דער זומער קומט אָן, דאַן געפֿינט זיך פֿילייכט אויף יעדען בלאַט אַ קליינטשיק, לע-בעדיג חיה'לע; איך קען זעהן, אַז אַ טהייל פֿון זיי זיינען אָהן פֿליגלען, זיי קענען זיך נים ריהרען פֿון אָרט, זיי מוזען לעבען און שטאַרבען אויף'ן קליינעם בלעטעל, וואו זיי זיינען געקומען אויף דער וועלט. בערעכענט פֿאָרט! צייטענווייז זעה איך די בלויע פֿליעג. יאָ, אַט דאָס אַלעס הערט מען אַזוי ווייניג, כ'ווייס נים, צי איהר פֿערשטעהט עס."

„געוויס —, געוויס פֿערשטעה איך עס."

„יאָ, יאָ. און צייטענווייז קוק איך אויף'ן גראָז, און דאָס גראָז קוקט אפשר אויף מיר; ווער קען וויסען? כ'זעה אַן איינצעלנעם גראָז-שטעקעל, עס טהוט פֿילייכט אַ ציטער, און מיר ווייזט זיך אויס, אַז דאָס איז עפּעס; איך קלעהר ביי זיך: דאָ שטעהט אַלזאָ דאָס דאָזיגע גראָז-שטעקעל און ציטערט! און שטעל איך זיך אָב לעבען אַ סאָסנע, זי צו בעטראַכטען, דאַן האָט זי פֿילייכט אַ צווייג, וועלכער גיט מיר אויך אַביסעל צו דיינקען. אָבער צייטענווייז טרעף איך אויך מענשען דאָרט אויף די בערג, דאָס קומט פֿאָר."

כ'האָב אַ קוק געטהאָן אויף איהר, זי איז געשטאַנען אָנגעבויגען און האָט זיך צוגעהערט. כ'האָב זי פּשוט ניט דערקענט. זי איז געווען אַזוי פֿערטיעפֿט אין מיינע רייד, אַז זי האָט זיך גאָרנישט אומגע־קוקט אויף זיך, נאָר איז געשטאַנען מיאוס, אָבגעלאָזען; איהר אונ-טערשטע ליפּ איז שטאַרק אַראָבגעהאַנגען.

„יאָ, יאָ," האָט זי געזאָגט און האָט זיך אויפֿגעשטעלט גלייך. די ערשטע רעגען־טראָפּענס זיינען געפֿאַלען.

„יאָ, זעהט, עס רעגענט טאַקע," האָט זי אויך געזאָגט און איז גלייך אַוועק.

כ'האָב איהר ניט בעגלייט אַהיים, זי איז זיך אַליין געגאַנגען איהר וועג, איך האָב זיך געלאָזט געהן שנעל צו מיין שטיבעל. עטליכע מינוטען זיינען אַריבער, ס'האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו רעגענען. מיט אַמאָל הער איך, ווי אימיצער לויפֿט מיר נאָך; כ'בלייב שטעהן און דערזעה עדוואַרדאַ'ן. פֿון אָנשטריינגונג איז זי רויט געוואָרען און האָט געלאַכט.

„כ'האָב זיך נאָר פֿערגעסען," האָט זי געזאָגט אָהן אַן אָטהעם, „וועגען דעם אויספֿאָהר צום פֿיש־אינזעל. דער דאָקטאָר קומט מאָר-גען, האָט איהר צייט?"

„מאָרגען? נו יאָ, אַודאי האָב איך צייט."

„כ'האָב זיך גאָר געהאַט פֿערגעסען אָן דעם," האָט זי ווידער געזאָגט און געשמייכעלט.

אַז זי איז אַוועק, זיינען מיר אַרויף אויף'ן זינען איהרע שלאַנקע, שעהנע פֿיס: זיי זיינען געווען נאַס ביז הויך אַרויף. איהרע שיך זיינען געווען אָבגעטראָטען.

X.

איך קען זיך נאָך זעהר גוט דערמאָנען אָן אַ געוויסען טאָג. ס'איז געווען דער טאָג, אין וועלכען מיין זומער איז געקומען. די זונן האָט שוין ביי נאַכט אָנגעהויבען שיינען און ביז אין דער פריה האָט זי אויסגעטריקענט די פייכטע ערד; די לופט איז נאָך'ן לעצטען רעגען געוואָרען ווייך און פיין.

ס'איז געווען נאָכמיטאָג, ווען איך בין צוגעקומען צו דער לאַנדונגס-בריק. דאָס וואַסער איז זיך געלעגען גאַנץ שטיל, מיר האָבען געהערט געלעכטער און פלוידעריי פון דער אינזעל, וואו מענער און מיידלאַך זיינען געווען פערטהאָן מיט די פיש. ס'איז געווען אַ פרעהליכער נאָכמיטאָג.

יאָ, איז עס ניט געווען אַ פרעהליכער נאָכמיטאָג? מיר האָבען מיטגענומען מיט זיך קערב מיט וויין און עסען, אַ גרויסע קאָמפּאַניע, וועלכע האָט זיך צוטהיילט אין צוויי שיפלאַך, יונגע דאַמען אין העלע קליידער. איך בין געווען אַזוי אויפגעלייגט, אַזוי צופריעדען, כ'האָב זיך שטילערהייט צוגעזונגען פאַר זיך.

אַז איך בין געזעסען אין שיפעל, האָב איך געקלעהרט ביי זיך, פון וואַנען האָבען זיי זיך דאָס געקענט נעהמען, אָט די אַלע יונגע מענשען. דאָ זיינען געווען די טעכטער פון'ם לאַנד-דאָקטאָר און פון'ם פערוואַלטער, אַ פאָר גוּאווערנאַנטקעס, די דאַמען פון דעם קירך-בעצירק; איך האָב זיי נאָך ניט געהאַט געזעהן, זיי זיינען מיר געווען פרעמד, און דאָך אַזוי פערטרויליך און צוגעלאָזען, אָקוראַט ווי מיר וואָלטען זיך שוין געקענט פון אַ לאַנגער צייט. איך האָב בעגאַנגען עטליכע פעהלערן, כ'בין פשוט ניט געוואוינט

געווען אַרומצוגעהן מיט מענשען און איך האָב אָפּט געזאָגט „די" צו די יונגע דאַמען; אָבער מען האָט אויף מיר קיין פּאַראיבעל ניט געהאַט. איינמאָל האָב איך געזאָגט: „ליעבע" אָדער „מיינע ליעבע", נאָר מען האָט מיר אויך דאָס ניט גענומען פאַר אומגוט און מען האָט זיך געמאַכט כלא ידע, פונקט ווי איך וואָלט עס גאָרנישט געזאָגט.

הערר מאַק האָט ווי געוועהנליך געטראָגען אַ ניט-געפּרעסט איבער-העמד מיט דער דימענטענער שפּילקע. ער האָט אויסגעזעהן צו זיין זעהר גוט אויפגעליינט און האָט אַריבערגעשריען צום אַנ־דערן שיפּעל:

„גיט אַכטונג אויף די קערב מיט די פּלעשער, איהר פּער־ריקטע מענשען! דאָקטאָר, איהר וועט מיר דאַרפען צושטעלען די פּלעשער, איהר הערט?"

„יאָ, יאָ," האָט דער דאָקטאָר אָבגעענטפערט. און נור אָט די צוויי קולות איבער'ן ים, פון שיפּעל צו שיפּעל, האָבען פאַר מיר נעקלונגען יום טוב'דיג און פרעהליך.

עדוואַרדאַ האָט געטראָגען דאָס קלייד פון נעכטען, גלייך זי וואָלט קיין אַנדערס ניט געהאַט, אָדער קיין אַנדערס ניט געוואָלט אָנטהאָן. איהרע שיך זיינען אויך געווען דיזעלבע. מיר האָט זיך גע־דוכט, עפּעס אַזוי ווי די הענד איהרע וואָלטען ניט געווען גאַנץ ריין; נאָר אויף'ן קאָפּ האָט זי געטראָגען אַ שפּאָגעל נייעס פּע־דער־הוט. איהר געפּאַרבט יאַקעל האָט זי מיטגענומען מיט זיך, כדי דערויף צו זיצען.

אויף הערר מאַק'ס וואונש האָב איך אויסגעשאָסען מיין ביקס, בעת מיר זיינען אַרויף אויף דער יבשה; כ'האָב אויסגעשאָסען צוויי מאָל, דאַן האָט מען געשריען הוררא. מיר זיינען אַרויף אויף דער אינזעל; די לייט, וועלכע זיינען געווען בעשעפטיגט מיט'ן טרוי־קענען די פיש, האָבען אונז אַלע בעגריסט, און הערר מאַק האָט פּערבונדען זאַ נעשפּרעך מיט זיינע אַרבייטער. מיר האָבען געפונען שטערן-בלומען און ווילדע פלאַנצען, וועלכע מיר האָבען אַריינגע־שטעקט אין די קנאָפּ-לעכער; אַ טהייל האָבען געפונען גלאָקען־בלומען.

ח

און מחנות פֿון ים־פֿייגעל האָבען געקוויטשעט און געשריען אין דער לופֿטען און ביים ברעג ים.

מיר האָבען זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ לאָנקע, וואו עס זיינען געשטאַנען עטליכע קרומע בעריאָזעווע בוימער מיט ווייסע קאָרע; די קערב זיינען אויסגעפּאַקט געוואָרען, און הערר מאַק האָט אויפֿגעעפֿענט די פֿלעשער. העלע קליידער, בלויע אויגען, דער קלאַנג פֿון גלעזער, דער ים, די ווייסע זעגלען. מיר האָבען אויך געזונגען.

און די באַקען האָבען זיך גערויטעלט.

אין אַ שעה אַרום זיינען מיינע געדאַנקען פֿול מיט פֿרייד; אויך קליינינגקייטען ווירקען אויף מיר; אויף אַ הוט פֿלאַטערט אַ שלייער; אַ לאָק פֿאַלט פֿונאַנדער, צוויי אויגען פֿערמאַכען זיך ביים לאַכען, און איך ווער גערירט. אָט דער טאָג, אָט דער טאָג!

„כ'האָב געהערט, איהר האָט אַ קליין, מאָדנע שטיבעל, הערר לייטענאַנט?"

„יאָ, אַ נעסט. גאָט, ווי דאָס איז מיר צום האַרצען! קומט אַמאָל אַריבער, פֿריילין, און בעזוכט מיך: פֿאַרהאַן בלויז איין שטיבעל אַזוינס. און הינטער'ן שטיבעל איז אַ גרויסער וואַלד."

אַ צווייטע קומט צו און זאָגט פֿריינדליך:

„איהר זייט צום ערשטען מאָל דאָ אין נאָרדען?"

„יאָ," ענטפֿער איך. „אָבער איך קען שוין אַלצדינג, מיינע דאַמען. ביינאַכט שטעה איך אויף די בערג, פּנים אל פּנים אַנטקעגען דער ערד און דער זונן. איך וויל זיך ניט אַריינלאָזען אין קיין הויכער מליצה. נאָר אַ זומער האָט איהר דאָ! ער שפּראָצט אַרויס ביי נאַכט, ווען אַלע שלאָפֿען, און אין דער פֿריה איז ער דאָ. כ'האָב אַרויסגעקוקט פֿון פֿענסטער און איך האָב איהם אַליין געזעהן. כ'האָב צוויי קליינע פֿענסטער."

אַ דריטע קומט צו. זי איז בעצויבערענד מיט איהר שטימע און מיט איהרע קליינע הענטעלאַך. ווי בעצויבערענד זיי זיינען דאָס אַלע געווען!

די דריטע זאָגט:

„לאָמיר זיך בייטען מיט די בלומען, ווי? דאָס ברייננגט גליק."

„יאָ,“ האָב איך זיך אָבגערופֿען און אויסגעשטרעקט די האַנד, לאָמיר זיך בייטען מיט די בלומען, און איך דאַנק אייך דערפֿאַר. ווי שעהן איהר זייט! איהר האָט אַ צויבער-שטימע, כ'האָב זיך די גאַנצע צייט צוגעהערט צו איהר.“

אָבער זי ציהט צוריק איהרע בלויע גלאָקען-בלומען און זאָגט קורץ און שאַרף:

„וואָס פֿאַלט אייך איין? אייך האָב איך דאָך גאָר ניט געמיינט.“

מיך האָט זי ניט געמיינט; ס'האָט מיר וועה געטהאָן, וואָס איך האָב אַזאַ טעות געהאט; כ'האָב געביינקט אַהיים, זיך געוואונ-שען צו זיין ווייט אַוועק, ביי מיר אין שטיבעל, וואו בלויז דער ווינד האָט צו מיר גערעדט. „האָט קיין פֿאַראיבעל ניט,“ רוף איך זיך אָב, „און זייט מיר מוחל.“ די אַנדערע דאַמען קוקען זיך אָן איינע די אַנדערע און געהען אַוועק, כדי מיך ניט צו ערנידעריגען.

אין דער רגע איז אימיצער שנעל צוגעקומען; אַלע האָבען זי געזעהן, ס'איז געווען עדוואַרדאַ. זי איז צוגעקומען גלייך צו מיר, זי זאָגט עפּעס, וואַרפֿט זיך אַרויף אויף מיין ברוסט, דריקט צו די אָרעמס אַרום מיין האַלז און קושט מיר עטליכע מאָל אויף'ן מויל. יעדעס מאָל זאָגט זי עפּעס, נאָר איך פֿערשטעה עס ניט. כ'האָב די גאַנצע געשיכטע ניט פֿערשטאַנען; דאָס האַרץ איז מיר געווען אַזוי ווי פֿערגליווערט פֿון איבערראַשונג, כ'האָב בלויז געהאַט דעם איינדרוק פֿון איהר ברענענדען בליק. אַז זי האָט מיך אָבגעלאָזט, האָט זיך איהר קליינער בוזים געהויבען אַרויף און אַראָב. דאָ איז זי נאָך געשטאַנען מיט איהר ברוינעם געזיכט און ברוינעם האַלז, לאַנג און שלאַנק, מיט בליצענדע אויגען און גאַנץ דרייסט, אָהן אַ שום פֿערלעגענהייט; אַלע האָבען זי אָנגעקוקט. צום צווייטען מאָל בין איך געווען שטאַרק געריהרט פֿון איהרע ברעמען, וועלכע האָ-בען זיך אויפֿגעהויבען הויך איבער'ן שטערן.

אָבער, דו גוטער גאָט, די פערזאָן האָט מיך פֿאַר אַלעמען אין די אויגען געקושט!

„וואָס איז אייך, פֿריילין עדוואַרדאַ?“ האָב איך אַ פֿרעג גע-טהאָן, און איך הער, ווי דאָס בלוט מיינס רוישט, כ'הער עס טיעף ביי מיר אינעווייניג, דאָס שטערט מיך דייטליך צו ריידען.

„גאָרנישט, גאָרנישט," ענטפערט זי. „איך האָב עס געוואָלט, גאַנץ איינפאַך. ס'מאַכט גאָרנישט אויס."

כ'נעהם אַראָב דאָס היטעל פון קאָפּ און גלעט זיך נור מע־כאַניש די האָר, און בעת מעשה שטעה איך און קוק זי אָן. „ס'מאַכט גאָרנישט אויס"? האָב איך זיך געטראַכט.

מיט אַמאָל דערהערט זיך הערר מאַק'ס שטימע פון אַן אַנדער זייט אינזעל, ער זאָגט עפּעס, וואָס מיר קענען ניט פערשטעהן; אָבער איך דיינק מיט פרייד דערפון, אַז הערר מאַק האָט גאָר־נישט געזעהן, האָט זיך גאָרנישט דערוואוסט. ווי גוט דאָס איז, וואָס ער איז גראָד איצט געווען אויף אַן אַנדער זייט אינזעל! דער־פון ווערט מיר לייכטער אויף'ן האַרצען, כ'געה צו צו דער קאָמ־פּאַניע און זאָג מיט אַ געלעכטער, אָננעהמענדיג בשעת מעשה אַ אַ גאַנץ גלייכגילטיגען טאָן:

„איך בעט אייך אַלע צוזאַמען, ענטשולדיגט מיר פאָר מיין ניט שעהנער בענעהמונג; איך אַליין בין איינפאַך פערצווייפעלט דערי־בער. כ'האָב אויסגענוצט אַ מאָמענט, ווען פריילין עדוואַרדאַ האָט געוואָלט, מיר זאָלען זיך בייטען מיט די בלומען, און איך האָב זי בעליידיגט; איך בעט אייך אַלע אום ענטשולדיגונג. געהט אַריין אין מיין לאַגע: איך לעב אַליין, איך בין ניט געוואוינט אַרומצוגעהן מיט דאַמען; דערצו קומט נאָך דאָס, וואָס איך האָב היינט געטרונ־קען ווייו, צו וועלכען איך בין אויך ניט צוגעוואוינט. האָט איינזעהן מיט מיר!"

כ'האָב געלאַכט און זיך געמאַכט זעהר גלייכגילטיג מכח דער גאַנצער קלייניגקייט, כדי זי זאָל פערגעסען ווערן; ביי מיר אינע־ווייניג אָבער בין איך געווען ערנסט. מיינע ווערטער האָבען אויך קיין שום איינדרוק ניט געמאַכט אויף עדוואַרדאַ'ן, זי האָט גאָרנישט געזוכט צו בעהאַלטען, זי האָט אויף קיין פאַל ניט געוואָלט אָבמע־קען דעם איינדרוק פון איהר איבעראיילטען שריט, אדרבה, זי האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבען מיר און ניט אַראָבגענומען קיין אויג פון מיר. ווען ניט ווען האָט זי מיר אויך צוגעוואָרפען עטליכע ווערטער. שפּעטער, ווען מיר האָבען געשפּיעלט אין „לויפעניש", האָט זי הויך אויף'ן קול געזאָגט:

„איך וויל האָבען דעם לייטענאַנט גלאַהן, קיין אַנדערן וועל איך ניט נאָכלויפֿען."

„צום טייפֿעל, טאָ שווייגט דאָך!" האָב איך זיך שטילערהייט געבייזערט אויף איהר און אַ קלאַפּ געטהאָן מיט'ן פֿוס.

איהר געזיכט האָט אָנגענומען אַן אויסדרוק פֿון איבערראַשונג, זי האָט געמאַכט אַ שמערצליכע העויה מיט דער נאָז און דערביי האָט זי געשטייכעלט טרויעריג. איך בין געוועזן שטאַרק געריהרט; אָט דעם פֿעראומערטען אויסדרוק אין איהר בליק און אין איהר גאַנצער מאָנערער געשטאַלט האָב איך ניט געקענט ווידערשטעהן; כ'האָב זי ליעב געקראָגען און אַריינגענומען איהר לאַנגע, שמאָלע האַנד אין מיינע.

„שפעטער!" האָב איך זיך אָבגערופֿען, „איצט ניט מעהר. מיר קענען זיך דאָך מאָרגען טרעפֿען."

XI.

ביינאַכט האָב איך געהערט, ווי עזאָפּ האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין ווינקעל און אין זיך געבוילען; כ'האָב עס געהערט אין שלאָף; נאָר אַזוי ווי מיר האָט זיך גראָד גע'חלום'ט פון יאַגד, האָט זיך דאָס דאָזיגע בילען אַריינגעפּאַסט אין מיין חלום, און איך האָב זיך דערפון ניט אויפגעכאַפּט פאָלשטענדיג. אַז איך בין אַרום צוויי אַזייגער אין דער פריה אַרויס פון מיין שטיבעל, האָב איך געפונען אַ שפור פון מענשען-פיס אין גראָז; אימיצער איז דאָ געווען און איז אַפריהער צוגעגאַנגען צו איין פענסטער, דערנאָך צום אַנדערן. אונטען אויפ'ן וועג האָט זיך די שפור ווידער פערלאָרען.

זי איז מיר אַנטקעגען געקומען מיט הייסע באַקען און מיט אַן איבער און איבער שטראַהלענדען געזיכט.

„איהר האָט געוואַרט?" האָט זי געפרעגט. „איך האָב מורא געהאַט, איהר וועט דאַרפען וואַרטען אויף מיר."

איך האָב ניט געוואַרט, זי איז געקומען פאַר מיר.

„האָט איהר גוט געשלאָפען? האָב איך געפרעגט. כ'האָב כמעט ניט געוואוסט, וואָס צו ריידען.

„ניין, כ'בין אויף געווען," האָט זי געענטפערט. און זי האָט מיר דערצעהלט, אַז זי איז די נאַכט ניט געשלאָפען, נאָר געזעסען מיט צוגעמאַכטע אויגען אויף אַ שטוהל. זי האָט אַ שפּאַציר געמאַכט.

„אימיצער איז ביינאַכט געווען לעבען מיין שטיבעל," האָב איך געזאָגט. „היינט אין דער פריה האָב איך געפונען די שפור פון טריט אין גראָז."

און איהר פנים ווערט רויט; אויף'ן וועג געהענדיג נעהמט זי אָן מיין האַנד און ענטפערט נאָרנישט. איך גיב אַ קוק אויף איהר און פרעג:

„זייט איהר עס אפשר געוועזן?"

„יאָ," האָט זי געענטפערט און האָט זיך צוגעטוליעט צו מיר, איך בין עס געוועזן. כ'האָב דאָך אייך ניט אויפגעוועקט, ווי? איך בין געגאַנגען אַזוי שטיל, ווי איך האָב נור געקענט. יאָ, איך בין עס געוועזן. איך בין נאָך אַמאָל געוועזן לעבען אייך. איך האָב אייך ליעב."

XII.

יערען טאָג, יערען טאָג האָב איך זיך מיט איהר געטראָפֿען. איך בין זיך מודה ומתודה, אַז איך פֿלעג זיך גערן טרעפֿען מיט איהר, יאָ, מיין הארץ איז געפֿלויגען צו איהר. איצט זיינען שוין אַריבער צוויי יאָהר זינט דאַן; איצט טראַכט איך נור דערפֿון, ווען איך וויל, די גאַנצע געשיכטע איז פֿאַר מיר אַ צייט-פֿערטרייב. און וואָס איז שייך צו די צוויי גרינע פֿויגעל-פֿעדערן, דאָס וועל איך שפעטער ערקלעהרען.

מיר האָבען געהאַט עטליכע ערטער, וואו מיר פֿלעגען זיך טרעפֿען, ביי דער מיהל, אויף'ן וועג, יאָ, זאָגאַר ביי מיר אין שטי-בעל: זי איז געקומען, וואוהין איך האָב געוואָלט. גוטען טאָג! פֿלעגט זי די ערשטע אימער אויסשרייען, און איך פֿלעג ענטפֿערן גוטען טאָג!

„דו ביסט היינט פֿרעהליך, דו זינגסט," זאָגט זי, און איהרע אויגען פֿונקלען.

„יאָ, איך בין פֿרעהליך," ענטפֿער איך. „דו האָסט דאָ אַ פֿלעק אויף דער שולטער, דאָס איז שטויב, פֿילייכט גאָר שמוץ פֿון וועג; איך וויל אַ קוש טהאָן דעם פֿלעק, יאָ, לאָמיך איהם אַ קוש טהאָן. אַלעס, וואָס איז אויף דיר און אין דיר, ווירקט אַזוי צערט-ליך אויף מיין זעעלע, דו טרייבסט מיך פֿון זינען אַראָב. די נאַכט האָב איך ניט געשלאָפֿען."

און דאָס איז אמת געווען; מעהר ווי איין נאַכט האָב איך קיין אויג ניט צוגעמאַכט.

מיר געהען זייט ביי זייט דעם גאַנצען וועג אַריבער.

„ווי מיינסט דו, בענעהם איך זיך אַזוי ווי דיר געפֿעלט?"

רופט זי זיך אָב. „פֿילייכט רייד איך צופֿיעל? ניט? יאָ, אָבער דו מוזט זאָגען, וואָס דו דיינקסט וועגען מיר. צייטענווייז טראַכט איך ביי זיך, אַז דאָס קען קיינמאָל ניט געהן גוט...

„וואָס קען קיינמאָל ניט געהן גוט?" פֿרעג איך.

„אָט דאָס מיט אונז. אַז עס וועט ניט געהן גוט. צי דו גלויבסט מיר צי ניט, נאָר מיך פֿרירט איצט; עס לויפֿט מיר דורך אַן אייז-קאַלטער שוידער איבער'ן רוקען, ווען איך קום נאָר אַביסעל נאָהענט צו דיר. פֿאַר לויטער גליק."

„יאָ, פונקט אַזוי געהט עס מיר," ענטפֿער איך, „אויך מיר ווערט אייז-קאַלט אין אַלע אברים, ווען איך דערזעה דיך נור. נאָר דאָך, עס וועט אַלעס זיין צו גוטען. איבעריגענס וועל איך דיר גע-בען עטליכע קלעפּ אויף'ן רוקען, וועט דיר ווערן אַביסעל וואַרעמער."

עס זעהט אויס, ווי זי וויל עס ניט, נאָר זי לאָזט עס מיר פֿאָרט טהאָן; כ'האָב געקלאַפּט אַביסעל שטאַרקער, בלויז אויף שפּאַס; איך לאַך און פֿרעג, צי עס העלפֿט ניט.

„אַך, ניין, זיי ניט אַזוי גוט, מיר צו קלאַפּען אויף'ן רוקען," זאָגט זי.

אָט די פּאָר ווערטער! ס'האָט געקלונגען אַזוי הילפֿלאָז, ווי זי האָט געזאָגט: זיי ניט אַזוי גוט.

דאַן זיינען מיר געגאַנגען ווייטער מיט'ן זעלבען וועג. צי איז זי ניט אַקאָרשט אונצופֿרידען מיט מיר צוליעב מיין שפּאַס? האָב איך זיך געפֿרעגט און געטראַכט: מיר וועלען באַלד זעהן. איך האָב געזאָגט:

„מיר קומט וואָס אַרויף אויף'ן זינען. איינמאָל ביי אַ רודער-פּאַרטיע האָט זיך אַ יונגע דאַמע אַרונטערגענומען אַ ווייס זיידען טיכעל פֿון האַלז און עס מיר אַרומגעבונדען. אָבענד-צייט האָב איך זיך אָבגערופֿען צו דער דאַמע: מאָרגען קריגט איהר צוריק אייער טיכעל; איך וועל עס געבען אויסוואַשען. ניין, האָט זי געענטפֿערט, ניט עס מיר איצט, איך וועל עס אַוועקלייגען ווי עס איז, אָט אַזוי ווי איהר האָט עס בענוצט. און זי האָט געקראָגען דאָס טיכעל. אין דריי יאָהר אַרום האָב איך זיך ווידער געטראָפֿען מיט דער דאַמע. דאָס טיכעל? האָב איך געזאָגט. זי האָט געבראַכט דאָס טיכעל. ס'איז נאָך געלעגען אומגעוואַשען אין אַ פּאַפּיר, כ'האָב עס אַליין געזעהן."

עדוואַרדאַ האָט בגנבה אַ קוק געטהאָן אויף מיר.

„יאָ? און וואָס איז דערפון געוואָרען?"

„נו, ווייטער גאָרנישט," האָב איך געזאָגט. „נאָר איך מיין, דאָס איז געווען אַ שעהנער צוג."

פויזע.

„וואו איז די דאַמע איצט?"

„אין אויסלאַנד."

מיר האָבען מעהר ניט גערעדט דערפון. נאָר אַז זי האָט שוין געראַרפט געהן אַהיים, האָט זי געזאָגט:

„גוטע נאַכט אַלזאָ. ניין, דיינק ניט מעהר וועגען דער דאַמע. איך דיינק ניט וועגען קיין אַנדערן, נאָר וועגען דיר."

כ'האָב איהר געגלויבט; איך האָב געזעהן, אַז זי מיינט, וואָס זי זאָגט, און דאָס איז מיר אויף אייביג גענוג געווען, ווען זי האָט נור וועגען מיר געדיינקט. איך בין איהר נאָכגעגאַנגען.

„אַ דאַנק, עדוואַרדאַ!" האָב איך געזאָגט. שפּעטער האָב איך פון גאַנצען האַרצען צוגעגעבען: „דו ביסט צו גוט צו מיר, אָבער איך בין דיר דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס דו ווילסט מיך האָבען; גאָט וועט דיר דערפאַר בעלוינען. איך בין, אמת, ניט אַזוי גרויסאַרטיג ווי אַ טהייל אַנדערע, וועלכע דו וואָלסט געקענט קריגען; אָבער איך בין אַזוי פאָלשטענדיג דיינער, אַזוי געוואַלטיג דיינער, ביי מיין אונשטערבליכער זעעלע. וועגען וואָס טראַכסט דו? טרעהרען זיינען דיר געשטאַנען אין די אויגען."

„ס'איז גאָרנישט, גאָרנישט," האָט זי געענטפערט. „ס'האָט עפּעס געקלונגען אַזוי מאָדנע, אַז גאָט וועט מיר דערפאַר בעלוינען. דו זאָגסט אַזוי וואָס, ווי... אַך, איך האָב דיך אַזוי ליעב!"

מיט אַמאָל איז זי מיר אין מיטען וועג אַרויפגעפאַלען אויף'ן האַלז און האָט מיך שטאַרק געקושט.

אַז זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָב איך זיך פער'גנב'עט פון וועג אין וואַלד אַריין, כדי זיך דאָרט צו בעהאַלטען און בלייבען אַליין מיט מיין פרייד. און דאַן בין איך אַ צוהיצטער צוריקגעלאָפען אויף'ן וועג, כדי צו זעהן, צי האָט ווער עס איז בעמערקט, אַז איך בין אַריינגעגאַנגען אין וואַלד. נאָר איך האָב קיינעם ניט געזעהן.

XIII.

זומער-נעכט און שטילע וואַסערן און אונענדליך שטילע וועלדער. קיין געשריי, קיין שום טריט נים פֿון די וועגען אַרום, מיין האַרץ איז געווען פֿול ווי פֿון שוואַרצען וויין.

פֿליגען און זומער-פֿייגעלאַך זיינען שטילערהיים געקומען צו פֿליהען צו מיר אין פֿענסטער אַריין; דער פֿייער-שיין אויף'ן אייוועלע און דער ריח פֿון מיין געבראָטענעם פֿויגעל האָבען זיי אַהער געבראַכט. מיט אַ טעמפּען קלאַנג קלאַפּען זיי זיך אָב אָן דער סטעליע, פֿליהען פֿערביי מיינע אויערן, אַזוי אַז עס געהט מיר אַריבער אַ קאַלטער שוידער איבער'ן לייב, און זעצען זיך אויס אויף מיין ווייסען פּוּלווער-האָרן דאָרט אויף דער וואַנד. איך בעטראַכט זיי, ציטערענדיג זיצען זיי און קוקען מיך אָן, עס זיינען אַלערליי פֿליגען און זומער-פֿייגעלאַך. מיר דוכט, אַ טהייל פֿון זיי זעהען אויס ווי פֿליהענדע פֿערשיעדענפֿאַרביגע בלימעלאַך.

איך געה צו צו דער טהיר פֿון שטיבעל און הער זיך איין. גאָרנישט, קיין גערויש, אַלעס שלאָפֿט. די לופֿט גלאַנצט פֿון פֿליהענדע אינזעקטען, פֿון מויזענדער שוועבענדע פֿליגלען. דאָרט ביים ברעג וואַלד שטעהען בופֿלאָקסען; דאָס גראָז בליהט, און איך האָב ליעב אָט די קליינע בליטהען. אַ דאַנק דיר, מיין גאָט, פֿאַר יעדעס שטיקעלע גראָז, וואָס איך האָב געזעהן; זיי זיינען געווען ווי קליינע רויזען אויף מיין וועג, און איך וויין פֿאַר ליעבע צו זיי. ערגעץ וואו ניט ווייט זיינען פֿאַרהאַן ווילדע בלומען, כ'זעה זיי ניט, נאָר איך שפיר זייער ריח.

אָבער איצט אין די שטונדען פֿון דער נאַכט האָבען זיך מיט

ד

אַמאָל פֿונאַנדערגעוויקעלט גרויסע, ווייסע בלומען אין וואַלד, זייערע קאַרבען זיינען אָפֿען, זיי אָטהעמען. און האָריגע נאַכט־שמעטערלינגע לאָזען זיך אַראָב אין זייערע בלעטער און צוטרייסלען די גאַנצע פֿלאַנצע. איך געה פֿון איין בלום צו דער אַנדערער, זיי זיינען פֿער׳שכור׳ט; דאָס זיינען פֿער׳שכור׳טע בלומען, און איך זעה, ווי זיי שכור׳ן זיך אָן.

לייכטע טריט, דער אָטהעם־צוג פֿון אַ מענשליכען וועזען, אַ פֿרעהליכער גוטען אָבענד.

איך ענטפֿער און וואַרף זיך אַנידער אויף׳ן וועג און נעהם אַרום די ביידע קניע און דאָס פראָסטע קלייד.

„גוטען אָבענד, עדוואַרדאַ!״ זאָג איך נאָך אַמאָל, אויסער זיך פֿאַר גליק.

„ווי ליעב דו האָסט מיך!״ שעפּטשעט זי.

„ווי דאַנקבאַר מוז איך זיין!״ האָב איך געענטפֿערט. „דו ביסט מיינע, און מיין האַרץ ליגט דעם גאַנצען טאָג שטיל אין מיר און טראַכט פֿון דיר. דו ביסט דאָס שעהנסטע מיידעל אויף דער דאָזיגער ערד, און איך האָב דיך געקושט. אָפֿט ווער איך רויט פֿאַר פֿרייד, ווען איך דערמאָן זיך נור, אַז איך האָב דיך געקושט.״

„פֿאַרוואָס האָסט דו מיך גראָד היינט ביינאַכט אַזוי ליעב?״ פֿרעגט זי.

דערצו זיינען פֿאַרהאַן טעמים גאָר אָהן אַ צאָהל; איך האָב דאָך בלויז געדאַרפֿט טראַכטען פֿון איהר, כדי זי ליעב צו האָבען. אָט דער בליק אונטער די געדיכטע אויגען־ברעמען דאָרט אויבען אויף׳ן שטערן, און אָט די דונקעלע, זיסע הויט!

„ווי זאָל איך דיך ניט ליעב האָבען!״ רוף איך זיך אָב. „כ׳געה דאָ אַרום און דאַנק יעדען בוים בעזונדער דערפֿאַר וואָס דו ביסט פֿריש און געזונד. אויף אַ באַל איז אַמאָל געוועזען אַ יונגע דאַמע, וועלכע איז ביי יעדען טאַנץ געזעסען, און אַלע האָבען זי געלאָזט זיצען. כ׳האָב זי ניט געקענט, נאָר איהר געזיכט האָט געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק, און איך האָב זיך פֿערנייגט פֿאַר איהר. נו? ניין, זי שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. וואָס זשע, פֿריילין טאַנצט ניט? האָב איך זיך אָבגערופֿען. קענט איהר דאָס בעגרייפֿען, האָט זי געענטפֿערט,

מיין פֿאָטער האָט אויסגעזעהן אַזוי גרויסאַרטיג, און מיין מוטער איז געווען אַן אמת'ע שעהנהייט, נאָר מיין פֿאָטער האָט גענומען מיין מוטער אין שטורם. און איך בין געוואָרען אַ קריפעל."

עדוואַרדאַ האָט מיך אָנגעקוקט.

„לאָמיר זיך אַנידערזועצען," האָט זי געזאָגט.

מיר האָבען זיך אַנידערגעזעצט אין גראָז.

„דו ווייסט, וואָס מיין פֿריינדין זאָגט וועגען דיר?" האָט זי אָנגעהויבען. „דו האָסט אַ בליק פֿון אַ חיה, זאָגט זי, און אַז דו גיסט אַ קוק אויף איהר, מאַכסט דו זי פֿערריקט. ס'דוכט זיך איהר, גלייך דו וואָלסט זי אָנגעריהרט, זאָגט זי."

אַן אייגענע פֿרייד האָט מיך דורכגענומען, בעת איך האָב געהערט אָט די ווערטער; ניט פֿון מיינעטוועגען, נאָר צוליעב עדוואַרדאַ'ן, און איך האָב געטראַכט ביי זיך: ס'איז דאָ בלויז איינע, וואָס געהט מיך אָן, און וואָס זאָגט אָט די איינע וועגען מיין בליק? איך האָב אַ פֿרעג געטהאָן:

„ווער איז זי דאָס, אָט די פֿריינדין?"

„דאָס דערצעהל איך ניט," האָט זי געענטפֿערט, „נאָר ס'איז איינע פֿון די, וועלכע זיינען געווען מיט אונז אויף'ן טרוקען-אינזעל."

„יאָ, יאָ," האָב איך געזאָגט.

דאַן האָבען מיר גערעדט פֿון אַנדערע זאַכען.

„מיין פֿאָטער פֿאָהרט די טעג קיין רוסלאַנד," האָט זי געזאָגט, „און דאַן מאַך איך אַ באַנקעט. ביסט שוין אַמאָל געווען אויף די „קוה-אינזעלאַך"? מיר נעהמען מיט צוויי קערב מיט וויין; די דאַמען פֿון דעם קירך-בעצירק קומען ווידער מיט; מיין פֿאָטער האָט מיר שוין געגעבען דעם וויין. ניט אמת, דו וועסט מעהר ניט קוקען אַזוי אויף מיין פֿריינדין? ניין, ווי? וואָרים אַניט וועל איך זי ניט איינלאַדען."

און ניט אויסריידענדיג מעהר קיין איינציג וואָרט, האָט זי זיך מיט ליידענשאַפֿט אַ וואָרף געטהאָן אויף מיין ברוסט און מיך אָנ-געקוקט, מיר אַריינגעקוקט גלייך אין פנים אַריין, בעת ווען זי האָט שטאַרק געאָטהעמט. איהר בליק איז געווען גאַנץ שוואַרץ.

Библiотека академическ. ферейна еврейской истории и литерат. Кульвер ...

Ex bibl. univ. Tart.

XIV.

אַ פֿרייד בערוישט מיך. כ'שים אויס מיין ביקס, און אַן אונ־פֿערגעסליכער ווידער-קול ענטפֿערט אָב פֿון באַרג צו באַרג, שוועבט איבער'ן ים און שלאָגט זיך אָן אָן'ם אויער פֿון אַ פֿערשלאָפֿענעם מאַן, וואָס זיצט ביים רודער. וואָס פֿרעה איך זיך אַזוי? איבער אַ גערעאַנק, וואָס קומט מיר אַרויף אויף'ן זינען, איבער אַן עראינערונג, אַ קלאַנג אין וואַלד, איבער אַ מענשען. איך טראַכט פֿון איהר, כ'פֿערמאַך מיינע אויגען און שטעה שטיל אויף'ן וועג און טראַכט וועגען איהר; איך צעהל די מינוטען.

אַצונד בין איך דורשטיג, און איך טרינק פֿון'ם טייכעל; דער־נאָך צעהל איך אָב הונדערט טריט פֿאָראויס און הונדערט טריט צוריק; איצט איז עס שפּעט געוואָרען, קלעהר איך.

איז עפּעס אַנדערס פֿאָרגעקומען אין דער צייט? אַ מאָנאַט איז פֿערביי, און אַ מאָנאַט איז ניט קיין לאַנגע צייט; ס'איז גאָרנישט פֿאָרגעקומען! גאָט ווייס דעם אמת, אַז אָט דער מאָנאַט איז געווען קורץ, נאָר די נעכט זיינען צייטענווייז לאַנג, און מיר קומט אַרויף אַ גערעאַנק, איינצוטונקען מיין מיץ אין טייך און זי ווידער לאָזען אויס־טריקענען, בלויז כדי די צייט צו פֿערקירצען, בשעת איך וואַרט.

איך פֿלעג רעכענען די צייט נאָך נעכט. צייטענווייז האָט זיך געמאַכט אַ נאַכט, און עדוואַרדאַ איז אויסגעבליבען, איינמאָל איז זי אויסגעבליבען צוויי נעכט. ס'איז גאָרנישט געשעהן, נאָר איך האָב דאָך געמיינט, אַז מיין גליק האָט אַריבערגעשטיגען דעם העכסטען פונקט זיינעם.

און איז דאָס דען ניט געווען אַזוי?

„דו הערסט, עדוואַרדאָ, ווי אונרוהיג ס'איז היינט ביינאַכט אין וואַלד? עס ריהרט זיך אונאויפהערליך אינגווייניג אין דער ערד, און די גרויסע בלעטער פון די בוימער ציטערן. פיליכט געהט וואָס פאָר; נאָר ניט דאָס האָב איך דיר געוואָלט זאָגען. אויבען אין דער הויך הער איך אַ פויגעל זינגען, אַן איינפאַכער זינג-פויגעל; נאָר ער זיצט שוין אַזוי צוויי נעכט אויף'ן זעלבען אָרט און זינגט. דו הערסט אַ מאָרגעם, מאָרגעם קלאַנג?"

„יאָ, איך הער איהם. אָבער נאָך וואָס פרעגסט דו מיך וועגען דעם?"

„אָה גאָרנישט. ער זיצט זיך דאָרט זינט צוויי נעכט. איך זאָג עס דיר גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין...... אַ דאַנק, אַ דאַנק דיר, געליבטע, וואָס דו ביסט געקומען היינט אָבענד! איך בין גע-זעסען דאָ און האָב דיך ערוואַרט היינט אָדער מאָרגען אָבענד, כ'האָב זיך געפרעהט, ווען דו ביסט געקומען."

„און איך בין אויך אויף געווען. איך דיינק כסדר פון דיר; כ'האָב צונויפגעקליבען און בעהאַלטען די שערבלאַך פון'ם גלאָז, וואָס דו האָסט אַמאָל אומגעוואָרפען; געדיינקסט עס נאָך? מיין פאָטער איז היינט ביינאַכט אַוועקגעפאָהרען; פאַר מיין אויסבלייי-בען מוזט דו מיר ענטשולדיגען, כ'האָב געהאַט אַזוי פיעל צו פאַקען און האָב איהם געמוזט דערמאָנען אַסך זאַכען. כ'האָב געוואוסט, אַז דו ביסט געווען דאָ אין וואַלד און האָסט געוואַרט אויף מיר, און איך האָב געוויינט און געפאַקט."

אָבער עס זיינען דאָך אַריבער צוויי נעכט, האָב איך ביי זיך געקלעהרט, וואָס האָט זי געטהאָן די ערשטע נאַכט? און פאַרוואָס שטראַהלט ניט אַזוי פיעל פרייד ביי איהר אין די אויגען ווי גע-וועהנליך?

אַ שטונדע איז פערביי. דער זינג-פויגעל אויבען אין דער הויך איז אַנשוויגען געוואָרען. דער וואַלד איז געווען טויט. ניין, ניין, ס'איז גאָרנישט געשעהן, אַלעס איז געווען ווי פריהער, זי האָט מיר געגעבען די האַנד, געזאָגט גוטע נאַכט און געקוקט אויף מיר מיט ליעבע.

„מאָרגען?" האָב איך זיך אָבגערופען.

„ניין, מאָרגען ניט."

כ'האָב ניט געפֿרעגט פֿאַרוואָס.

„מאָרגען האָבען מיר דאָך אונזער יום-טוב, אונזער אויספֿאָהר," האָט זי געזאָגט לאַכענדיג. „כ'האָב דיך בלויז געוואָלט איבעררא־שען, נאָר דו האָסט געמאַכט אַזאַ אונגליקליכע מיענע, אַז איך האָב עס דיר גלייך געמוזט זאָגען. איך האָב דיך איינגעלאַדען שריפֿטליך."

און עס איז מיר געוואָרען אַזוי לייכט, אַזוי ווי אַ שטיין וואָלט מיר אַראָב פֿון האַרצען. זי האָט זיך געלאָזט געהן און האָט אַ שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ צום אָבשיעד.

„נאָך איינס," האָב איך זיך אָבגערופֿען און בין נאָך אַלץ גע־שטאַנען אויף'ן זעלבען אָרט.

„ווי לאַנג איז דאָס, אַז דו האָסט צונויפֿגעקליבען און בעהאַל־טען די צובראָכענע שטיקלאַך גלאָז?"

„ווי לאַנג דאָס איז?"

„יאָ, איז דאָ אַ וואָך זינט דאַן? צוויי וואָכען?"

„יאָ, פֿיליי̇כט איז שוין צוויי וואָכען זינט דאַן. נאָר פֿאַרוואָס פֿרעגסט דו זיך אַזוי נאָך וועגען דעם? ניין, איך וועל דיר זאָגען דעם אמת, כ'האָב עס נעכטען געטהאָן."

זי האָט עס נעכטען געטהאָן; ערשט נעכטען האָט זי וועגען מיר געטראַכט? נו, אַלעס איז אַלזאָ געווען ווי געוואונשען!

XV.

דיביידע שיפלאך זיינען געלעגען גרייט אויף'ן וואַסער, און מיר האָבען זיך אויפגעזעצט. מיר האָבען געזונגען און געפלוידערט. די „קוה-אינזעלאַך" זיינען געלעגען ווייט אַרויס פון די אינזלען, ס'האָט גענומען אַ היבשע ווײַלע צוצורודערן אַהין, און דערווייל האָבען מיר זיך אונטערהאַלטען פון שיפעל צו שיפעל. דער דאָקטאָר איז געווען העל געקליידט, פונקט ווי די דאַמען; כ'האָב איהם נאָך קיינמאָל ניט געהאַט געזעהן אַזוי פרעהליך; ער האָט מיט-געפלוידערט מיט אַלעמען, ער איז שוין מעהר ניט געווען קיין שטילער צוהערער. אויף מיר האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער האָט אַביסעל געטרונקען און איז אויסגעלאַסען. אַז מיר האָבען געלאַנדעט, האָט ער אַ רגע צוגעצייגען די אויפמערקזאַמקייט פון דער קאָמפּאַניע און האָט אונז געזאָגט ווילקאָמען. איך האָב זיך געטראַכט ביי זיך: איי, זעה נאַר, ערוואַרדאַ האָט איהם אויסגעקליבען פאַר אַ בעל הבית.

מיט דעם העכסטען גראַד פון ליעבענסווירדיגקייט האָט ער זיך אונטערהאַלטען מיט די דאַמען. מיט ערוואַרדאַ'ן איז ער געווען העפליך און פריינדליך, אָפטמאָל פאָטערליך, און צייטענווייז שוין אַביסעל צופיעל מעשה לעהרער. זי האָט געריערט וועגען אַ דאַטום, זי האָט געזאָגט: „איך בין געבוירען געוואָרען אין אַכט און דרייסיג", און ער האָט געפרעגט: „אַכטצעהן הונדערט אַכט און דרייסיג מיינט איהר דאָך?" אַז איך האָב וואָס עס איז געזאָגט, האָט ער זיך העפליך און אויפמערקזאַם צוגעהערט און האָט מיך ניט איגנאָרירט.

אַ יונגע דאַמע איז צוגעקומען צו מיר און האָט מיך בעגריסט. כ'האָב זי ניט דערקענט, כ'האָב זיך ניט געקענט דערמאָנען ווער זי איז, און איך האָב געזאָגט אַ פּאָר ערשטווינטע ווערטער, איבער וועלכע זי האָט געלאַכט. ס'איז געווען איינע פון'ם אויבער-פּאָס-טאָר'ס טעכטער; איך בין געווען מיט איהר צוזאַמען אויף'ן פיש-אינזעל און האָב זי דאַן איינגעלאַדען צו מיר אין שטיבעל. מיר האָבען אַ ווײַלע גערעדט צוזאַמען.

אַ שטונדע אָדער צוויי געהען פערביי. איך לאַנגווייל זיך, טרינק דעם וויין, וואָס מען גיסט מיר אָן, און געה אַרום צווישען דער קאָמפּאַניע, פּלוידער מיט אַלעמען. ווידער אַמאָל בעגעה איך עטליכע פעהלערן, און איך קען זיך ניט מוחל זיין דערפאַר; איך פער-ליר זיך און ווייס אויף דער רגע ניט, ווי צו ענטפערן אויף אַ גע-וויסע פריינדליכקייט, וואָס ווערט מיר צוגעטהיילט; עס קומט פאָר, אַז איך פּלאָנטער זיך אין די רייד אָדער איך בלייב גאָר שטעקען אין מיטען אָהן לשון, און דאָס פערשאַפט מיר גרויסע שמערצען. דאָרט ביים גרויסען שטיין, וואָס מיר בענוצען אַלס טיש, זיצט דער דאָקטאָר און מאַכט מיט די הענד.

נשמה! וואָס איז דאָס אַזוינס נשמה? זאָגט ער. דעם אויי-בער-פּאַסטאָר'ס טאָכטער האָט איהם בעשולדיגט, אַז ער איז אַ פריידיינקער; נו גוט, דאַרף מען דען ניט דיינקען פריי? מען שטעלט זיך פאָר דעם גיהנום ווי אַ הויז אונטער דער ערד און דעם טייוועל ווי אַ שעף פון אַ ביורא, — ניין, אַ מ אַ י ע ס ט ע ט איז ער. ער וויל ריידען מכח דעם אַלטאַר-בילד אין דער אַנעקס-קירכע: אַ קריסטוס-פיגור, אַ פּאָר אידען און אידענעס, וואַסער, וואָס ווערט פערוואַנדעלט אין וויין; גוט. אָבער קריסטוס האָט אַ מין קרוין, אַ גלאַנץ-שיין אַרום קאָפּ. וואָס איז אַזוינס אַ גלאַנץ-שיין? אַ געלער רייף פון אַ פאַס, וואָס הייננט אויף דריי האָר.

צוויי פון די דאַמען האָבען מיט שרעק פערבראָכען די הענד. אָבער דער דאָקטאָר האָט געוואוסט, ווי זיך אַרויסצודרעהען פון דער צרה, און מיט אַ שפּאַסענדען טאָן האָט ער געזאָגט:

„ניט אמת, דאָס קלינגט אַזוי שרעקליך? דאָס גיב איך צו. נאָר אַז מען ווידערהאָלט עס פאַר זיך, אז מען זאָגט עס אַזוי אַ זיבען,

אַכט מאָל איבער און מען פֿערטראַכט זיך אַביסעל וועגען דעם, דאַן קלינגט עס שוין בעסער... קען איך האָבען די עהרע צו טרינקען מיט די דאַמען?"

און ער האָט זיך אַראָבגעלאָזען אויף די קניע אין גראָז פֿאַר די צוויי דאַמען. ער האָט ניט אַרונטערגענומען דעם הוט און איהם אַוועקגעלייגט לעבען זיך, נאָר ער האָט איהם געהאַלטען מיט דער לינקער האַנד אין דער הויך און האָט אויסגעליידיגט דאָס גלאָז, פֿערוואַרפֿענדיג דעם קאָפּ אַהינטער. איך בין אַליין געוואָרען שטאַרק בעגייסטערט פֿון זיין גרויסער זיכערקייט און איך וואָלט איהם צו־געטרונקען, ווען ער וואָלט שוין ניט געהאַט אויסגעליידיגט זיין גלאָז.

עדוואַרדאַ האָט פֿון איהם קיין אויג ניט אַרונטערגענומען. כ'האָב זיך געשטעלט לעבען איהר און געזאָגט:

„וואָס זשע, מיר וועלען אפשר היינט ווידער שפּיעלען אין „לוי־פֿעניש"?"

זי האָט אַ לייכטען ציטער געטהאָן און האָט זיך אויפֿגעהויבען.

„פֿערגעס אַקאָרשט ניט, אַז מיר זאָגען זיך איצט ניט דו," האָט זי שטילערהייט געזאָגט.

כ'האָב דאָך איהר גאָר ניט געזאָגט דו. נאָך וואָס האָט גע־טויגט איהר בעמערקונג? איך בין אַוועק פֿון איהר.

עס געהט ווידער פֿערביי אַ שטונדע; ס'האָט גאָר קיין סוף ניט געוואָלט נעהמען צום טאָג; איך וואָלט שוין פֿון לאַנג אַליין אַוועקגערודערט אַהיים, ווען איך וואָלט געהאַט אַ דריט שיפֿעל; עזאָפּ איז געלעגען אָנגעבונדען דאָרט אין שטיבעל, ער האָט פֿילייכט געדיינקט פֿון מיר. עדוואַרדאַ'ס געדאַנקען זיינען גאָר אָהן צווייפֿעל געווען ווייט אַוועק פֿון מיר; זי האָט געהערט מכח דעם גליק, צו קענען אַרומרייזען די וועלט און זיין אין אַנדערע ערטער; איהרע באַקען זיינען געוואָרען גאַנץ הייס דערביי, און זי האָט זאָגאַר גע־רעדט ניט ריכטיג, מיט גרייזען:

„קיינער וואָלט ניט געווען גליקליכערער ווי איך אין דעם טאָג..."

„גליקליכערער," רופֿט זיך אָב דער דאָקטאָר.

„ווי?" פֿרעגט זי.

„גליקליכערער."

„דאָס פֿערשטעה איך ניט."

„איהר האָט געזאָגט „גליקליכערער", ווייטער גאָרנישט."

„האָב איך דאָס געזאָגט? כ'בעט ענטשולדיגונג. קיינער וואָלט ניט געווען גליקליכער פֿאַר מיר אין דעם טאָג, ווען איך וואָלט געשטאַנען אויף'ן דעק פֿון אַ דאַמפּף־שיף. צייטענווייז ציהט עס מיך אין אַזעלכע ערטער, וועגען וועלכע איך הויב ניט אָן צו וויסען קיין זאַך."

זי האָט געביינקט נאָך אומבעקאַנטע ערטער, ס'האָט זי געצויגען ווייט אַוועק, זי האָט מיך אין זינען ניט געהאַט. כ'האָב עס געזעהן אויף איהר פּנים, אַז זי האָט מיך פֿערגעסען. נו, וועגען דעם איז גאָרנישט געווען וואָס צו זאָגען; אָבער דאָס, וואָס איך האָב עס אַליין געזעהן אויף איהר פּנים! און די מינוטען זיינען אַריבער טרויעריג לאַנגזאַם. כ'האָב זיך געווענדט צו עטליכע פֿון די פֿערזאַמעלטע, פֿילייכט וואָלטען מיר גערודערט אהיים; ס'איז שפּעט, האָב איך געזאָגט, און עזאָפּ ליגט אין שטיבעל אַן אָנגעבונדענער. נאָר קיינער האָט ניט געוואָלט פֿאָהרען אַהיים.

איך בין צום דריטען מאָל צוגעגאַנגען צו דער טאָכטער פֿון'ם אויבער־פֿאָסטאָר. כ'האָב געקלעהרט ביי זיך: אָט די איז דאָס אַוראי, וועלכע האָט געזאָגט, אַז איך האָב אַ בליק פֿון אַ חיה. מיר האָבעי געטרונקען איינס צום אַנדערן; זי האָט געהאַט ציטערענדע אויגען, זיי זיינען קיינמאָל ניט געשטאַנען אויף אַן אָרט, זי האָט מיך אָנגעקוקט ווי אַ פֿרעמדע.

„זאָגט מיר, פֿריילין," האָב איך אָנגעהויבען, „מיינט איהר ניט, אַז די מענשען דאָ אין דער געגענד זיינען פּונקט אַזוי ווי דער היגער קורצער זומער? זיי זיינען פֿערביילויפֿענדיג און בעצויבערענד ווי ער?"

כ'האָב גערערט הויך, זעהר הויך, און איך האָב עס געטהאָן מיט אַ כיוון. איך האָב אויך ווייטער גערערט הויך און געבעטען דאָס פֿריילין נאָך אַמאָל, זי זאָל מיך בעזוכען און אָנקוקען מיין שטיבעל. „גאָט וועט אייך בעלוינען דערפֿאַר," האָב איך געזאָגט אין מיין נויט, און איך האָב שוין געקלעהרט ביי זיך, אַז איך וועל פֿילייכט געפֿינען עפּעס, וואָס איך זאָל איהר קענען שיינקען, ווען זי

וועט קומען; פֿילייכט וועל איך ניט האָבען קיין אַנדער זאַך אַחוץ מיין פולוועראָרן, האָב איך געטראַכט.

און דאָס פֿריילײן האָט פֿערשפּראָכען צו קומען.

עדוואַרדאַ איז געזעסען מיט אָן אָבגעקעהרטען פּנים און האָט מיך געלאָזט ריידען אַזוי פֿיעל, וויפֿיעל איך האָב געוואָלט. זי האָט זיך צוגעהערט צו אַלצדינג, וואָס איז גערעדט געוואָרען, און ווען ניט ווען אַריינגעוואָרפֿען אַ וואָרט. דער דאָקטאָר האָט די יונגע דאַמען פֿון די הענד אַראָבגעלייענט זייערע געדאַנקען און האָט גערעדט, וואָס איז איהם נור געקומען אין מויל; ער אַליין האָט געהאַט אַ פּאָר פֿיינע, קליינע הענטעלאַך און אויף איין פֿינגער האָט ער געטראָגען אַ רינג. איך האָב זיך געפֿיהלט ווי אָן איבעריגער און האָב זיך אויף אַ שטיקעל צייט אַוועקגעזעצט אָן אַ זייט אויף אַ שטיין. ס'איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג. דאָ זיץ אַלֹזאָ איינער אַליין אויף אַ שטיין, האָב איך גע'מענה'ט צו זיך, און די איינציגע פּערזאָן, וואָס וואָלט מיך געקענט אַוועקפֿיהרען פֿון דאַנען, לאָזט מיך זיצען. איבעריגענס הויבט עס מיך גאָרנישט אָן צו אַרען...

אַן אונענדליך געפֿיהל פֿון פֿערלאָזענקייט האָט מיך בעהערשט. דאָס געשפּרעך הינטער מיר האָט מיר געקלונגען אין די אויערן, און איך האָב געהערט, ווי עדוואַרדאַ האָט זיך פֿונאַנדערגעלאַכט; ביי דעם דאָזיגען געלעכטער האָב איך זיך אויפֿגעהויבען און בין צוגעגאַנגען צו דער קאָמפּאַניע. איך בין געווען מורא'דיג אויפֿגערעגט.

„בלויז איין אויגענבליק," האָב איך זיך אָבגערופֿען. „זיצענדיג אַזוי דאָ הינטען, איז מיר אַרויף אויף'ן זינען, אפשר וואָלט איהר וועלען זעהן מיין פֿליגען־בוך." און איך האָב אַרויסגענומען מיין פֿליגען־בוך. „ענטשולדיגט, וואָס איך האָב פֿריהער ניט געטראַכט דערפֿון. ווילט איהר ניט אַזוי גוט זיין און עס דורכקוקען? איהר וועט מיר פֿערשאַפֿען אַ ווירקליכען פֿערגניגען דערמיט, איהר מוזט אַלעס אָנקוקען; דאָ זיינען פֿאַרהאַן רויטע און געלע פֿליגען." און איך האָב געהאַלטען מיין היטעל אין דער האַנד, בעת איך האָב גערעדט. כ'האָב אַליין בעמערקט, אַז איך האָב אַרונטערגענומען מיין היטעל, און אַז דאָס איז ניט ריכטיג, דערום האָב איך עס גלייך ווידער אָנגעטהאָן.

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ טיפֿעס שטיל-שווײַגען, און קײנער האָט בײַ מיר ניט גענומען דאָס בוך. ענדליך האָט דער דאָקטאָר אויסגעשטרעקט די האַנד און געזאָגט העפֿליך:

„אַ דאַנק, יאָ, לאָמיר עס אַקאָרשט אָנקוקען. ס'איז פֿאַר מיר שטענדיג געווען אַ רעטעניש, ווי מען שטעלט צוזאַמען אַזעלכע פֿליגען."

„איך מאַך זײ אַלײן," האָב איך געזאָגט, פֿול מיט דאַנקבאַרקײט צו איהם. און אין דערזעלבער צײַט האָב איך אָנגעהויבען ערקלעהרען ווי אַזוי איך מאַך זײ. ס'איז אַזוי אײנפֿאַך; איך קויף די פֿעדערן און די האַטשיקעס; זײ זײנען ניט גוט געמאַכט, נאָר זײ זײנען דאָך בלויז פֿאַר זיך, צום אײגענעם געברויך. מען קריגט אויך פֿאַרטיגע פֿליגען, און די זײנען זעהר שעהן.

עדוואַרדאַ האָט געוואָרפֿען אַ גלײַכגילטיגען בליק אויף מיר און אויף'ן בוך, און דאַן האָט זי ווײַטער גערעדט מיט איהרע פֿרײַנדרינגען.

„אָט האָט איהר אויך דאָס מאַטעריאַל דערצו," האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. „זעהט נור אָט די שעהנע פֿעדערן."

עדוואַרדאַ האָט אַ קוק געטהאָן.

„די גרינע זײנען שעהן," האָט זי געזאָגט, „לאָמיך זײ אָנקוקען, דאָקטאָר."

„נעהמט זײ אײַך," האָב איך זיך אָבגערופֿען. „יאָ, האַלט זײ פֿאַר אײַך, איך בעט אײַך זעהר. דאָס זײנען צווײ גרינע פֿויגעל-פֿעדערן. טהוט מיר צוליעב, ס'איז אַן עראינערונג."

זי האָט זײ אָנגעקוקט און געזאָגט:

„זײ זײנען גרין און גאָלדען, ס'געווענדט זיך אָן דעם, ווי מען האַלט זײ אין דער זונן. אַ שעהנעם דאַנק, יאָ, ווען איהר ווילט זײ מיר געבען."

„יאָ, איך וויל זײ אײַך געבען," האָב איך געזאָגט.

זי האָט אַרײַנגעשטעקט די פֿעדערן צו זיך.

גלײַך נאָכדעם האָט מיר דער דאָקטאָר צוריק אָבגעגעבען דאָס בוך און געדאַנקט. ער האָט זיך אויפֿגעהויבען און געפֿרעגט, צי מיר ווילען ניט באַלד אָנהויבען דײנקען וועגען אַהײם פֿאָהרען.

איך האָב געזאָגט:

„יאָ, אום גאַטעס ווילען. איך האָב אין דערהיים אַ הונד; יאָ, פֿערשטעהסט איהר מיך, כ'האָב אַ הונד, דער איז מיין פֿריינד; דער ליגט און דיינקט פֿון מיר, און אַז איך קום, ליגט ער מיט די פֿאָדערשטע פֿיס אויף'ן פֿענסטער־שוועל און בעגריסט מיך. ס'איז געווען אַזאַ שעהנער טאָג, ער איז שוין באַלד אַריבער; לאָמיר פֿאָהרען אַהיים. איך דאַנק אייך אַלעמען."

כ'האָב געוואַרט אָן אַ זייט, כדי צו זעהן, וואָסער שיפֿעל עדוואַרדאַ וועט זיך אויסקלייבען, און איך האָב בעשלאָסען ביי זיך, אַריינצוגעהן אין דאָס אַנדערע. מיט אַמאָל האָט זי מיך א רוף געטהאָן. כ'האָב זי אָנגעקוקט ערשטוינט. איהר געזיכט איז געוועזן בענאָסען מיט פֿייער. דאַן איז זי צוגעקומען צו מיר, האָט מיר דערלאַנגט די האַנד און מיט אַ צערטליבען טאָן געזאָגט:

„אַ דאַנק פֿאַר די פֿעדערן... מיר פֿאָהרען דאָך אין דעם זעלבען שיפֿעל?"

„אויב איהר ווילט," האָב איך געענטפֿערט.

מיר זיינען אַריין אין שיפֿעל. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבען מיר אויף דער רודער־באַנק און האָט מיך אָנגעריהרט מיט איהר קניע. כ'האָב געקוקט אויף איהר און זי ווידער האָט מיך אויך אַ ווײלע אָנגעקוקט. זי האָט מיר גוט געטהאָן, דערמיט וואָס זי האָט מיך אָנגעריהרט מיט איהר קניע; כ'האָב זיך שוין אָנגעהויבען פֿיהלען געטרייסט פֿאַר דעם ביטערן טאָג און ביסלאַכווייז געווינען צוריק מיין פֿרעהליכקייט, מיט אַמאָל האָט זי געביטען די האַלטונג איהרע, האָט זיך אומגעקעהרט מיט'ן רוקען צו מיר און גענומען ריידען מיט'ן דאָקטאָר, וועלכער איז געזעסען ביים רודער. אַ גאַנצע פֿערטעל שעה האָט זי אין מיין זייט ניט אַ קוק געטהאָן, אַזוי ווי איך וואָלט גאָר ניט עקזיסטירט פֿאַר איהר. דאָ האָב איך אָבגעטהאָן עפּעס, אויף וואָס איך האָב חרטה און וואָס איך קען ביז היינטיגען טאָג ניט פֿערגעסען. דער שוך איז איהר אַראָבגעפֿאַלען פֿון פֿוס, כ'האָב איהם געכאַפּט און איהם אַריינגעוואָרפֿען ווייט אין וואַסער, פֿאַר פֿרייד, וואָס זי געפֿינט זיך אַזוי נאָהענט צו מיר, אָדער אין דעם פֿערלאַנג צו זיין עפּעס ניט אַבי ווער אָדער איהר צו דערמאָנען, אַז איך לעב נאָך אויף דער וועלט, — איך ווייס

ניט אויף ריכטיג, וואָס האָט מיך געטריבען דערצו. אַלעס איז צו־געגאַנגען אַזוי שנעל, כ׳האָב גאָר ניט געקלעהרט, ס׳איז געקומען איבער מיר ווי אַן אינספּיראַציע, גלייך אימיצער וואָלט מיר אונ־טערגעזאָגט, איך זאָל עס טהאָן. די דאַמען האָבען געגעבען אַ קוויטש. איך אַליין בין געווען אַזוי ווי געלעהמט איבער דעם, וואָס איך האָב געטהאָן; אָבער וואָס האָט עס גענוצט? עס איז געשעהן. דער דאָקטאָר איז מיר געקומען צו הילף, ער האָט אַ געשריי געטהאָן: „רודערט צו, שנעלער!" און האָט גערודערט נאָך׳ן שוך; אין אַ ווײַלע אַרום האָט איהם דער מאַן פון שיפעל געפּאַקט, גראָד דאַן, ווען ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזען אונטער׳ן וואַסער. דער מאַן איז געוואָרען נאַס ביז איבער די עלענבויגען. דאָ האָט אָבגעקלונגען אַ פיעל-פּאַכיגעס הורראַ פון ביידע שיפלאַך, ווייל דער שוך איז געראַטעוועט געוואָרען.

איך בין געווען שטאַרק פערשעהמט און האָב געפיהלט, אַז מיין געזיכט קרימט זיך און ווערט אַלערליי קוליערען, בעת ווען איך האָב מיט׳ן טאַשען-טיכעל אָבגעווישט דעם שוך.

עדוואַרדאַ האָט איהם צוגענומען, ניט אויסריידענדיג קיין וואָרט. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי זיך אָבגערופען:

„אַזוי וואָס איז מיר נאָך ניט פאָרגעקומען."

„ניט אמת? ניין." האָב איך דערויף געענטפערט. כ׳האָב גע־שמייכעלט און געמאַכט אַן אָנשטעל; עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט די זאַך אָבגעטהאָן ניט סתם אין דער וועלט אַריין, נאָר האָבענדיג דערביי אַ געוויסען גרונד, אַזוי ווי עס וואָלט נאָך וואָס געשטעקט הינטער דעם. אָבער וואָס האָט דען געקענט שטעקען הינטער דעם? דער דאָקטאָר האָט מיך צום ערשטען מאָל אָנגעקוקט מיט אַ פער־אַבטענדער מיענע.

ס׳איז אַריבער אַ ווײַלע, די שיפלאַך האָבען גערודערט אַהיים, די שלעכטע שטימונג פון דער קאָמפּאַניע איז פערשוואונדען, מיר האָבען געזונגען, מיר זיינען צוגעקומען אַלץ נעהענטער צו דער לאַנדונגס-בריק. עדוואַרדאַ האָט געזאָגט:

„ווייסט איהר גאָר וואָס? מיר האָבען דעם ווײַן ניט אויסגע־טרונקען, און ס׳איז נאָך איבערגעבליבען אַזוי פיעל פלעשער. מיר

וועלען מאַכען נאָך אַ יום טוב דערפון, אַ צווייטע אונטערהאַלטונג שפעטער-צו; מיר וועלען טאַנצען און האָבען אַ באַל ביי אונז אין הויז."

אַז מיר זיינען אָנגעקומען אויף דער יבשה, האָב איך זיך ענט-שולדיגט פאַר עדוואַרדאַ'ן.

„ווי איך בּיינק צוריק נאָך מיין שטיבעל!" האָב איך זיך אָב-גערופען. „דאָס איז געווען אַ שווערער, אַ ביטערער טאָג."

„איז דאָס טאַקע געווען אַ ביטערער טאָג פאַר אייך, הערר לייטענאַנט?"

„כ'מיין אַזוי," האָב איך געזאָגט, „כ'מיין, אַז איך האָב איהם איבערגעפיהרט אי פאַר זיך אַליין, אי פאַר די אַנדערע. כ'האָב אַריינגעוואָרפען אי'ער שוך אין וואַסער."

„יאָ, דאָס איז געווען אַ מערקווירדיגער איינפאַל."

„פערצייהט מיר," האָב איך געזאָגט.

XVI.

וויפיעל ערגער האָט עס נאָך געקענט זיין? כ'האָב אָבגעמאַכט ביי זיך, רוהיג אויפצונעהמען אַלצדינג, וואָס עס זאָל ניט געשעהן, גאָט איז מיין עדות דערויף. וואָס זשע, בין איך עס דען געוועזן דער, וואָס האָט זיך גאָר אין אָנהויב אָנגעוואָרפען אויף איהר? ניין, ניין, קיינמאָל ניט; איך בין בלויז איינמאָל אין אַ וואָכעדיגען טאָג גע־שטאַנען אויף איהר וועג, בעת זי איז פערבייגעגאַנגען. וואָס איז דאָס פאַר אַ מין זומער דאָ אין צפון־לאַנד! דער מאַי־זשוק האָט שוין אויפגעהערט פליה'ן, און די מענשען זיינען מיר געוואָרען וואָס ווייטער אַלץ אוּנערקלעהרליכער, כאָטש די זונן האָט אויף זיי געשיינט בייטאָג און ביינאַכט. וואוהין האָבען געקוקט זייערע בלויע אויגען, און וואָס האָבען זיי פאָרט געטראַכט הינטער די מאָדנע שטערענס זייערע? איבעריגענס האָב איך זיך געמאַכט אַ קנאַפען צימעס פון זיי אַלעמען. כ'האָב גענומען מיינע פיש־שנורען און געכאַפט פיש צוויי טעג, פיער טעג נאָכאַנאַנד; נאָר ביי נאַכט פלעג איך ליגען מיט אָפענע אויגען ביי מיר אין שטיבעל...

„כ'האָב אייך שוין פיער טעג צייט ניט געזעהן, עדוואַרדאַ?"

„פיער טעג, דאָס איז גאַנץ ריכטיג. הערט איהר; כ'האָב געהאַט זעהר פיעל צו טהאָן. קוממט אַריין און קוקט עס אָן."

זי האָט מיך אַריינגעפיהרט אין זאַאַל. די טישען זיינען געווען אַרויסגענומען, די שטוהלען זיינען געשטאַנען אויפגעשטעלט אין דער ליינג פון דער וואַנד, יעדע זאַך איז געווען אַוועקגערוקט פון איהר פלאַץ; דער היינג־לייכטער, דער אויווען זיינען געווען פאַנטאַסטיש דע־קאָרירט מיט וואַלד־פלאַנצען און מיט שוואַרצע שטאָפען פון'ם מאַגאַזין, דאָס קלאַוויר איז געשטאַנען אין אַ ווינקעל.

דאָס זיינען געווען איהרע פֿאַרבערייטונגען צום „באַל".
„ווי געפֿעהלט עס אייך?" האָט זי געפֿרעגט.
„אויסגעצייכענט," האָב איך געענטפֿערט.
מיר זיינען אַרויס פֿון צימער.
איך האָב זיך אָבגערופֿען:
„אָבער הערט אויס, עדוואַרדאַ, אָט אפנים איהר האָט זיך גאָר אין גאַנצען פֿערגעסען אָן מיר?"
„איך פֿערשטעה אייך גאָר ניט," האָט זי געענטפֿערט ער־שטוינט. „וואָס זשע, איהר האָט דען ניט געזעהן, וואָס איך האָב דאָ געהאַט צו טהאָן? האָב איך אַלזאָ געקענט קומען צו אייך?"
„ניין," האָב איך אויך געזאָגט, „איהר האָט אפשר טאַקע ניט געקענט קומען צו מיר." פֿון צופֿיעל אויף־זיין בין איך געווען מיעד און פֿערמאַטערט, מיינע רייד זיינען געוואָרען פוסט און אָהן אַ שום קאָנטראָל, איך בין דעם גאַנצען טאָג געווען אונגליקליך. „ניין, איהר האָט טאַקע ניט געקענט קומען צו מיר. וואָס האָב איך גע־וואָלט זאָגען: מיט איין וואָרט, ס'איז געוואָרען אַ שטיקעל ענדע־רונג, עפּעס וואָס עס איז האָט זיך צווישען אונז געמאַכט. יאָ, נאָר אויף אייער פנים קען איך ניט לעזען, וואָס דאָס איז אַזוינס. ווי מאָדנע אייער שטערן איז, עדוואַרדאַ! איך זעה עס איצט."
„אָבער איך האָב אייך ניט פֿערגעסען!" האָט זי זיך אָבגע־רופֿען, רויט ווערענדיג דערביי, און פּלוצלינג האָט זי אַרונטערגע־רוקט איהר אָרם אונטער מיינעם.
„ניין, ניין, איהר האָט זיך פֿילייכט אויך ניט פֿערגעסען אָן מיר. אָבער דאַן ווייס איך ניט, וואָס איך זאָג. איינס פֿון די ביידע."
„מאָרגען קריגט איהר אַן איינלאַדונג. איהר מוזט מיט מיר טאַנצען. ווי מיר וועלען דאָס אַביסעל טאַנצען!"
„ווילט איהר מיך בעגלייטען אַ שטיק וועגס?" האָב איך אַ פֿרעג געטהאָן.
„איצט? ניין, דאָס קען איך ניט," האָט זי געענטפֿערט. „דער דאָקטאָר קומט גלייך, ער מוז מיר נאָך צוהעלפֿען ביי וואָס עס איז, ס'איז נאָך דאָ וואָס צו טהאָן. נאַ, איהר מיינט אַלזאָ, אַז דאָס צימער קען אַזוי אָנגעהן? אָבער דיינקט איהר ניט..."

אויף דרויסען שטעלט זיך אָב אַ וואָגען.

„וואָס זשע, דער דאָקטאָר קומט, הייסט עס, היינט צופאָהרען?" פרעג איך.

„יאָ, כ'האָב געשיקט דעם וואָגען איהם ברייננגען, כ'האָב געוואָלט..."

„שוינען זיין קראַנקען פוס, נו יאָ, נאַ, איצט מוז איך זיך אָבטראָגען פון דאַנען... גוטען טאָג, גוטען טאָג, דאָקטאָר."

„ס'פרעהט מיך, אייך ווידער צו זעהן. אימער פריש און געזונד? כ'האָף, איהר וועט מיר ענטשולדיגען, ווען איך וועל פערשווינדען."

אויף דרויסען ביי די הויז-טרעפ האָב איך זיך איינמאָל אומגעקעהרט. עדווארדאַ איז געשטאַנען ביים פענסטער און האָט מיר נאָכגעקוקט; זי האָט געהאַלטען די פאָרהאַנגען מיטביידע הענד אָן אַ זייט, כדי צו זעהן; איהר אויסדרוק איז געווען געדאַנקענפול. אַ לעבערליכע פרייד נעהמט מיך דורך, שנעל געה איך אַוועק פון'ם הויז, מיט לייכטע פיס און מיט אַ פערפינסטערטען בליק, דער ביקס איז געווען גרינג ווי אַ שפּאַציר-שטעקען ביי מיר אין דער האַנד. ווען איך קריג זי נור, וואָלט איך געוואָרען אַ גוטער מענש, האָב איך ביי זיך געקלעהרט. כ'בין צוגעקומען צום וואַלד און ווייטער געטראַכט: ווען איך בעקום זי נור, וואָלט איך איהר אונערמיעדליכער געדיענט, איידער ווער עס איז, און ווען עס זאָל זיך אפילו אַרויסווייזען, אַז זי איז מיך ניט ווערטה, ווען עס זאָל איהר איינפאַלען, צו פערלאַנגען פון מיר דאָס אונמעגליכע, וואָלט איך אַלעס געטהאָן, וואָס איך וואָלט נור געקענט, יאָ, נאָך מעהר ווי איך וואָלט געקענט, און איך וואָלט זיך געפרעהט דערמיט, וואָס זי איז מיינע... כ'בין געבליבען שטעהן, האָב זיך געלייגט אויף די קניע און פאַר אונטערטהעניגקייט און האָפנונג האָב איך אָבגעלעקט עטליכע גרעזעלאַך אויפ'ן וועג; דערנאָך בין איך ווידער אויפגעשטאַנען.

ענדליך האָב איך זיך כמעט געפיהלט זיכער. איהר פערענדערטע בענעהמונג אין דער לעצטער צייט איז בלויז געווען איהר שטייגער אַזוי; זי איז געשטאַנען און האָט מיר נאָכגעקוקט, ווען

איך בין אַוועק, איז געשטאַנען ביים פֿענסטער און האָט מיר נאָכ־געפֿאָלגט מיט די בליקען, ביז וואַנען איך בין פֿערשוואונדען; וואָס נאָך האָט זי געקענט טהאָן? מיין פֿרייד האָט מיך גאָר אין גאַנ־צען צומישט, איך בין געווען הונגעריג, און איך האָב עס ניט גע־פֿיהלט.

עזאָפּ איז געלאָפֿען פֿאָראויס; אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אָנגעהויבען בילען. איך גיב אַ קוק; אַ פֿרויענצימער מיט אַ ווייס טיכעל אַרום קאָפּ שטעהט ביים ווינקעל פֿון שטיבעל. ס'איז גע־זוען עוואַ, דעם שמיעד'ס טאָכטער.

„גוטען טאָג, עוואַ!" האָב איך זיך אָבגערופֿען.

זי איז געשטאַנען לעבען דעם הויכען, גראָען שטיין, דער גאַנ־צער פנים רויט, און האָט געזויגען פֿון אַ פֿינגער.

„ביסט דו דאָס, עוואַ? וואָס פֿעהלט דיר?" האָב איך געפֿרעגט.

„עזאָפּ האָט מיר אַ ביס געטהאָן," האָט זי געענטפֿערט און בעת מעשה אַראָבגעלאָזט די אויגען.

כ'האָב בעקוקט איהר פֿינגער. זי האָט זיך איהם אַליין איינ־געביסען. אַ געדאַנק, אַן אַהנונג געהט מיר דורך אין קאָפּ, און איך פֿרעג:

„דו שטעהסט שוין דאָ לאַנג און וואַרטעסט?"

„ניין, ניט לאַנג," האָט זי געענטפֿערט.

און אָהן דעם אַז ווער פֿון אונז זאָל אויסריידען אַ וואָרט, האָב איך זי אָנגענומען ביי דער האַנד און זי אַריינגעפֿיהרט אין שטיבעל.

XVII.

איך בין ווי געוועהנליך געקומען פֿון'ם פֿיש-כאַפּען און האָב זיך געפֿונען אויף'ן „באַל" מיט דעם געוועהר און מיט דער יאַגד-טאַש, כ'האָב בלויז אָנגעטהאָן מיין בעסטען לעדערנעם קאָסטיום. ס'איז שוין געווען שפּעט, ווען איך בין געקומען קיין סירילונד; כ'האָב געהערט, אַז אינעווייניג ווערט געטאַנצט; באַלד נאָכדעם האָבען זיך דערהערט שטימען: אָט איז דער יעגער, דער לייטענאַנט! אַ פּאָר יונגע לייט האָבען זיך אַרומגעשטעלט אַרום מיר און געוואָלט זעהן, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט פֿון דער יאַגד; כ'האָב געהאַט געשאָסען אַ פּאָר ים-פֿייגעל און געכאַפּט עטליכע שעל-פֿיש. עדוואַרדאַ האָט מיך אויפֿגענומען מיט אַ שמייכעל, זי האָט נאָר וואָס געהאַט אָבגעטאַנצט, זי איז געווען רויט.

„דעם ערשטען טאַנץ מיט מיר!" האָט זי געזאָגט.

און מיר האָבען געטאַנצט. קיין אונגליק האָט זיך ניט געמאַכט; מיר האָט אָנגעהויבען שווינדלען אין קאָפּ, נאָר איך בין ניט אומגעפֿאַלען. מיינע הויכע שטיוועל האָבען אָנגעמאַכט גאָר אַ נישקשה'דיגען ליאַרם, איך אַליין האָב געהערט דעם דאָזיגען ליאַרם און איך האָב בעשלאָסען מעהר ניט צו טאַנצען; אַחוץ דעם האָב איך אויך צוקראַצט די געמאָלטע פּאָדלאָגע. ווי האָט עס מיך פֿונדעסטוועגען פֿאָרט געפֿרעהט, וואָס איך האָב ניט אָנגעמאַכט קיין גרעסערע צרות.

הערר מאַק'סביידע קאָמיס זיינען אויך געווען אָנוועזענד און זיי האָבען געטאַנצט גרינגדליך און ערנסט, דער דאָקטאָר האָט גענומען אַ היבשען אָנטהייל אין די אַלגעמיינע טענץ. אַחוץ אָט די

הערערן זיינען געווען נאָך פיער גאַנץ יונגע מענער, די זיהן פון'ם אויבער-פאַסטאָר און פון דעם לאַנד־דאָקטאָר. א פרעמדער האַנ־דעלס־רייזענדער איז אויך געקומען, ער האָט זיך אויסגעצייכענט דורך זיין שעהנער שטימע און האָט צוגעזונגען צום טאַקט מיט דער מוזיק; צייטענווייז האָט ער אַרויסגעהאָלפען די דאַמען ביים קלאַוויר.

איך ווייס ניט, ווי אַזוי די ערשטע שטונדען זיינען פערלאָפען, נאָר פון'ם לעצטען טהייל פון דער נאַכט ווייס איך נאָך אַלצדינג. די זונן האָט די גאַנצע צייט אַריינגעשיינט אַ רויטע אין צימער און די ים־פייגעל זיינען געשלאָפען. מיר האָבען געקראָגען וויין און קיכלאַך, מיר האָבען גערעדט הויך און געזונגען, עדוואַרדאַ'ס גע־לעכטער האָט אָבגעקלונגען פריש און מונטער דורך דאָס גאַנצע צימער. אָבער פאַרוואָס האָב איך פון איהר מעהר קיין וואָרט ניט אַרויסגעקריגען? איך בין צוגעגאַנגען נאָהענט צו איהר און האָב געוואָלט, אַזוי גוט ווי איך האָב עס נור געקענט, מאַכען איהר אַ קאָמפלימענט; זי האָט געטראָגען אַ שוואַרץ קלייד, ס'איז פילייכט געווען איהר „בר־מצוה"־קלייד, און עס איז געוואָרען צו קורץ אויף איהר, נאָר ס'האָט איהר זעהר גוט געקליידט, ווען זי האָט געטאַנצט, און דאָס האָב איך איהר געוואָלט זאָגען...

„ווי דאָס שוואַרצע קלייד..." האָב איך אָנגעהויבען.

אָבער זי איז אויפגעשטאַנען, האָט אָנגענומען איינע פון איה־רע פריינדינען ביים אָרם און איז מיט איהר אַוועק. דאָס האָב איך ווידערהאָלט אַ פאָר מאָל. גוט, האָב איך זיך געטראַכט, וואָס קען מען זיך העלפען? אָבער נאָך וואָס שטעהט זי ביי די פענסטער און קוקט מיר נאָך מיט אַזעלכע טרויעריגע אויגען, ווען איך געה אַוועק פון איהר?

א דאַמע האָט מיך גערופען טאַנצען. עדוואַרדאַ איז געזעסען ניט ווייט פון אונז, און איך האָב געענטפערט הויך אויף'ן קול:

„ניין, איך וועל גלייך געהן אַהיים."

עדוואַרדאַ האָט געוואָרפען אויף מיר אַ פרעגענדען בליק און געזאָגט:

„געהן? אָה ניין, איהר געהט ניט."

כ'האָב אַ קוק געטהאָן אויף איהר און געפיהלט, אַז די צייהן פרעסען זיך מיר צונויף אויף די ליפען. איך בין אויפגעשטאַנען.

„דאָס, וואָס איהר האָט דאָ געזאָגט, קומט מיר פאָר פיעלדייטיג," האָב איך זיך אָבגערופען און געמאַכט אַ פאָר טריט צו דער טהיר.

דער דאָקטאָר האָט זיך מיר געשטעלט אין וועג, און עדוואַרדאַ אַליין איז אויך צוגלאָפען.

„פערשטעהט מיך נור ניט פאַלש," האָט זי געזאָגט מיט אַ וואַרעמען טאָן. „איך האָב געוואָלט זאָגען, אַז איהר וועט האָפענטליך זיין דער לעצטער, וואָס וועט אַוועקגעהן פון דאַנען, דער סאַמע לעצטער. אויסערדעם איז דאָך ערשט איינס אַזייגער... הערט נאָר," האָט זי צוגעלייגט מיט שטראַהלענדע אויגען, „איהר האָט דעם מאַן פון אונזער שיפעל געגעבען פינף טהאַלער, דערפאַר וואָס ער האָט געראַטעוועט מיין שוך פון דערטרונקען ווערן. דאָס איז געוועזען אַ צו הויכער פרייז." און זי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט פון גאַנצען האַרצען און זיך אומגעדרעהט צו אַלע אַנדערע.

איך בין געשטאַנען מיט אַן אָפענעם מויל, אַ דערשלאָגענער, אַ צוטומעלטער.

„איהר האָט אַפּנים אייך געלוסט זיך צו מאַכען שפּאַס," האָב איך געזאָגט. „איך האָב דעם מאַן פון אייער שיפעל ניט געגעבען קיין פינף טהאַלער."

„אַזוי? איהר האָט איהם ניט געגעבען קיין פינף טהאַלער?" זי האָט געעפענט די טהיר צו דער קיך און אַריינגערופען דעם מאַן. „יאַקאָב, דו געדיינקסט דאָך נאָך אונזער רייזע צו די „קוההאינזעלאַך"? דו האָסט געראַטעוועט מיין שוך, וועלכער איז אַריינגעפאַלען אין וואַסער?"

„יאָ," האָט יאַקאָב געענטפערט.

„דו האָסט געקראָגען פינף טהאַלער, דערפאַר וואָס דו האָסט געראַטעוועט דעם שוך?"

„יאָ, איהר האָט מיר געגעבען...."

„גוט. דו קענסט געהן."

וואָס איז זי אויסען מיט דעם דאָזיגען קונץ־שטיק? האָב איך

ביי זיך געקלעהרט. וואָס זשע, זי וויל מיך פֿערשעהמען? דאָס וועט זיך איהר ניט איינגעבען; איך ווער ניט רויט דערפֿון. הויך און דייטליך האָב איך זיך אָבגערופֿען:

„איך מוז דאָ אַלעמען צו וויסען טהאָן, אַז דאָס איז אָדער אַ טעות אָדער אַ ליגען. ס'איז מיר אפילו אויף'ן זינען ניט אַרויף צו נעבען דעם מאַן פֿון'ם שיפֿעל פֿינף טהאַלער פֿאַר אייערע שיך. כ'האָב עס פֿיליכט געדאַרפֿט טהאָן, נאָר ביז איצט איז עס ניט געשעהן."

„און אַצונד ווערט ווידער געטאַנצט," האָט זי געזאָגט און איהר שטערן איז פֿול געוואָרען מיט קנייטשען. „פֿאַרוואָס טאַנצען מיר ניט?"

דערפֿאַר איז זי מיר שולדיג אַן ערקלעהרונג, האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט, און איך בין אַוועק און האָב אָבגעוואַרט די גע־לעגענהייט, צו קענען ריידען מיט איהר. זי איז אַריין אין'ם זייטען־צימער, און איך בין איהר נאָכגעגאַנגען.

„פּראָזיט!" (לחיים!) האָב איך זיך אָבגערופֿען און געוואָלט מיט איהר אָנקלאַפּען.

„כ'האָב גאָרנישט אין מיין גלאָז," האָט זי געענטפֿערט קורץ.

„כ'האָב געמיינט, דאָס איז אייער גלאָז?"

„ניין, דאָס איז ניט מיינס," האָט זי געזאָגט און זיך גלייך געווענדעט צו איהר שכן.

„דאַן ענטשולדיגט מיר," האָב איך געזאָגט.

עטליכע געסט האָבען בעמערקט אָט די קליינע סצענע.

דאָס האַרץ האָט זיך מיר געהויבען אין דער ברוסט; גע־קריינקט און בעליידיגט האָב איך זיך אָבגערופֿען:

„איהר זייט מיר פֿונדעסטוועגען שולדיג אַן ערקלעהרונג..."

זי איז אויפֿגעשטאַנען, האָט מיך אָנגענומען פֿאַר ביידע הענד און געזאָגט מיט האַרץ:

„אָבער ניט היינט, ניט איצט. איך בין אַצונד אַזוי ניט אויפֿ־געליינגט דערצו. גאָט, ווי איהר קוקט מיך אָן! מיר זיינען דאָך אַמאָל געווען גוטע פֿריינד..."

פֿאָלשטענדיג בעזיעגט, האָב איך זיך פֿערקירעוועט נאָך רעכטס און בין צוריק אַריין אין טאַנץ־זאַאַל.

באַלד נאָכדעם איז אויך ערוואַרדאַ אַריינגעקומען, זי האָט זיך געשטעלט ביים קלאַוויר, וואו דער האַנדעלס-רייזענדער איז געזע־סען און האָט געשפּיעלט אַ טאַנץ; איהר געזיכט איז אין דער רגע געווען פול מיט אַ טיעפען שמערץ.

„איך האָב קיינמאָל ניט געלערענט שפּיעלען," זאָגט זי און קוקט מיך אָן מיט דונקעלע אויגען. „ווען איך וואָלט דאָס געקענט!"

דערויף האָב איך גאָרנישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. אָבער מיין האַרץ איז איהר ווידער אַנטקעגען געפלויגען, און איך האָב געפרעגט:

„פאַרוואָס זייט איהר מיט אַמאָל אַזוי אומעטיג, ערוואַרדאַ? ווען איהר זאָלט וויסען, ווי איך לייד דערפון."

„איך ווייס ניט פאַרוואָס," האָט זי געענטפערט. „פילייכט איז אַלצדינגג שולדיג אין דעם. ווען אָט די מענשען וואָלטען געוואָלט גלייך אַוועקגעהן פון דאַנען, איינער ווי אַלע! ניין, איהר ניט; פערגעסט ניט, איהר זאָלט זיין דער לעצטער."

ביי די דאָזיגע ווערטער האָב איך ווידער אַמאָל אויפגעלעבט, און מיינע אויגען האָבען דערזעהן דאָס ליכט אין דעם צימער פול מיט זונן. דעם אויבער-פאַסטאָר'ס טאָכטער איז צוגעקומען צו מיר און האָט פערבונדען מיט מיר אַ געשפּרעך; כ'האָב זי געוואונשען ווייט, ווייט אַוועק און איך האָב זי אָבגע'פּטר'ט מיט קורצע ענט־פערס. כ'האָב מיט אַ כיוון ניט געקוקט אויף איהר, מחמת זי האָט דאָך דאָס געזאָגט אויף מיר, אַז איך האָב אַ בליק פון אַ חיה. זי האָט זיך געווענדט צו ערוואַרדאַ'ן און איהר דערצעהלט, אַז איינ־מאָל, ווען זי איז געווען אין אויסלאַנד, מיר דוכט אין ריגאַ, האָט זיך אַ מאַן אָנגעטשעפּעט אָן איהר און איז איהר נאָכגענאַנגען אויף דער גאַס.

„פון איין גאַס אין דער אַנדערער איז ער מיר נאָכגעלאָפען און האָט געשמייכעלט צו מיר," האָט זי געזאָגט.

„וואָס זשע, ער איז געווען בלינד?" האָב איך זיך אָבגערו־פען, כדי צו געפינען חן ביי ערוואַרדאַ'ן אין די אויגען. און בעת מעשה האָב איך געצווינגען מיט די אַקסלען.

די יונגע דאַמע האָט גלייך אויף'ן שטעל פערשטאַנען מיינע גראָבע ווערטער און האָט געענטפערט:

„נו יאָ, אַוודאי האָט ער געמוזט זיין בלינד, אַז ער האָט גע־קענט נאָכלויפן אַן אַלטע מיאוס'קייט."

אָבער איך האָב זיך דערמיט ניט ערוואָרבען עדוואַרדאָ'ס דאַנקבאַרקייט, זי האָט אַוועקגענומען איהר פֿריינדין אָן אַ זייט; זיי האָבען זיך געשושקעט איינע מיט דער אַנדערער און געשאָ־קעלט מיט די קעפּ. פֿון דער מינוט אָן בין איך געווען פֿאָלשטענ־דיג אַליין, פֿאַר זיך.

עס געהט פֿערביי נאָך אַ שטונדע, די ים-פֿייגעל דרויסען אויף די פֿעלזען הויבען אָן זיך אויפֿצוכאַפּען פֿון שלאָף; זייער געשריי שפּאַרט זיך אַריין דורך די אָפֿענע פֿענסטער צו אונז אין צימער. אַ פֿרייד נעהמט מיך דורך און דורך, בעת איך דערהער די ערשטע קולות פֿון די פֿייגעל, און עס ציהט מיך אַרויס צום ים...

דער דאָקטאָר איז ווידער געווען גוט אויפֿגעלייגט און האָט געצויגען די גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט אויף זיך. די דאַמען זיינען נאָר ניט מיעד געוואָרען זיך צו געפֿינען לעבען איהם. איז דאָס דאָ מיין קאָנקורענט? האָב איך זיך געטראַכט, און איך האָב אויך נעקלעהרט מכח זיין הינקעדיגען פֿוס און זיין קלעגליכע פֿיגור. ער האָט זיך אויסגעטראַכט אַ נייע, וויציגע קללה, ער האָט געזאָגט „טויט און פינזעל", און יעדעס מאָל, ווען ער האָט אָנגעווענדט אָט דעם מאָרגנעם פֿלוך, האָב איך זיך פֿונאַנדערגעלאַכט הויך אויף'ן קול. אין מיין שמערץ האָב איך זיך אָבגעלייגט דערויף, אָט דעם מאַן, טאַקע דערפֿאַר וואָס ער איז געווען מיין קאָנקורענט, צו פֿערשאַפֿען אַלע פֿאָרטיילען, וואָס זיינען נור געווען אין מיין מאַכט. איך האָב געהאַלטען אין איין אונטערגעבען איהם מוטה; כ'האָב געשריען: „טאָ הערט דאָך, וואָס דער דאָקטאָר זאָגט!" און איך האָב זיך געצוואונגען צו לאַכען הויך אויף'ן קול ביי יעדען ווער־טעל, וואָס ער האָט אויסגערעדט.

„איך ליעב די וועלט," האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, „כ'האַלט זיך פֿעסט מיט הענד און פֿיס אָן דאָס דאָזיגע לעבען. און אַז איך וועל אַמאָל שטאַרבען, האָף איך, אַז איך וועל אויבען אין הימעל קריגען אַ פּלאַץ גראָד ערגעץ-וואו איבער לאָנדאָן אָדער פּאַריז, כדי

איך זאָל כסדר, כסדר קענען הערען דעם רוישיגען קאַנקאַן־טאַנץ פון די מענשען."

„גרויסאַרטיג!" האָב איך אויסגעשריען און זיך פונאַנדערגע־הוסט פאַר געלעכטער, כאָטש איך בין ניט אויף אַ האָר אפילו געווען בערוישט.

עדוואַרדאַ האָט אויך אויסגעזעהן צו זיין שטאַרק פעראינטע־רעסירט אין דער דאָזיגער לוסטיגקייט.

אַז די געסט האָבען אָנגעהויבען פונאַנדערגעהן, בין איך פער־קראָכען אין דעם קליינעם זייטען־צימער און איך האָב זיך אַנידער־געזעצט און געוואַרט. כ'האָב געהערט איין אַריע נאָך'ן אַנדערן רוישען אויף די טרעפ, דער דאָקטאָר האָט זיך אויך אָבגעזעגענט און איז אַוועק. באַלד זיינען אַלע שטימען אָבגעשטאָרבען. מיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפט, בעת ווען איך האָב געוואַרט.

עדוואַרדאַ איז אַריינגעקומען. אַז זי האָט מיך דערזעהן, איז זי אַ רגע געבליבען שטעהן אַ פערוואונדערטע, דאַן האָט זי מיט אַ שמייכעל געזאָגט:

„אַך יאָ, איהר זייט דאָ. דאָס איז געווען פריינדליך פון אייך צו וואַרטען ביז צולעצט. איצט בין איך טויט מיער."

זי איז געבליבען שטעהן.

כ'האָב זיך אויך אויפגעהויבען און געזאָגט:

„יאָ, איצט מוזט איהר זיך דאָך אויסרוהען. איך האָף, אַז אייער שלעכטע שטימונג איז שוין אַריבערגעגאַנגען, עדוואַרדאַ. נאָר וואָס זייט איהר געווען אַזוי טרויעריג, און דאָס האָט מיר פערשאַפט שמערצען."

„דאָס וועט שוין אַריבערגעהן, ווען איך קען נור שלאָפען."

כ'האָב גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגען, און איך האָב זיך גע־לאָזט געהן צו דער טהיר.

„איך דאַנק אייך פאַר היינטיגען אָבענד," האָט זי געזאָגט און האָט מיר דערלאַנגט די האַנד. און אַז זי האָט מיך אויך געוואָלט בעגלייטען אַרויס ביז די טרעפ, האָב איך זיך געסטאַרעט איהר אָבצורייזען דערפון.

„ס'איז ניט נייטיג," האָב איך זיך אָבגערופען, „מאַכט זיך ניט קיין איבעריגע אַרבייט, כ'קען זעהר גוט אַליין..."

אָבער זי האָט מיך פונדעסטוועגען פאָרט אַרויסבעגלייט. זי איז געשטאַנען אין קאָרידאָר און האָט געדולדיג געוואַרט, אין דער צייט וואָס איך האָב צוגעפּגעזוכט מיין היטעל, מיין געוועהר און מיין יאַנד־טאַש. אין ווינקעל איז געשטאַנען אַ שפּאַציר־שטעקען; כ'האָב זעהר גוט געזעהן דעם שטעקען, כ'קוק איהם אָן און דערקען איהם, ס'איז געוועזן דעם דאָקטאָר'ס. אַז זי בעמערקט וואוהין מיינע אויגען קוקען, ווערט זי רויט פאַר פערלעגענהייט; מען האָט געקענט דייטליך זעהן אויף איהר געזיכט, אַז זי איז געוועזן אונגעדולדיג און האָט ניט אָנגעהויבען וויסען פון דעם שטעקען. ס'געהט פערביי אַ גאַנצע מינוט. ענדליך פּלאַצט אַרויס אַ ווילדע אונגעדולד פון איהר, און מיט אַ ציטערנדער שטימע זאָגט זי:

„אייער שטעקען. פערגעסט ניט אייער שטעקען."

און פאַר מיינע אויגען דערלאַנגט זי מיר דעם דאָקטאָרס שטע-קען.

כ'האָב אַ קוק געטהאָן אויף איהר, זי האָט נאָך געהאַלטען דעם שטעקען מיר אַנטקעגען, איהר האַנד האָט געציטערט. כדי צו מאַכען אַ סוף צו דער געשיכטע, האָב איך גענומען דעם שטע-קען און איהם אַוועקגעשטעלט צוריק אין ווינקעל. כ'האָב געזאָגט:

„דאָס איז דעם דאָקטאָר'ס שטעקען. כ'קען נאָר ניט פערשטעהן, ווי אַזוי דער הינקעדיגער מאַן האָט געקענט פערגעסען זיין שטעקען."

„איהר מיט אייער „הינקעדיגען מאַן"!" האָט זי זיך אָבגערופען מיט כעס און האָט געמאַכט אַ טריט אַנטקעגען מיר. „איהר הינקט ניט, יעדענפאַלס ניט; נאָר אַז איהר וואָלט נאָך דערצו געהונקען אויך, וואָלט איהר ניט געקענט בעשטעהן פאַר איהם. יאָ!"

כ'האָב געזוכט עפּעס אַן ענטפער, נאָר עס האָבען מיר גע-פעהלט די ווערטער, — כ'האָב געשוויגען. מיט אַ טיפער פערנייי-גונג בין איך הינטערוויילאַכס אַרויס צו דער טהיר און אַרונטער די טרעפּ. דאָ בין איך געשטאַנען אַ רגע און האָב געקוקט פאָר-אויס, דערנאָך בין איך אַוועק.

אַזוי, אַזוי, ער האָט פערגעסען זיין שטעקען, האָב איך זיך געטראַכט, און ער וועט צוריקקומען, איהם נעהמען. ער וויל ניט, איך זאָל זיין דער לעצטער, וואָס געהט אַרויס פון דעם הויז...

כ'בין געגאַנגגען נאָנץ לאַנגזאַם מיט'ן וועג אַרויף און דערביי האָב איך זיך אומגעקוקט פֿון הינטען און פֿון פֿאָרענט; ביים ראַנד פֿון וואַלד בין איך געבליבען שטעהן. ענדליך נאָכדעם ווי איך האָב אָבגעוואַרט אַ האַלבע שעה צייט, איז דער דאָקטאָר מיר אַנטקעגען געקומען, ער האָט מיך געזעהן און איז געגאַנגען שנעל. נאָך איידער ער האָט געקענט אויסריידען אַ וואָרט, האָב איך אַ מאַך געטהאָן מיט מיין מיץ אין דער לופֿטען, כדי איהם צו שטעלען אויף דער פּראָבע. אויך ער האָט אַרונטערגענומען דעם הוט. כ'בין צוגעגאַנגען צו איהם און האָב געזאָגט:

„איך האָב אייך ניט בעגריסט."

ער האָט אָבגעטראָטען אַ טריט צוריק און האָט מיך אָנגעקוקט.

„איהר האָט מיך ניט בעגריסט?"

„ניין," האָב איך געזאָגט.

פויזע.

„נו, ס'איז מיר אַלצאיינס, וואָס איהר האָט געטהאָן," האָט ער געענטפֿערט, און ער איז בעת מעשה געוואָרען בלייך. „כ'געה צוריק נעהמען מיין שטעקען, וועלכען איך האָב פֿערגעסען."

דערצו האָב איך גאָרנישט געהאַט, וואָס צו זאָגען; נאָר איך האָב זיך אָבגערעכענט מיט איהם אויף אַן אַנדער אופן; כ'האָב אויסגעשטרעקט דעם ביקס פֿאַר איהם, אָקוראַט ווי ער וואָלט געווען אַ הונד, און געזאָגט:

„שפּרינג! האָפּלאַ!"

און איך האָב צוגעפּייפֿט און איהם צוגערופֿען, ער זאָל אַריבערשפּרינגען.

א קורצע ווייל האָט ער געקעמפּפֿט מיט זיך אַליין, דער אויסדרוק פֿון זיין געזיכט האָט זיך אויף אַ מאָדנעם אופן אַלע ווייל געביטען, בעת ווען ער האָט צונויפֿגעפּרעסט די ליפּען און דער בליק זיינער איז געווען צוגעשמידט צו דער ערד. פּלוצלינג האָט ער מיך אָנגעקוקט שאַרף, אַ האַלבער שמייכעל האָט זיך געוויזען אויף זיין געזיכט, און ער האָט געפֿרעגט:

„נאָך וואָס טהוט איהר דאָס אַלעס אייגענטליך?"

כ׳האָב ניט געענטפֿערט; נאָר זיינע ווערטער האָבען געמאַכט אַן איינדרוק אויף מיר.

מיט אַמאָל דערלאַנגט ער מיר די האַנד און זאָגט מיט אַ נידעריגען טאָן;

„עפּעס וואָס איז מיט אייך ניט אין אָרדנונג. ווען איהר ווילט מיר זאָגען, וואָס עס איז, וועל איך פֿילייכט..."

אצונד בין איך געוואָרען אויסער זיך פֿאַר שאַנדע און פֿערצווייפֿלונג; אָט די רוהיגע ווערטער האָבען מיך דערשלאָגען, כ׳האָב פֿערלאָרען די גלייכגעוויכט. געוואָלט אַלעס צוריק גוט מאַכען, כ׳האָב אַרומגעלייגט מיין אָרם אַרום איהם און אויסגערופֿען:

„זייט מיר מוחל דערפֿאַר, הערט איהר? ניין, וואָס זאָל דען מיט מיר זיין ניט אין אָרדנונג? אַלעס איז אין אָרדנונג און איך נייטיג זיך ניט אין אייער הילף. איהר זוכט פֿילייכט עדוואַרדאַ׳ן? איהר וועט זי געפֿינען אין דער היים. נאָר איילט זיך צו, וואָרים אַניט וועט זי זיך לייגען שלאָפֿען, איידער איהר קומט; זי איז געוועזן אַזוי מיעד, כ׳האָב עס אַליין געזעהן. איך זאָג אייך דאָס בעסטע, וואָס איך וויים איצט, דאָס איז וואָהר, איהר וועט זי געפֿינען אין דער היים. געהט נור!"

און איך האָב זיך אומגעדרעהט און בין אַנטלאָפֿען פֿון איהם; מיט לאַנגע טריט האָב איך זיך געיאָגט אין וואַלד אַריין און פֿון דאָרט אַהיים צו מיר אין שטיבעל.

אַ היבשע ווײַלע בין איך געבליבען זיצען אויף מיין בעטעל אין דעם זעלבען צושטאַנד, ווי איך בין אַריינגעקומען, מיט דער יאַגד־טאַש איבער דער שולטער און מיט׳ן ביקס אין האַנד. וואונדערליכע געדאַנקען האָבען אויפֿגעלעבט ביי מיר אין מוח. פֿאַרוואָס האָב איך זיך אַזוי אַראָבגעלאָזען פֿאַר׳ן דאָקטאָר! ס׳האָט מיך פֿערדראָסען, וואָס איך האָב איהם געהאַלטען אַרומגענומען מיט׳ן אָרם און איהם אָנגעקוקט מיט פֿייכטע אויגען; ער וועט זיך פֿרעהען דערמיט, האָב איך זיך געטראַכט, פֿילייכט זיצט ער אין דער רגע דאָרט מיט עדוואַרדאַ׳ן און קייכט פֿון געלעכטער. ער האָט דעם שטעקען זיינעם אַוועקגעשטעלט אין קאָרידאָר. ניט אמת, אַז איך וואָלט נאָך דערצו געהונקען אויך, וואָלט איך ניט געקענט בעשטעהן פֿאַר׳ן דאָקטאָר? דאָס זיינען געוועזן איהרע אייגענע ווערטער...

איך שטעל זיך אַוועק אין מיטען שטוב, שטעל אָן מיין ביקס מיט'ן מויל צו מיין לינקען פוס־געלענק און דריק אָב. דער שאָס געהט דורך דעם שפּאַן און בויערט דורך אַ לאָך אין דער פּאָדלאָגע. עזאָפ לאָזט אַרויס אַ קורצען, דערשראָקענעם קוויטש.

גלייך נאָכדעם דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין טהיר.

ס'איז געווען דער דאָקטאָר, וועלכער איז צוריקגעקומען.

„ענטשולדיגט, אויב איך שטער אייך," האָט ער אָנגעהויבען.

„איהר זייט אַזוי שנעל אַוועק, כ'האָב געטראַכט ביי זיך, עס קען דאָך גאָרנישט שאַדען, מיר זאָלען אַביסעל פּלוידערן צוזאַמען. כ'מיין, עס שמעקט דאָ נאָך פּולווער."

ער איז געווען פאָלקאָם ניכטער.

„האָט איהר געטראָפען עדוואַרדאַ'ן? האָט איהר געקראָגען אייער שטעקען?" האָב איך געפרעגט.

„כ'האָב געקראָגען מיין שטעקען. ניין, עדוואַרדאַ איז שוין געווען ביי זיך אין שלאָפצימער... וואָס איז דאָס דאָ? אָבער אין גאָטעס נאָמען, איהר זייט דאָך פערבלוטיגט?"

„ניין, ס'איז כמעט גאָרנישט. כ'האָב געוואָלט אַוועקשטעלען דעם ביקס, האָט ער אויסגעשאָסען: ס'איז גאָרנישט. דער טייוועל זאָל אייך נעהמען, וואָס זשע, בין איך דען מחויב צו זיצען דאָ און אייך אָבגעבען חשבון דערפאַר?... אָבער אייער שטעקען האָט איהר געקראָגען?"

ער האָט געקוקט מיט אַ פרעמדען בליק פול אונרוה אויף מיין צושאָסענעם שטיוועל און אויף דאָס בלוט, וואָס האָט געפלאָסען. אויף גיך האָט ער אַוועקגעלייגט דעם שטעקען און זיך אויסגעטהאָן די האַנדשוה.

„זיצט שטיל, אייער שטיוועל מוז אַרונטער," האָט ער געזאָגט. „ס'איז אַלזאָ ריכטיג געווען; מיר האָט זיך אָבער געדוכט, אַז איך האָב געהערט א שאָס."

Кабинет изученія еврейской исторіи и литерат.
Библіотека
академическ.
ферейна

XVIII.

ווי איך האָב דאָס שפּעטער בעדויערט אָט דעם וואַהנזיניגען שאָס! ס'איז ניט ווערטה געווען די מיה, דער גאַנצער עסק האָט זיך ניט געלוינט, און עס האָט אויך קיין שום נוצען געבראַכט; ס'האָט מיך בלויז צוגעבונדען אויף עטליכע וואָכען צייט צום שטיבעל. אַלע ערגערנישען און אונאַנגענעהמליכקייטען שטעהען מיר נאָך לע-בעדיג פֿאַר די אויגען; מיין וואַש-פֿרוי האָט יעדען טאָג געמוזט קומען צו מיר אין שטיבעל און זיך דאָרט כמעט כסדר אויפֿהאַלטען, האָט געמוזט איינקויפֿען צום עסען, בעזאָרגען מיין בעל הבית'ישקייט. עטליכע וואָכען זיינען אַזוי אַריבער. נו יאָ!

איין טאָג האָט דער דאָקטאָר געמאַכט אַ רייד וועגען עדוואַרדאַ'ן. כ'האָב געהערט איהר נאָמען, געהערט, וואָס זי האָט געזאָגט און געטהאָן, און עס האָט פֿאַר מיר מעהר קיין איבריגע בעדייטונג ניט געהאַט; ס'איז געווען, גלייך ער וואָלט גערעדט מכח אַ וויייט-ליגענ-דע זאַך, וואָס געהט מיך גאָרנישט אָן. ווי שנעל מען קען זיך דאָס פֿערגעסען! האָב איך געטראַכט מיט ערשטוינונג.

„נו, וואָס דענקט איהר אַליין וועגען עדוואַרדאַ'ן, אַז עס האַלט שוין יאָ דערביי? איך האָב, דעם אמת זאָגענדיג, זינט עטליכע וואָכען ניט גערדיינקט פֿון איהר. ווארט אַקאָרשט, מיר קומט פֿאָר, אַז עפּעס מוז דאָך צווישען אייך זיין, איהר זייט אַזוי אָפֿט געווען צו-זאַמען, איהר זייט געווען דער בעל הבית ביי אַ רודער-פּאַרטיע, און זי די בעל הבית'טע. לייקענט ניט, דאָקטאָר, ס'איז דאָך עפּעס געווען, אַ געוויסער אָבמאַך. ניין, אום גאָטעס ווילען, ענטפֿערט מיר ניט; איהר זייט מיר ניט שולדיג קיין שום ערקלעהרונג;

איך פרעג ניט, כדי וואס עס איז צו דערגעהן ביי אייך; לאמיר ריידען פון עפעס אנדערש, אויב איהר ווילט. ווען וועל איך קענען ווידער געהן מיט מיין פוס?"

איך בין געבליבען זיצען פערטראכט מכח דעם, וואס איך האב נאר וואס געזאגט. פארוואס האב איך טיעף אינעווייניג ביי מיר אזוי מורא געהאט, דער דאקטאר זאל זיך חלילה ניט אויסריידען? וואס איז מיך ערוואַרדאַ אנגעגאנגען? כ'האב זי דאך פערגעסען.

שפעטער האט זיך ווייטער געמאכט א געשפרעך וועגען עד־וואַרדאַ'ן, און איך האב דעם דאקטאר ווידער אמאל איבערגעשלאגען די רייד; גאט ווייס, וואס איך האב דא מורא געהאט צו דערגעהן.

„פאַרוואס לאזט איהר מיך ניט ריידען?" האט ער געפרעגט.

„וואס זשע, איהר קענט עס אבסאלוט ניט אריבערטראגען, ווען איהר נאמען קומט איבער מיינע ליפען?"

„זאגט מיר," האב איך געפרעגט, „וואס איז אייער אייגענע מיינונג וועגען פריילין עדוואַרדאַ? דאס אינטערעסירט מיך צו וויסען."

ער האט מיך אנגעקוקט מיט מיסטרויאישע בליקען.

„מיין אייגענע מיינונג?"

„איהר קענט מיר היינט פיליכט דערצעהלען עפעס נייעס וועגען איהר; איהר האט דאך אפשר געבעטען איהר האנד און געקריגען אן ענטפער אויף יא. קען איך אייך גראַטולירען? ניט? נו יא, דער טייוועל קען אייך וויסען! האַהאַהא."

„אלזא, דאס איז דאס געווען, וואס איהר האט מורא געהאַט?"

„מורא געהאַט? בעסטער דאקטאר!"

פויזע.

„ניין, איך האב ניט געבעטען איהר האנד און ניט געקריגען קיין ענטפער אויף יא," האט ער זיך אבגערופען; „איהר האט עס אפשר געטהאן. עדוואַרדאַ'ס האנד בעט מען ניט, זי נעהמט דעם, וועמען איהר הארץ גלוסט. וואס מיינט איהר, זי איז א פראסטע פויערטע? איהר האט אט די פערזאן געטראפען אויבען אין נארד־לאַנד, און איהר האט עס אליין געזעהן. זי איז א קינד, וואס האט געקריגען צו ווייניג שמיץ, און א פרוי מיט אסך קאפריזען. קאלט?

דערפֿאַר האָט איהר ניט וואָס מורא צו האָבען. וואָרום? אייז, זאָג איך אייך. וואָס איז זי אין גאַנצען? אַ קליין מיידעל, פֿון זעכצעהן, זיבעצעהן יאָהר, ניט אמת? אָבער פּרוואווט אַקאָרשט וועלען ווירקען אויף דאָס דאָזיגע קליינע מיידעלע, און אייער מיה וועט זיין אַרויס-געוואָרפֿען. אפילו דער פֿאָטער איהרער קען מיט איהר גאָרנישט מאַכען; ס'זעהט דוכט זיך אויס, אַז זי פֿאָלגט איהם, אָבער אין דער ווירקליכקייט רעגירט זי אַליין. זי זאָגט, איהר האָט אַ בליק פֿון אַ חיה..."

„איהר האָט אַ טעות, דאָס איז אַן אַנדערע, וואָס זאָגט, אַז איך האָב אַ בליק פֿון אַ חיה."

„אַן אַנדערע? וואָס פֿאַר אַן אַנדערע."

„דאָס ווייס איך ניט. איינע פֿון איהרע פֿריינדינען. ניין, עדוואַרדאַ האָט עס ניט געזאָגט. נאָר וואַרט — פֿילייכט איז דאָס טאַקע עדוואַרדאַ אַליין..."

„אַז איהר קוקט זי אָן, האָט עס די און די ווירקונג אויף איהר, זאָגט זי. אָבער מיינט איהר אפשר, אַז דאָס ברייננגט אייך כאָטש אויף אַ האָר נעהענטער צו איהר? ס'הויבט זיך ניט אָן. איהר קענט קוקען אויף איהר; איהר קענט זיך די אויגען אויסקוקען אויף איהר; נאָר אַזוי גיך ווי זי בעמערקט, אַז איהר נעהמט זי דורך מיט אייער בליק, וועט זי זיך זאָגען: זעהט, אָט שטעהט אַלזאָ דער דאָזיגער מאַן און קוקט מיך אָן און מיינט, אַז ער האָט מיך שוין! און מיט איין בליק אָדער מיט איין קאַלטען וואָרט וועט זי אייך פֿערטרייבען צעהן מייל ווייט פֿון זיך. וואָס מיינט איהר, איך קען זי ניט? ווי אַלט, דיינקט איהר, איז זי?"

„זי איז דאָך געבוירען געוואָרען אין אַכט און דרייסיג."

„אַ ליגען. איך האָב פֿון שפּאַס וועגען נאָכגעפֿאָרשט די זאַך. זי איז אַלט צוואַנציג יאָהר; איבעריגענס וואָלט זי זעהר גוט געקענט אָנגעהן פֿאַר פֿופֿצעהן. זי איז ניט קיין גליקליכע זעעלע; ביי איהר אין דעם קליינעם קאָפּ אַרבייט עס צופֿיעל. אַז זי שטעהט אַזוי און קוקט אַרויס אויף בערג און ים, און איהר זעהט, ווי איהר מויל פֿערציהט זיך מיט שמערץ אָט ד אָ, דאַן איז זי אונגליקליך; נאָר זי איז צו שטאָלץ און צו איינגע'עקשן'ט צו וויינען. דערצו

האָט זי אַ שטאַרקע פֿאַנטאַזיע, זי וואַרט אויף אַ פּרינץ. ווי איז דאָס געווען מיט די געוויסע פֿינף טהאַלער, וועלכע איהר האָט כלומר׳שט אַוועקגעשיינקט דעם מאַן פֿון שיפֿעל ?..."

„אַ שפּאַס. ניין, ס׳איז גאָרנישט געווען..."

„אויך דאָס איז געווען עפּעס. אָן עהנליכע זאַך האָט זי אַמאָל געמאַכט מיט מיר. שוין אַ יאָהר אין דעם. מיר זיינען געווען אויף׳ן פּאָסט-שיף, בעת עס איז געשטאַנען דאָ אין האַפֿען. ס׳האָט גערע־גענט און עס איז געווען קאַלט. אַ פֿרוי מיט אַ קליין קינד זיצט אויף׳ן פֿערדעק און פֿריערט. עדוואַרדאַ פֿרעגט זי: ס׳איז אייך גאָרנישט קאַלט ? יאָ, דער פֿרוי איז געווען קאַלט. נו, און דעם קינד איז דען ניט קאַלט ? געוויס, דעם קינד איז אויך געווען קאַלט. פֿאַרוואָס געהט איהר ניט אַראָב אין דער קאַיוטע ? פֿרעגט עד־וואַרדאַ. מיין בילעט איז פֿאַר׳ן פֿערדעק, האָט די פֿרוי געענט־פֿערט. עדוואַרדאַ קוקט מיך אָן. די פֿרוי האָט נור אַ בילעט פֿאַר׳ן פֿערדעק, זאָגט זי. וואָס קען מען מהאָן דערצו ? ענטפֿער איך ביי מיר. אָבער איך פֿערשטעה עדוואַרדאַ׳ס בליק. איך בין ניט קיין רייכער מאַן, כ׳האָב זיך אַרויפֿגעאַרבייט פֿון גאָרנישט, און איך צעהל דאָס געלד, וואָס איך גיב אויס. איך טרעט אַלזאָ אָב פֿון דער פֿרוי אָן אַ זייט און טראַכט ביי זיך: ווען עס האַלט שוין יאָ דערביי צו בעצאָהלען פֿאַר איהר, טאָ זאָל עדוואַרדאַ אַליין בע־צאָהלען, זי און איהר פֿאָטער האָבען מעהר געלד ווי איך. און עד־וואַרדאַ בעצאָהלט טאַקע אַליין. אין דעם פּרט איז זי גרויסאַרטיג, זי האָט גאָר ניט קיין שלעכט האַרץ. נאָר אַזוי וואַהר ווי איך זיץ דאָ, זי האָט גאָר אַנדעריש ניט גערעכענט, אַז איך וועל בעצאָהלען דעם קאַיוטען-פּלאַץ פֿאַר דער פֿרוי מיט׳ן קינד, כ׳האָב עס דער־קענט אָן איהר בליק. וואָס, מיינט איהר, איז געווען ווייטער ? די פֿרוי איז אויפֿגעשטאַנען און האָט געדאַנקט פֿאַר דער גרויסער הילף. ניט מיר דאַנקט, נאָר דאַנקט אָט דעם הערר דאָרט, ענטפֿערט עדוואַרדאַ און ווייזט מיט אַ רוהיגער מיענע אָן אויף מיר. ווי גע־פֿעלט אייך דאָס ? איך הער, ווי די פֿרוי דאַנקט אויך מיר, און איך קען גאָרנישט ענטפֿערן דערויף, איך מוז עס לאָזען געהן ווי עס געהט. זעהט איהר, דאָס איז בלויז איין צוג, נאָר איך וואָלט

איך געקענט דערצעהלען אַסך אַזעלכע. און וואָס אַנבעלאַנגט די פינף טהאַלער, האָט זי אַליין געגעבען דעם מאַן פון שיפּעל דאָס געלד. ווען איהר מהוט עס, וואָלט זי אייך אַרויפגעפאַלען אויף'ן האַלז; איהר האָט, הייסט עס, געדאַרפט זיין דער גרויסאַרטיגער הערר, וואָס זאָל בעגעהן אַזאַ איינפאַכע נאַרישקייט צוליעב אַן אויסגעטראַכטענעם שוך; דאָס האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין איהרע פאַנטאַזיעס, דאָס האָט זי זיך פאָרגענומען. אַזוי ווי איהר האָט עס ניט געטהאָן, האָט זי עס אַליין געטהאָן אין אייער נאָמען. אַזוי איז זי, אונפערנינפטיג און אויסגערעכענט אין איין און דערזעלבער צייט."

„וואָס זשע, וואָלט זי גאָר קיינער ניט געקענט געווינען?" האָב איך געפרעגט.

„מען וואָלט זי געמוזט האַלטען אין צוויק, איהר לערנען אַבי-כעל דרך ארץ," האָט דער דאָקטאָר געענטפערט, אויסמיידענדיג מיין פראַגע. „איז גאָר פערקעהרט, זי האָט שוין צופיעל פרייהייט, זי קען טהאָן אַלץ וואָס זי וויל, און זיענען אַזויפיעל וויפיעל איהר הארץ געלוסט. מען איז שטענדיג ענטציקט פון איהר, מען ווייזט איהר ניט אַרויס קיין גלייכגילטיגקייט, ס'איז אימער דאָ ווער עס איז ביי דער האַנד, אויף וועמען זי קען אויסאיבען איהר ווירקונג. האָט איהר בעמערקט, ווי איך בעהאַנדעל זי? ווי אַ שול-קינד, ווי אַ קליין מיידעלע, איך לערן איהר, פערבעסער איהר שפּראַך, גיב אַכטונג אויף איהר און שפּאַר זי צו צו דער וואַנד. וואָס זשע, איהר מיינט, זי פערשטעהט דאָס נים? אַך, זי איז שמאָלץ און איינגע'-עקשן'ט, זי פיהלט זיך כסדר בעליידיגט דערפון; אָבער זי איז אויך צו שמאָלץ אַרויסצוּאווייזען, אַז זי איז בעליידיגט. נאָר אַזוי מוז מען מיט איהר אָנגעהן. אַז איהר זייט געקומען, האָב איך זי שוין גע-האַט אַ יאָהר צייט אין מיינע הענד; ס'האָט אָנגעהויבען ווירקען, זי פלעגט ווייגען פאַר שמערץ און פערדרוס, זי איז אַסך פערגינגפּ-טיגער געוואָרען. מיט אַמאָל זייט איהר געקומען און האָט צושטערט אַלצדינג. אַזוי געהט עס, דער לאָזט זי אָב, און דער אַנדערער נעהמט זי אויף; נאָך אייך וועט מן הסתם קומען אַ דריטער, ווער ווייס?"

אָהאָ, דער דאָקטאָר וויל זיך דאָ נוקם זיין, האָב איך ביי זיך געטראַכט; און איך האָב געזאָגט:

„זאָגט מיר. איך בעט אייך, דאָקטאָר, נאָך וואָס האָט איהר זיך געראַפּט געבען אַזוי פיעל מיה, מיר דאָס אַלעס מיטצוטהיי־לען? זאָל איך אייך העלפען לערנען עדוואַרדאַ'ן דרך ארץ?"

„איבעריגענס איז זי וואַרם ווי אַ וואולקאַן," האָט ער וויטער געזאָגט, ניט אומקוקענדיג זיך אויף מיין פראַגע. „איהר האָט גע־פרעגט, צי קיינער וואָלט זי גאָר ניט געקענט געווינען. אָה געוויס, פאַרוואָס ניט? זי וואַרט אויף איהר פרינץ, ער איז ניט געקומען; אַלע ווײלע האָט זי אַן אַנדער טעות, זי האָט אויך געמיינט, אַז איהר זייט דאָס דער פרינץ, בעזונדערס אַז זי האָט נאָך אויף אייך דערזעהן דעם בליק פון אַ חיה, האַ—האַ! הערט איהר, הערר לייטענאַנט, איהר האָט יעדענפאַלס געדאַרפט מיטברײנגען מיט זיך אייער אוניפאָרם. זי וואָלט אַצונד געהאַט איהר בעדייטונג. פאַרוואָס זאָל מען זי ניט קענען געווינען? איך האָב אַליין געזעהן, ווי זי האָט געהויבען די הענד און געבעטען און געהאָפט אויף איינעם, וואָס זאָל קומען און זי נעהמען, זי אַוועקפיהרען מיט זיך, כדי צו הערשען איבער איהר קערפער אין איהר זעעלע. יאָ. נאָר ער מוז קומען פון אויסלאַנד, ער מוז אין אַ שעהנעם טאָג זיך פלוצלינג בעווייזען, אויסוואַקסען פון דער עלער־הויט. מיר דוכט, אַז הערר מאַק איז שוין ווידער אויף אַן עקספעדיציע, ס'מוז עפּעס שטעקען הינטער דער דאָזיגער רייזע. איינמאָל איז שוין הערר מאַק געוועזען אויף דער רייזע, און ער איז צוריקגעקומען מיט אַ פרעמדען הערר."

„מיט אַ הערר איז ער צוריקגעקומען?"

„אַך, אָבער ער האָט ניט געטויגט," האָט דער דאָקטאָר גע־זאָגט מיט אַ שמערצליכען געלעכטער. „סאיז געוועזען אַ מאַן אין מיינע יאָהרען; ער האָט אויך געהונקען, פונקט ווי איך. דאָס איז ניט געוועזען דער פרינץ."

„און וואוהין איז ער אַוועקגעפאָהרען?" האָב איך געפרעגט און געקוקט דעם דאָקטאָר גלייך אין די אויגען אַריין.

„וואוהין ער איז אַוועקגעפאָהרען? פון דאַנען? דאָס ווייס איך ניט," האָט ער געענטפערט אַ צוטומולטער. „נאַ, מיר האָבען שוין צו לאַנג פערבראַכט דערמיט. אין אַ וואָך ארום וועט איהר ווידער קענען אָנהויבען געהן אויף אייער פוס. צום ווידערזעהן."

XIX.

איך הער אַ פֿרויען־שטימע לעבען מיין שטיבעל, דאָס בלויז שיכט מיר אַרויף אין קאָפּ; ס'איז עדוואַרדאַ'ס שטימע.

„גלאַהן, גלאַהן איז קראַנק, הער איך?"

און מיין וואַש־פֿרוי ענטפֿערט ביי דער טהיר:

„ער איז שוין באַלד ווידער געזונד."

דאָס דאָזיגע „גלאַהן, גלאַהן" איז מיר דורך מאַרך און ביין, זי האָט איבערגעזאָגט מיין נאָמען צוויי מאָל; דאָס האָט געווירקט אויף מיר, איהר שטימע איז געווען קלאָהר און ציטערנדיג.

זי האָט געעפֿענט מיין טהיר אָהן צערעמאָניעס, ניט אָנקלאַפּענדיג, איז אַריין שנעל און האָט מיך אָנגעקוקט. מיט איינמאָל האָב איך זיך געפֿיהלט עפּעס ווי אין די אַלטע טעג; זי האָט געטראָגען איהר אָבגעפֿאַרבט יאַקעל און דעם פֿאַרטוך האָט זי אַביסעל נידעריגער אַרונטערגעלאָזען איבער'ן בויך, כדי צו האָבען אַ לאַנגע טאַליע. דאָס אַלעס האָב איך גלייך אויף'ן שטעל דערזעהן, און איהר בליק, איהר ברוין געזיכט מיט די ברעמען הויך אויף'ן שטערן, דער מערקווירדיג צערטליכער אויסדרוק אין איהרע הענד, — אַלצדינג האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אויף מיר און מיך צוטומעלט. זי האָב איך דאָס געקושט, האָב איך געטראַכט ביי זיך. כ'בין אויפֿגעשטאַנען און געבליבען שטעהן.

„איהר שטעהט אויף, איהר בלייבט שטעהן," האָט זי זיך אָבגערופֿען. „זעצט זיך צוריק אויף אייער אָרט, איהר האָט דאָך אַ שלעכטען פֿוס, איהר האָט זיך געשאָסען. גוטער גאָט, ווי איז דאָס פֿאָרגט צוגעגאַנגען? איך האָב זיך ערשט איצט דערוואוסט וועגען דעם.

איך האָב די גאַנצע צייט געטראַכט: וואו איז ערגעץ גלאַזן? ער קומט שוין גאָר ניט. איך האָב פֿון גאָרנישט געוואוסט. איהר האָט זיך געשאָסען, ס׳איז שוין עטליכע וואָכען, ווי איך הער, און איך האָב קיין איין וואָרט ניט געוואוסט. ווי געהט עס איצט? איהר זייט זעהר בלייך געוואָרען, איך דערקען אייך שוין גאָר ניט. און דער פֿוס? בלייבט איהר הינקעדיג? דער דאָקטאָר זאָגט, אַז איהר בלייבט ניט הינקעדיג. ווי עס פֿרעהט מיך פֿון גאַנצען האַרצען פֿאַר אייך, וואָס איהר וועט ניט הינקען, אַ דאַנק גאָט דערפֿאַר. איך האָף, איהר וועט מיר פֿערצייהען, וואָס איך בין אַזוי אָהן צערעמאָניעס געקומען צו אייך, כ׳בין מעהר געלאָפֿען איידער געגאַנגען...“

זי האָט זיך אַריבערגעבויגען צו מיר, זי איז געשטאַנען נאָהענט לעבען מיר, כ׳האָב געשפּירט איהר אָטהעם אויף׳ן געזיכט און איך האָב אויסגעשטרעקט די הענד צו איהר. דאָ האָט זי אָבגעטראָטען צוריק. איהרע אויגען זיינען נאָך געווען פֿייכט.

„דאָס איז צוגעגאַנגען אַזוי,“ האָב איך געשטאַמעלט. „כ׳האָב געוואָלט אַוועקשטעלען דעם ביקס אין ווינקעל, כ׳האָב איהם געהאַלטען פֿערקעהרט, אַזוי, דאָס אויבערשטע נאָך אונטען; דאָ האָב איך פּלוצלינג דערהערט אַ שאָס. ס׳איז געווען אַן אונגליקליכער צופֿאַל.“

„אַן אונגליקליכער צופֿאַל,“ האָט זי געזאָגט מיט אַ טאָן פֿון מיסטעריען און האָט דערביי צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. „לאָמיך אַקאָרשט זעהן, ס׳איז דער לינקער פֿוס; אָבער פֿאַרוואָס עפּעס גראָד דער לינקער? יאָ, ס׳איז געווען אַן אונגליקליכער צופֿאַל...“

„יאָ, אַן אונגליקליכער צופֿאַל,“ האָבע איך איהר איבערגעשלאָגען די רייד. „ווי קען איך וויסען, פֿאַרוואָס עס איז גראָד געווען דער לינקער פֿוס? איהר זעהט דאָך אַליין, אַזוי האָב איך געהאַלטען דעם ביקס, האָט דאָך דאָס ניט געקענט אַזוי לייכט טרעפֿען דעם רעכטען פֿוס. יאָ, ס׳איז ניט געווען זעהר אַנגענעהם.“

זי האָט מיך אָנגעקוקט פֿערטראַכטערהייט.

„נו, איהר ווערט אַלזאָ בעסער,“ האָט זי געזאָגט און האָט זיך אומגעקוקט אין שטיבעל. „פֿאַרוואָס האָט איהר ניט אַריבערגעשיקט די וואַש־פֿרוי נאָך עסען צו אונז? פֿון וואָס האָט איהר געלעבט?“

מיר האָבען גערעדט נאָך עטליכע מינוטען. איך האָב געפֿרעגט:

„בשעת איהר זייט אַריינגעקומען אַהער, איז אייער געזיכט גע־וועז געריהרט, און די אויגען אייערע האָבען געלויכטען, איהר האָט מיר געגעבען די האַנד. איצט זיינען אייערע אויגען ווידער געוואָרען גלייכגילטיג. ניט ריכטיג?"

פּויזע.

„מען קען דאָך ניט אימער זיין גלייך..."

„זאָגט מיר בלויז דאָס איינציגע מאָל," האָב איך זיך אָבגערופֿען, „וואָס האָב איך אין דעם פֿאַל געזאָגט אָדער געטהאָן, וואָס האָט אַרויסגערופֿען אייער שלעכטע שטימונג? דאָס וואָלט דאָך געקענט זיין פֿאַר מיר אַן אָנדייטונג אויף ווייטער."

זי האָט אַרויסגעקוקט פֿון פֿענסטער, אַהין צום ווייטען האָריזאָנט; זי איז געשטאַנען און געקוקט פֿערטראַכטערהייט פֿאַר זיך און איך בין געזעסען הינטער איהר. זי האָט מיר געענטפֿערט:

„גאָרנישט, גלאַהן. מען קען דאָך ניט אַלע מאָל האָבען דיזעלבע געדאַנקען. זייט איהר אַצונד שלעכט אויפֿגעלייגט? פֿערגעסט ניט אָט וואָס: אַ טהייל גיבען ווייניג, און עס איז פֿאַר זיי אַסך, אַנדערע גיבען אַלעס, און עס קאָסט זיי גאָרנישט; ווער פֿון זיי גיט אַם מייסטען? איהר זייט אין פֿערלויף פֿון אייער קראַנקהייט געוואָרען מרה-שחורה'דיג. ווי זיינען מיר פֿאָרט געקומען דערצו, צו ריידען וועגען דעם?" און פלוצלינג קוקט זי מיך אָן, אַ פֿרייד גיסט זיך פֿונאַנדער איבער איהר געזיכט, זי זאָגט: „אָבער ווערט אַקאָרשט באַלד ווידער געזונד. מיר וועלען זיך נאָך זעהן."

דאָס זאָגענדיג האָט זי מיר דערלאַנגט די האַנד.

אַצונד איז מיר אַרויפֿגעקומען אויף'ן זינען, ניט אָנצונעהמען איהר האַנד. כ'האָב זיך אויפֿגעהויבען, פֿערלייגט די הענד אויף'ן רוקען און זיך טיעף פֿערנייגט; דערמיט האָב איך איהר געוואָלט אָבדאַנקען פֿאַר איהר פֿריינדליכען בעזוך.

„ענטשולדיגט, וואָס איך קען אייך ניט בעגלייטען אַביסעל ווייטער."

אַז זי איז אַוועק, האָב איך זיך צוריק אַוועקגעזעצט, כדי נאָך אַמאָל צו בעקלעהרען די גאַנצע געשיכטע. כ'האָב אָנגעשריבען אַ בריעף און פֿערלאַנגט מען זאָל מיר אַרויסשיקען מיין אוניפֿאָרם.

XX.

ערשטער טאָג אין וואַלד.

איך בין געווען פֿרעהליך און מאַט, אַלע טהיערע זיינען צוגע־
קומען צו מיר און האָבען מיך בעקוקט; זשוקעס זיינען געזעסען
אויף די בלעטער פֿון די בוימער און אַרומגעקראָכען אויף'ן וועג'
כ'גרים אייך! האָב איך געטראַכט ביי זיך. די שטימונג פֿון'ם וואלד
האָט דורכגענומען אַלע מיינע חושים; כ'האָב געוויינט פֿאַר ליעבע
און פֿרייד, כ'בין איינפֿאַך צוגאַנגען אין דאַנק־זאָגונג. דו גוטער וואַלד,
מיין היים, גאָט'ס פֿריעדען, זאָל איך דיר פֿון טיעפֿען האַרצען זאָ־
גען... מיט אַמאָל בלייב איך שטעהן, קעהר זיך אום אין אַלע זיי־
טען און וויינענדיג רוף איך אָן ביים נאָמען אַלערליי פֿייגעל, בוימער,
שטיינער, גראָז און מוראַשקעס, כ'קוק זיך אום און רוף זיי אָן נאָך
דער רייה, איינס נאָך דאָס אַנדערע. כ'גיב אַ קוק אַרויף צו די בערג
און טראַכט: יאָ, איך קום שוין! גלייך איך וואָלט געענטפֿערט
אויף אַ רוף. הויך דאָרט אויבען האָט דער קאַרליק־אָדלער אויסגע־
בריהט זיינע אָדלערלאַך, כ'האָב געוואוסט, וואו זיינע נעסטען געפֿי־
נען זיך. נאָר דער געדאַנק מכח די קאַרליק־אָדלערס אויבען אויף די
בערג האָט פֿערטראָגען מיין פֿאַנטאַזיע העט ווייט אַוועק.

אַרום מיטאָג־צייט האָב איך אַרויסגערודערט אויף'ן ים, כ'האָב
זיך אָבגעשטעלט אויף אַ קליין אינזעלע, דרויסען ביים האַפֿען. דאָרט
זיינען געווען לילאַ־קוליערטע בלומען מיט לאַנגע שטיינגלאַך, וועלכע
האָבען מיר געגרייכט ביז די קניע, כ'האָב זיך געבאָדען אין וואונ־
דערליכע געוויקסען, אין קוסטאַרניקעס פֿון מאַלינעס, אין געדיכטען
גראָז; קיין טהיערע זיינען דאָרט ניט געווען, און קיין מענשען אפשר

אויך נים. דער ים האָט מילד געשוימט אַנטקעגען דעם אינזעלע און האָט מיך איינגעהילט אין אַ שלייער פֿון אַ שוואַכען גערויש ; ווייט אויבען ביי די אייער־אינזעלאַך זיינען אַרומגעפֿלויגען אַלע פֿייגעל פֿון ברעג און האָבען אָנגעפֿילט די לופֿט מיט זייערע געשרייען. אָבער דער ים האָט מיך אַרומגענומען פֿון אַלע זייטען ווי אין אַן אומאַר־מונג. געבענשט זאָל זיין דאָס לעבען און די ערד און דער הימעל, געבענשט זאָלען זיין מיינע שונאים ; אין אָט דער שטונדע פֿיהל איך, אַז איך וואָלט געקענט דעם ערגסטען פֿיינד מיינעם מוחל זיין און איהם אויפֿבינדען דעם בענדעל פֿון שוך...

אַ פֿרעהליכער געזאַנג קלינגט אַריבער צו מיר פֿון איינעם פֿון הערר מאַק'ס שפּאַציר־שיפֿלאַך, און מיין זעעלע ווערט פֿול מיט זו־נען־שיין ביי דעם בעקאַנטען קלאַנג. איך רודער צו צו דער לאַנ־דונגס־בריק, געה פֿערביי דעם פֿישער־שטיבעל און גלייך אַהיים. דער טאָג איז אַריבער, איך פּראַווע מיין מאָהלצייט, צוטהייל מיין עסען צווישען מיר און עזאָפּ'ן און געה ווידער אַוועק אין וואַלד. מילדע לופֿטען בלאָזען שטיל אַנטקעגען מיין געזיכט. געבענשט זאָלט איהר זיין, זאָג איך צו די לופֿטען, ווייל זיי בלאָזען אַנטקעגען מיין געזיכט, געבענשט זאָלט איהר זיין, מיין בלוט בויגט זיך אין מיינע אָדערן פֿאַר דאַנקבאַרקייט צו אייך ! עזאָפּ לייגט אַרויף איינעם פֿון זיינע פֿאָדערשטע פֿיס אויף מיין קניע.

אַ מיעדקייט פֿאַלט אויף מיר אָן, און איך ווער אַנשלאָפֿען.

לול ! לול ! וואָס זשע, גלאָקען קלינגען ? עטליכע מייל וויי־טער אין ים אַריין שטעהט אַ באַרג. איך זאָג צוויי געבעטען, איינס פֿאַר מיין הונד און איינס פֿאַר זיך אַליין, און מיר קומען אַריין גלייך אין באַרג. די טהיר האַקט זיך צו הינטער אונז, כ'פֿיהל ווי אַ טריי־סעל איבער'ן גאַנצען לייב, און איך כאַפּ זיך אויף.

אַ פֿלאַמענד רויטער הימעל, די זונן שטעהט און שרפה'ט מיר אין די אויגען, די נאַכט, דער האָריזאָנט זיינען דורכדרינגען מיט ליכט. עזאָפּ און איך געהען אַריבער אין שאָטען. ס'איז שטיל אַרום אונז. ניין, מיר וועלען מעהר ניט שלאָפֿען, רוף איך זיך אָב צו עזאָפּ'ן, מיר וועלען מאָרגען געהן אויף דער יאַגד, די רויטע זונן

שיינט אויף אונז, מיר זיינען ניט געווען דאָרט אויף'ן באַרג... און וואונדערליכע שטימונגען לעבען אויף אין מיר, און דאָס בלוט שטייגט מיר אַרויף אין קאָפּ. דערהיצט און נאָך שוואַך פיהל איך, ווי אימי־צער גיט מיר אַ קוש, און דער קוש בלייבט ליגען אויף מיינע ליי־פען. כ'קוק זיך אום, קיינער איז ניט צו זעהן. איזעלין! רוף איך זיך אָב. עס הערט זיך אַ שטילער גערויש אין גראָז, ס'קען זיין, דאָס זיינען בלעטער, וואָס זיינען אַראָבגעפאַלען אויף דער ערד, נאָר עס קענען דאָך אויך זיין טריט. אַ שוידער געהט אַריבער איבער'ן וואַלד; דאָס קען דאָך זיין איזעלין'ס אָטהעם־צוג, טראַכט איך ביי זיך. אין אָט די וועלדער איז איזעלין אַרומגעגאַנגען, דאָ האָט זי געהערט דאָס געבעט פון די יעגער אין געלע שטיוועל און גרינע מאַנטלען. דאָרט אין איהר פאַלאַץ האָט זי געוואוינט, צוויי פערטעל מייל ווייט פון דאַנען; זי פלעגט זיצען ביי זיך אין פענסטער, שוין פיער דורות זינט דאַן, און הערען דעם קלאַנג פון'ם יאַגד־האָרן אַרום און אַרום אין די וועלדער. רענטהיערען און וועלף און בערען זיינען דאָ געווען, און יעגער אַסך, און אַלע האָבען זיי געזעהן, ווי זי איז אויפגעוואַק־סען, און אַיעדער פון זיי האָט אויף איהר געוואַרט. איינער האָט גע־זעהן איהרע אויגען, אַן אַנדערער האָט געהערט איהר שטימע; נאָר איינמאָל איז אַ שלאָפלאָזער בחור אויפגעשטאַנען אין מיטען נאַכט און האָט אויסגעבויערט אַ לאָך אין איזעלין'ס קאַמער־טהיר, ער האָט געזעהן איהר ווייכען סאַמעטענעם לייב. אַז זי איז אַלט געווען צוועלף יאָהר, איז געקומען דונדאַס. ער איז געווען אַ שאָטלענדער, ער האָט געהאַנדעלט מיט פיש און געהאַט אַסך שיפען. ער האָט געהאַט אַ זוהן. אַז איזעלין איז אַלט געווען זעכצעהן יאָהר, האָט זי צום ערש־טען מאָל דערזעהן דעם יונגען דונדאַס. ער איז געווען איהר ערשטע ליעבע...

און אַזעלכע וואונדערליכע שטימונגען נעהמען מיך דורך און דורך, און אַזוי שווער ווערט מיר דער קאָפּ, בעת איך זיץ דאָרט; כ'פערמאַך די אויגען און פיהל ווידער אַמאָל איזעלין'ס קוש. איזעלין, דאָס ביסט דו דאָס דאָ, דו, דעם לעבען'ס געליעבטע? רוף איך זיך אָב, און האָסט דו אַיועקגעשטעלט דידעריק'ן דאָרט הינ־טער אַ בוים?... אָבער אַלץ שווערער און שווערער ווערט מיר

דער קאָפּ און איך לאָז זיך ווידער אַוועק אויף די כוואַליעס פון׳ם שלאָף.

לול! לול! אַ שטימע רעדט, איך פיהל עפּעס אַזוי ווי די זיבען מזלות וואָלטען אין מיין בלוט געזונגען, דאָס איז איזעלין׳ס שטימע.

שלאָף, שלאָף! איך וויל דיר דערצעהלען פון מיין ליעבע, בעת דו שלאָפסט, און איך וויל דיר דערצעהלען מכח מיין ערשטער נאַכט. איך געדיינק עס נאָך גאַנץ גוט, כ׳האָב פערגעסען צושליסען מיין טהיר; איך בין אַלט געווען זעכצעהן יאָהר, ס׳איז געווען פריהלינג־צייט, און לעבליכע ווינטען האָבען געבלאָזען; דונדאָס איז געקומען. ער איז געווען ווי אַן אָדלער, וועלכער קומט מיט שטורם. כ׳האָב איהם געטראָפען איין פריה־מאָרגען פאַר דער יאַגד, ער איז אַלט געווען פינף און צוואַנציג יאָהר און איז געקומען פון וויטע רייזען; ער האָט אַרומגעשפּאַצירט לעבען מיר אין גאָרטען, און אַז ער האָט מיך אָנגעריהרט מיט זיין אָרם, האָב איך איהם אָנגעהויבען ליעבען. ער האָט געקראָגען צוויי שאַרלאַך־רויטע פלעקען אויף׳ן שטערן, און איך האָב געפיהלט, אַז איך וואָלט זיי געקענט קושען, די ביידע פלעקען.

אָבענד־צייט נאָך דער יאַגד בין איך אַרויס אין גאָרטען זיך אומקוקען נאָך איהם, און איך האָב שטאַרק מורא געהאַט, טאָמער געפין איך איהם. שטילערהייט פאַר זיך האָב איך אַרויסגערעדט זיין נאָמען און איך האָב שטאַרק מורא געהאַט, אַז ער קען איהם נאָך דערהערען. מיט אַמאָל קומט ער אַרויס פון צווישען די בוימלאַך און זאָגט גאַנץ שטיל, קוים וואָס מען הערט איהם: היינט ביינאַכט, ווען ס׳וועט שלאָגען איינס! און דערביי ווערט ער פערשוואונדען.

היינט ביינאַכט, ווען ס׳וועט שלאָגען איינס, זאָג איך צו מיר אַליין, וואָס האָט ער געמיינט דערמיט? איך פערשטעה גאָרנישט. ער האָט דאָך אַודאי געמיינט, אַז ער וועט היינט ביינאַכט, ווען עס וועט שלאָגען איינס, אָבפאָהרען פון דאַנען; אָבער וואָס געהט עס מיך אָן, צי ער פאָהרט צי ניט?

דאָ האָט זיך געמאַכט, אַז איך האָב פערגעסען צו פערריגלען מיין טהיר...

אַז עס האָט געשלאָגען איינס, קומט ער אַריין.
איז מיין טהיר ניט געווען פֿערריגעלט ? פֿרעג איך.
איך וועל זי פֿערריגלען, ענטפֿערט ער.
און ער מאַכט צו די טהיר און ריגעלט אונז איין.
כ'האָב מורא געהאַט פֿאַר'ן ליאָרם פֿון זיינע גרויסע שטיוועל.
וועק ניט אויף מיין דיענסט-מיידעל! האָב איך זיך אָבגערופֿען. כ'האָב אויך מורא געהאַט פֿאַר דעם קראַכענדען שטוהל און איך האָב געזאָגט: ניין, ניין, זעץ זיך ניט אויף יענעם שטוהל, ער קראַכט!
מעג איך זיך זעצען ביי דיר אויף דער זאָפֿאַ? האָט ער געפֿרעגט.
יאָ, האָב איך געזאָגט.
אָבער דאָס האָב איך געזאָגט בלויז דערפֿאַר, ווייל דער שטוהל האָט געקראַכט.
מיר זיינען געזעסען ביי מיר אויף דער זאָפֿאַ. איך האָב זיך אָבגערוקט פֿון איהם, ער רוקט זיך אַלץ נעהענטער צו מיר. האָב איך אַרונטערגעלאָזט די אויגען צו דער ערד.
ס'איז דיר קאַלט, האָט ער געזאָגט און האָט אָנגענומען מיין האַנד. גלייך נאָכדעם רופֿט ער זיך אָב: ווי קאַלט דיר איז! און ער לייגט אַרום דעם אָרם אַרום מיר.
מיר איז וואַרם געוואָרען אין זיין אָרם. מיר זיצען אַזוי אַ ווײַלע. אַ האָהן קרעהט.
האָסט געהערט? רופֿט ער זיך אָב, אַ האָהן האָט געקרעהט, ס'הויבט באַלד אָן טאָגען.
און ער האָט מיך אָנגעריהרט און האָט מיך דערמיט געמאַכט פֿערצאָגט.
וואָס זשע, ביסט דאָס אַזוי זיכער, אַז דער האָהן האָט געקרעהט? האָב איך אַרויסגעשטאַמעלט.
כ'האָב ווידער אַמאָל דערזעהן די צוויי שאַרלאַך-רויטע פֿלעקען אויף זיין שטערן, און איך האָב זיך געוואָלט אויפֿהויבען. האָט ער מיך צוריקגעהאַלטען; כ'האָב אַ קוש געטהאָן די צוויי ליעב-רייצענדע פֿלעקען און צוגעמאַכט די אויגען פֿאַר איהם...
דאַן איז טאָג געוואָרען, דער פֿריה-מאָרגען איז געקומען. כ'האָב זיך אויפֿגעכאַפּט און האָב ניט דערקענט די ווענד אין מיין קאַמער;

כ'בין אויפֿגעשטאַנען און האָב מיינע אייגענע קליינע שיך ניט דער־קענט; עפּעס איז אין מיר דורך און דורכגעלאָפֿן. וואָס קען עס פֿאָרט זיין, וואָס שטראָמט מיר דורך און דורך? האָב איך שמייב־לענדיג געטראַכט. און וויפֿיעל האָט געשלאָגען דער זייגער אַצונד? קיין זאַך האָב איך ניט געוואוסט, נאָר איך האָב זיך בלויז דער־מאָנט, אַז איך האָב פֿערגעסען צושליסען די טהיר.

מיין דיענסט־מיידעל קומט אַריין.

דיינע בלומען זיינען ניט בעגאָסען געוואָרען, האָט זי געזאָגט.

איך האָב זיך גאָר פֿערגעסען אָן מיינע בלומען.

דו האָסט צוקנייטשט דיין קלייד, זאָגט זי ווייטער.

וואו האָב איך דאָס געקענט צוקנייטשען מיין קלייד? טראַכט איך מיט אַ לאַבענדיגען האַרצען; אָבער דאָס האָב איך דאָך געמוזט טהאָן די נאַכט? אַ וואָגען פֿאָהרט דורך דעם טויער פֿון גאָרטען.

און דיין קאַץ האָט גאָרנישט געקראָגען צו עסען, זאָגט מיין דיענסט.

אָבער איך פֿערגעס זיך אָן מיינע בלומען, אָן מיין קלייד און מיין קאַץ און פֿרעג:

ס'איז דונדאַס, דער, וואָס האָט זיך אָבגעשטעלט אין גאָרטען? זאָג איהם, ער זאָל גלייך אַריינקומען צו מיר, איך וואַרט אויף איהם, ס'איז געוועזן עפּעס... עפּעס... און איך קלעהר ביי זיך: צי וועט ער ווידער פֿערריגלען די טהיר, ווען ער וועט אַריינקומען?

ער קלאַפּט. כ'לאָז איהם אַריין און פֿעררוק אַליין דעם ריגעל, כדי איהם צו פֿערשפּאָרען אַן אַרבייט.

איזעלין! גיט ער אַ געשריי און קושט מיין מויל אַ גאַנצע מינוט נאָכאַנאַנד.

כ'האָב קיינעם ניט געשיקט נאָך דיר, האָב איך געשעפּטשעט.

האָסט קיינעם ניט געשיקט? פֿרעגט ער.

כ'ווער ווידער גאַנץ דערשלאָגען, און איך ענטפֿער:

יאָ, יאָ, כ'האָב געשיקט נאָך דיר, כ'האָב אַזוי שטאַרק געבייִנקט נאָך דיר. בלייב נאָך אַ ווײַלע.

און איך האָב זיך צוגעהאַלטען די אייגען פֿאַר ליעבע. ער האָט

מיך ניט געלאָזען, כ׳בין אומגעפאַלען און איך האָב זיך צוגעטוליעט צו זיין ברוסט.

מיר דוכט, דער האָהן האָט שוין ווידער געקרעהט, האָט ער געזאָגט און זיך צוגעהערט.

אָבער ווי איך האָב דערהערט, וואָס ער האָט געזאָגט. האָב איך איהם איבערגעשלאָגען די רייד אַזוי שנעל, ווי איך האָב נור געקענט און געענטפערט:

ניין, ווי פאַלט דיר איין, אַז דער האָהן קרעהט שוין ווידער! ס׳האָט דאָך גאָרנישט געקרעהט.

ער האָט מיר אַ קוש געטהאָן אויף דער ברוסט.

אַ הוהן האָט דאָס געקרעהט, האָב איך זיך אָבגערופען.

וואַרט אַ וויילע, כ׳וועל פערריגלען די טהיר, האָט ער געזאָגט און האָט זיך געוואָלט אויפהויבען.

כ׳האָב איהם פערהאַלטען און געשעפטשעט:

זי איז פערריגעלט......

אַזוי איז ווידער געוואָרען נאַכט, און דונדאַס איז אַוועק. עפּעס גאָלדענעס איז אין מיר דורך און דורכגעלאָפען. כ׳האָב זיך אַוועק־געשטעלט ביים שפיגעל, און צוויי פערליעבטע אויגען האָבען מיר פון דאָרט אַנטקעגען געקוקט; עפּעס האָט זיך געריהרט אין מיר ביי מיין בליק, און ס׳איז אַרומגעלאָפען און אַרומגעלאָפען אַרום מיין האַרץ. מיין גאָט, כ׳האָב זיך קיינמאָל פריהער ניט אָנגעקוקט מיט אַזעלכע אויגען, און פאַר ליעבע האָב איך אַ קוש געטהאָן מיין אייגען מויל אין שפיגעל...

אָבער אַצונד האָב איך דיר דערצעהלט וועגען מיין ערשטער נאַכט און מכח דעם פריה־מאָרגען און דעם אָבענד נאָכדעם. שפּע־טער אַמאָל וועל איך דיר דערצעהלען וועגען סוועגד הערלופסען, איהם האָב איך אויך געליעבט, ער האָט געוואוינט אַ מייל פון דאַ־נען אויף דער אינזעל, וואָס דו זעהסט דאָרט. און איך פלעג אַליין אַרויספאָהרען צו איהם אין שטילע זומער־נעכט, ווייל איך האָב איהם ליעב געהאַט. איך וועל דיר אויך דערצעהלען וועגען סטאַמער. ער איז געווען אַ פריסטער, כ׳האָב איהם ליעב געהאַט. כ׳ליעב אַלעמען... ... ...

אין מיטען שלאָף הער איך דעם קול פֿון אַ האָהן, וואָס קרעהט אונטען ביי סירילונד.

האָסט געהערט, איזעלין, אויך פֿאַר אונז האָט אַ האָהן גע־קרעהט! שריי איך אויס מיט פֿרייד און שטרעק אויס די אָרעמס. איך כאַפּ זיך אויף פֿון שלאָף. עזאָפּ שטעהט שוין אויף די פֿים! שוין אַוועק! זאָג איך מיט פֿערצווייפֿלונג און קוק זיך אום; ניטאָ קיינער דאָ, קיינער איז דאָ ניטאָ! פֿול מיט היץ און אויפֿרעגונג געה איך אַהיים. ס'איז טאָג, דער האָהן דאָרט אין סירילונד קרעהט נאָך אַלץ.

ביים שטיבעל שטעהט אַ פֿרוי, שטעהט עווא. זי האַלט אַ גראָ-בען שטריק אין האַנד און לאָזט זיך געהן אין האָלץ־וואַלד. אַ לע־בענס־מאָרגען איז געלעגען איבער דעם יונגגען מיידעל, איהר בוזים האָט זיך געהויבען אַרויף און אַראָב, די זונן האָט זי בעגילדעט.

„איהר דאַרפֿט ניט גלויבען..." האָט זי געשטאַמעלט.

„וואָס דאַרף איך ניט גלויבען, עווא?"

„איך בין ניט געקומען אַהער, כדי זיך מיט אייך צו טרעפֿען, כ'בין בלויז פֿערבייגעגאַנגען..."

און אַ דונקעלע רויטקייט ציהט זיך אַריבער איבער איהר געזיכט.

XXI.

מיין פוס האָט מיר פערשאַפט אַביסעל אונבעקוועמליכקייט און פלאָג; ביינאַכט פלעגט ער מיר אָפט בייסען און נית לאָזען שלאָפען, און אַז דער וועטער האָט זיך געענדערט, האָט ער מיר וועה געטהאָן פון אויבען ביז אַראָב. דאָס פלעגט דויערן היבשע עטליכע טעג. נאָר איך האָב נית געהונקען.

די טעג זיינען אַריבער.

הערר מאַק איז צוריקגעקומען; און איך האָב גלייך געקראָגען צו וויסען, אַז ער איז דאָ. ער האָט ביי מיר אָבגענומען דאָס שיפעל׳ ער האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ פערלעגענהייט, די יאַגד-צייט איז נאָך נית געהאַט געקומען, און איך האָב גאָרנישט געקענט שיסען. אָבער פאַרוואָס האָט ער סתם אַזוי אָהן טענות צוגענומען ביי מיר דאָס שיפעל? צוויי פון הערר מאַק׳ס מענשען האָבען אין דער פריה אַרויסגערודערט מיט אַ פרעמדען מאַן אויף׳ן ים.

כ׳האָב בעגעגענט דעם דאָקטאָר.

„מען האָט מיר צוגענומען מיין שיפעל,“ האָב איך זיך אָבגערופען.

„אַ פרעמדער איז אָנגעקומען אַהער,“ האָט ער געזאָגט. „מען מוז איהם יעדען טאָג אַרויספיהרען אויף׳ן ים און אָבענד-צייט איהם צוריק אַריינברייננען. ער אונטערזוכט דעם גרונד פון ים.“

דער פרעמדער איז געוועזן אַ פינלענדער; הערר מאַק האָט זיך צופעליג געטראָפען מיט איהם אויף׳ן שיף; ער איז געקומען מיט אַ זאַמלונג פון מושעלס און קליינע ים-חיה׳לאַך פון שפיצבערגען; מען האָט איהם גערופען באַראָן. ער האָט געקראָגען אַ גרויסען

זאַאַל און נאָך אַ צימער ביי הערר מאַק אין הויז. ס'האָט זיך שטאַרק געקאָכט מיט איהם.

ס'האָט מיר געפֿעהלט פֿלייש, און איך וואָלט דאָך געקענט היינט אָבענד ביי עדוואַרדאַ'ן עפּעס עסען, האָב איך זיך געטראַכט. און איך שפּאַציר אַרונטער נאָך סירילונג. איך בעמערק גלייך אויף'ן שטעל, אַז עדוואַרדאַ טראָגט אַ ניי קלייד, זי קוקט אויס עפּעס אַזוי ווי אויסגעוואַקסען, איהר קלייד איז זעהר לאַנג.

„ענטשולדיגט, וואָס איך בלייב זיצען," האָט זי זיך אָבגערופֿען קורץ און שאַרף און האָט מיר דערלאַנגט די האַנד.

„יאָ, ליידער, מיין טאָכטער איז ניט מיט אַלעמען," האָט הערר מאַק געזאָגט. „אַ פֿערקיהלונג, זי איז ניט געווען פֿאָרזיכטיג.... איהר קומט אוודאי פֿערלאַנגען אַן ערקלעהרונג וועגען אייער שיפֿעל? איך בין געצוואונגען אייך צו באָרגען אַן אַנדערס, אַ לאָטקע; זי איז ניט ניי, נאָר ווען איהר זאָלט נור פֿלייסיג אויסשעפּען...... נו יאָ, מיר האָבען אַ מאַן פֿון וויסענשאַפֿט ביי אונז אין הויז, און איהר פֿערשטעהט דאָך, אַ מאַן...... ער האָט ווייניג צייט, ער אַרבייט דעם גאַנצען טאָג און קומט אָבענד־צייט אַהיים. געהט אָקאָרשט ניט אַוועק, איידער ער קומט, דאַן וועט איהר איהם זעהן, ס'וועט זיין אינטערעסאַנט פֿאַר אייך צו מאַכען זיין בעקאַנטשאַפֿט. דאָ איז זיין קאַרט, קרוין, באַראָן. אַ ליעבליכער מאַן. כ'האָב זיך גאַנץ צו־פֿעליג געטראָפֿען מיט איהם."

אַהאַ! האָב איך זיך געטראַכט, מען פֿערבעט דיך ניט אויף נאַכט-מאָהל. גאָט צו דאַנקען, איך בין דאָך בלויז געקומען אַהער אויף בעזוך, כ'קען געהן צוריק אַהיים, כ'האָב נאָך אַביסעל פֿיש ביי מיר אין שטיבעל. נאַ, ס'וועט זיך יאַקאָש מאַכען וואָס צו עסען, באַסטאַ.

דער באַראָן איז געקומען. אַ נידעריגער מאַן אַן ערך פֿערציג יאָהר אַלט, אַ לאַנג, שמאָל געזיכט מיט אַרויסגעשטאַרטשעטע באַק־קען־ביינער און מיט אַ שיטערער, שוואַרצער באָרד. זיין בליק איז געווען שטעכענדיג און דורכבויערענדיג, נאָר ער האָט געטראָגען זעהר שאַרפֿע ברילען. אויך אויף די קנעפּ פֿון זיין העמד האָט ער געהאַט זיין פֿינף־שפּיציגע קרוין, אַזוי ווי אויף זיין קאַרט. ער איז געווען אַביסעל איינגעהויקערט, און זיינע מאָגערע הענד האָבען

געהאַט בלויע אָדערן; נאָר די נעגעל זיינען געווען אַזוי ווי פֿון געלען מעטאַל.

„ס'פֿרעהט מיך זעהר, הערר לייטענאַנט. איז דער הערר לייטענאַנט שוין לאַנג דאָ?"

„עטליכע מאָנאַטען."

אַן אַנגענעהמער מאַן. הערר מאַק האָט איהם געבעטען צו דערצעהלען וועגען זיינע מושעלס און זיינע ים־חיות, און ער האָט עס מיט פֿערגניגען געטהאָן, האָט אונז ערקלעהרט די פֿערשיעדענע סאָרטען ערד אויף די „קוה־אינזעלאַך", איז אַריין אין זאַאַל און האָט אונז אַרויסגעבראַכט אַ פּראָבע פֿון דעם, וואָס ער האָט געכאַפּט אין דעם ווייסען ים. ער האָט כסדר געהאַלטען אין איין אויפֿהויבען דעם רעכטען צייג־פֿינגער און אַרומגערוקט די דיקע גאָלדענע ברילען אויף דער נאָז אַהין און אַהער. הערר מאַק איז געווען שטאַרק פֿעראינטערעסירט דערמיט. אַ שטונדע איז פֿערביי.

דער באַראָן האָט גערעדט וועגען מיין אונגליק, וועגען מיין אונגליקליכען שאָס. צי איך בין שוין ווידער געזונד? ווירקליך? ס'טהוט איהם שטאַרק הנאה.

ווער האָט דאָס איהם דערצעהלט פֿון מיין אונגליקליכען צופֿאַל? האָב איך געקלעהרט ביי זיך. כ'האָב געפֿרעגט:

„פֿון וועמען האָט דער הערר באַראָן געהערט וועגען מיין אונגליקליכען צופֿאַל?"

„פֿון... יאָ, ווער איז דאָס געווען? פֿריילין מאַק, מיין איך. ניט ריכטיג, פֿריילין מאַק?"

עדוואַרדאַ איז געוואָרען רויט ווי פֿייער.

איך בין געקומען אַהער אַזוי דערשלאָגען; עטליכע טעג צייט בין איך געווען שטאַרק פֿערצווייפֿעלט, אַ פֿינסטערע מרה־שחורה האָט מיך געמאַכט מיט דער ערד צוגלייך; אָבער ביי די לעצטע ווערטער פֿון'ם פֿרעמדען האָט מיך גלייך דורכגענומען אַ געפֿיהל פֿון פֿרייד. כ'האָב קיין קוק ניט געטהאָן אויף עדוואַרדאַ'ן, נאָר איך האָב געטראַכט ביי זיך: אַ דאַנק דיר, וואָס דו האָסט גערעדט פֿון מיר, וואָס דו האָסט מיין נאָמען איבער דיינע ליפּען געבראַכט, כאָטש ער איז פֿאַר דיר אויף איביג אָהן אַ שום בעדייטונג. גוטע נאַכט.

איך האָב זיך אָבגעזעגענט. עדוואַרדאַ איז אויך איצט געבליבען ויצען. פון יוצא וועגען האָט זי זיך פערענטפערט, אַז זי איז ניט מיט אַלעמען. מיט גלייכגילטיגקייט האָט זי מיר דערלאַנגט די האַנד.

און הערר מאַק איז געשטאַנען שטאַרק פערטיעפט אין אַ געשפּרעך מיט דעם באַראָן. ער האָט גערעדט פון זיין זיידען, קאָנזול מאַק:

„כ'וויים ניט, צי איך האָב עס שוין דערצעהלט דעם הערר באַ-ראָן, אַז אָט די שפּילקע האָט קאַרל יאָהאַן מיט זיינע אייגענע הענד צוגעשפּילעט מיין זיידען אויף דער ברוסט."

איך בין שוין געווען אויף די הויז-טרעפּ, קיינער האָט מיך ניט אַרויסבעגלייט. פערבייגעהענדיג האָב איך געוואָרפען אַ בליק אויף די פענסטער פון זאַאַל; דאָרט איז געשטאַנען עדוואַרדאַ, הויך אויפגע-שטעלט, זי האָט געהאַלטען מיטביידע הענד די פאָרהאַנגען אָן אַ זייט און האָט אַרויסגעקוקט. איך האָב ניט געגריסט, כ'האָב זיך פערגעסען אָן אַלצדינג; אַ שטראָם פון צוטומעלטקייט האָט מיך געפּאַקט און מיך שנעל אַוועקגעטראָגען פון דאָרט.

שטעה, וואַרט אַ רגע! האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין, בשעת איך בין צוגעקומען צום וואַלד. ביי גאָט אין הימעל, ס'מוז נעהמען אַ סוף דערצו! ס'איז מיר פּלוצלינג געוואָרען היים פאַר צאָרן; און איך האָב געסאָפּעט שווער. אַך, איך האָב שוין, הייסט עס, גאָר קיין פונק פון עהרע ניט אין דער ברוסט; אַז אַסך, האָב איך געגאָסען עדוואַרדאַ'ס ליעבע אַ וואָך צייט, איצט איז דאָס שוין לאַנג אַריבער, און איך בין ווי אַ פערלאָרענער און ווייס ניט וואָס צו טהאָן. פון איצט אָן זאָל מיין האַרץ איהר צורופען: שטייב, לופט, ערד אויף מיין וועג, ביי גאָט אין הימעל.... ..

איך בין אַריין צו מיר אין שטיבעל, האָב אויפגעזוכט מיין פיש און געפּראַוועט אַ מאָהלצייט.

דאָ געהסט דו אַלזאָ אַרום און פערגליהסט דיין לעבען אויף אַ קליין שול-מיידעל, און דיינע נעכט זיינען פול מיט וויסטע פינסטערע חלומות. און אַ שווערער, דריקענדער ווינד נעהמט אַרום דיין קאָפּ, אַ פערשימעלטער, יאָהר-אַלטער ווינד. אין דער צייט, וואָס דער הימעל ציטערט אויף אין דער וואונדערליכסטער בלויקייט און די בערג רופען. קום, עזאָפּ, היידאַ!

XXII.

אַ וואָך איז אַריבער. כ'האָב אָבגעדונגען דאָס שיפעל פון'ם שמיעד און געכאַפּט פיש פאַר מיינע מאָהלצייטען. עדוואַרדאָ און דער פרעמדער באַראָן זיינען אימער געווען צוזאַמען אָבענד-צייט, ווען ער פלעגט קומען אַהיים פון ים; כ'האָב זיי איינמאָל געזעהן ביי דער מיהל. איין אָבענד זיינען זיי ביידע פערבייגעגאַנגען פערביי מיין שטי-בעל, כ'בין אַוועק פון פענסטער און האָב שטילערהייט פערשלאָסען מיין טהיר, אויף יעדען פאַל. ס'האָט לחלוטין ניט געמאַכט קיין שום איינדרוק אויף מיר, ווען איך פלעג זיי זעהן צוזאַמען; כ'האָב געצוי-גען מיט די אַקסלען. אַן אַנדער אָבענד האָב איך זיי אָנגעטראָפען אויף'ן וועג, און מיר האָבען זיך בעגריסט איינע די אַנדערע; כ'האָב געוואַרט, דער באַראָן זאָל אַפריהער מיך בעגריסען און דערנאָך האָב איך בלויז מיט אַ פאָר פינגער אָנגעריהרט מיין מיץ. איך בין זיך רו-היג פערבייגעגאַנגען און האָב זיי אָנגעקוקט גלייכגילטיג.

ווידער אַמאָל איז פערלאָפען אַ טאָג.

וויפיעל לאַנגע טעג זיינען איצט ניט פערלאָפען? אַ שווערער, דריקענדער אומעט האָט מיך בעהערשט, מיין האַרץ האָט אומזיסט, אָהן אַ שום צוועק זיך געגריבעלט איבער יעדער זאַך; אפילו דער פריינדליכער, גראָער שטיין לעבען מיין שטיבעל איז אויך געשטאַנען ווי אַן אויסדרוק פון יסורים און פערצווייפלונג, בעת איך פלעג איהם פערבייגעהן. ס'האָט אויסגעזעהן ווי פאַר אַ רעגען, די וואַרעמקייט איז ממש געשטאַנען פאַר מיר און געקייכט, וואוהין איך האָב זיך נור געקעהרט און געווענדט; מיין פוס האָט מיר גענומען ציהען און

זועה טהאָן; אין דערפּריה האָב איך געזעהן, ווי איינס פון הערר מאַק׳ס פּערד האָט זיך אַ ריס געטהאָן פון דישעל; דאָס אַלעס האָט געהאַט אַ בעדייטונג פאַר מיר. אַם בעסטען וועט זיין, זיך פּערזאָרגען אויף שפּעטער און אָנגרייטען שפּייז, כל זמן דאָס גוטע וועטער האַלט אָן.

כ׳האָב אָנגעבונדען עזאָפּ׳ן, גענומען מיינע פיש-געציייג און מיין ביקס און בין אַרונטער צו דער לאַנדונגס-בריק. דאָס האַרץ איז מיר געווען שטאַרק פערקלעמט.

„ווען קומט דאָס פּאָסט-שיף?“ האָב איך אַ פראַג געטהאָן ביי אַ פישער.

„דאָס פּאָסט-שיף? עס קומט אין דריי וואָכען אַרום,“ האָט ער געענטפערט.

„איך ערוואַרט מיין אוניפאָרם,“ האָב איך געזאָגט.

גלייך נאָכדעם האָב איך אָנגעטראָפען איינעם פון הערר מאַק׳ס קאָמיס. כ׳האָב גענומען זיין האַנד און געזאָגט:

„זאָגט מיר, איך בעט אייך, איהר שפּיעלט שוין גאָר מעהר ניט קיין ווהיסט אין סירילונד?“

„אָה, געוויס שפּיעלען מיר, אָפט,“ ענטפערט ער.

פּויזע.

„שוין אַ שטיקעל צייט, אַז איך האָב ניט געקענט קומען דער־צו,“ האָב איך געזאָגט.

כ׳האָב אַרויסגערודערט צו מיין פיש-וואַסער. די לופט איז געוואָרען דריקענד, די פליגען האָבען זיך אָנגעזאַמעלט אין אונגעהייערע מחנות, און איך האָב געמוזט די גאַנצע צייט רויכערן, כדי זיי ווי עס איז צו האַלטען ווייט פון מיר. כ׳האָב געאַרבייט מיט אַ דאָפּעל־טען האַטשיק און געכאַפּט אַ היבש ביסעל פיש. צוריק-צו-וועגס אַהיים האָב איך געשאָסען צוויי פייגעל.

אַז איך בין צוריקגעקומען צו דער לאַנדונגס-בריק, איז דער שמיעד געשטאַנען דאָרטען. ער איז געווען ביי דער אַרבייט. מיט אַמאָל קומט מיר אַרויף אַ געדאַנק, איך גיב איהם אַ פראַג:

„איהר געהט אפשר אַהיים? וועלען מיר געהן צוזאַמען.“

„ניין,“ ענטפערט ער, „הערר מאַק האָט מיר געגעבען אַרבייט ביז האַלבע נאַכט.“

כ׳האָב צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און געקלעהרט ביי זיך, דאָס איז גוט.

כ׳האָב גענומען מיין פּאַנג און זיך געלאָזט געהן מיט׳ן וועג, וואָס האָט געפּיהרט פּערביי דער שמיעדעריי. עוואַ איז געווען אַליין אין דערהיים.

„כ׳האָב אַזוי האַרציג געביינקט נאָך דיר,” האָב איך צו איהר געזאָגט. און ביי איהר אָנבליק בין איך געוואָרען שטאַרק געריהרט, און זי האָט מיך קוים געקענט אָנקוקען פּאַר פּערוואונדערונג. „כ׳האָב ליעב דיין יונגקייט און דיינע גוטע אויגען,” האָב איך געזאָגט. „שטראָף מיך אַקאָרשט גוט אויס היינט, ווייל איך האָב מעהר גע־טראַכט פּון אַן אַנדערער, איידער פּון דיר. הער אויס, איך קום צו דיר, בלויז כדי דיך אָנצוקוקען, דו ביסט מיך איינפּאַך מחיה, איך בין פּערליעבט אין דיר. דו האָסט געהערט, ווי איך האָב דיך היינט ביי-נאַכט גערופּען?”

„ניין,” האָט זי געענטפּערט אַ דערשראָקענע.

„כ׳האָב גערופּען עדוואַרדאַ׳ן, פּריילין עדוואַרדאַ, נאָר געמיינט האָב איך דיך. כ׳האָב זיך אויפּגעכאַפּט דערפּון. נו געוויס האָב איך דיך געמיינט; כ׳האָב בלויז אַ טעות געהאַט און געזאָגט עדוואַרדאַ. אָבער לאָמיר מעהר ניט ריידען פּון איהר. אָה גאָט, דו ביסט דאָך דאָס ליעבסטע מיידעל מיינס, עוואַ! דו האָסט היינט אַזעלכע רויטע ליפּען; דו האָסט שעהנערע פּיס איידער עדוואַרדאַ, נאַ, זעה אַליין.” כ׳האָב אויפּגעהויבען איהר קלייד און איהר געוויזען איהרע אייגענע פּיס.

אַ פּרייד, ווי איך האָב עס קיינמאָל פּריהער ביי איהר ניט גע־זעהן, האָט בעדעקט איהר געזיכט; זי וויל זיך אָבקעהרען פּון מיר, איז זיך אָבער באַלד מישב און לייגט אַרום דעם אָרם אַרום מיין נאַקען.

אַ ווייל געהט אַריבער. מיר שמועסען צוזאַמען, מיר זיצען די גאַנצע צייט אויף אַ לאַנגער באַנק און ריידען מכח אַסך זאַכען. איך האָב געזאָגט:

„וועסט מיר גלויבען, פּריילין עדוואַרדאַ האָט זיך נאָך ניט אויס-געלערנט ריידען; זי רעדט ווי אַ קינד; זי זאָגט „גליקליכערער”, כ׳האָב עס אַליין געהערט. ווי מיינסט דו, זי האָט אַ שעהנעם שטערן?

איך מיין, אַז ניט. זי האָט אַ פֿינסטערן שטערן. און די הענד וואַשט זי זיך אויך ניט."

„האָסט דאָך געזאָגט, אַז מיר וועלען מעהר ניט ריידען פֿון איהר?"

„ריכטיג. כ'האָב זיך גאָר פֿערגעסען אָן דעם."

ס'פֿערגעהט ווידער אַ ווײַלע. איך טראַכט וועגען וואָס עס איז, איך שווייג.

„פֿאַרוואָס ווערן דײַנע אויגען פֿייכט?" פֿרעגט עוואַ.

„זי האָט נאָך אַלעם דעם פֿאָרט אַ שעהנעם שטערן," רוף איך זיך אָב, „און די הענד איהרע זיינען אימער ריין. ס'איז בלויז געווען אַ צופֿאַל, וואָס זיי זיינען איינמאָל געווען שמוציג. דאָס האָב איך איי־גענטליך געוואָלט זאָגען." אָבער מיט אַמאָל ווער איך היציג און מיט צונויפֿגעביסענע צייהן זאָג איך: „כ'זיץ כסדר און דיינק פֿון דיר, עוואַ; אָבער איך האָב מורא, אַז דו האָסט פֿיליכט גאָר ניט געהערט, וואָס איך וויל דיר דאָ דערצעהלען. אַז עדוואַרדאַ האָט צום ערשטען מאָל דערזעהן עזאָפּ'ן, האָט זי געזאָגט: עזאָפּ, דאָס איז דאָך געווען אַ קלוגער מאַן, ער איז געווען אַ פֿריגיער. איז דאָס ניט קינדעריש? זי האָט עס אַוראי דעמזעלבען טאָג געלייענט ערגעץ-וואו אין אַ בוך; כ'בין איבערצייגט דערפֿון."

„יאָ," האָט עוואַ געזאָגט; „אָבער וואָס ווייטער?"

„אַזוי ווייט ווי איך קען זיך דערמאָנען, האָט זי אויך גערעדט דערפֿון, אַז עזאָפּ האָט געהאַט אַ לעהרער מיט'ן נאָמען קסאַנטוס. האַ—האַ—האַ!"

„נו יאָ."

„אָבער צום טייוועל, וואָס פֿאַר אַ פּנים האָט עס, אַז מען דער-צעהלט אין געזעלשאַפֿט, אַז עזאָפּ האָט געהאַט קסאַנטוס'ן פֿאַר אַ לעהרער? אָט דאָס וואָלט איך בלויז געוואָלט וויסען. אַך, דו ביסט עפּעס היינט ניט גוט אויפֿגעלייגט, עוואַ, אַניט וואָלסט דו זיך געקאַטשעט פֿאַר געלעכטער."

„אָה געוויס, עס קוקט מיר אויך אויס קאָמיש," רופֿט זיך אָב עוואַ און הויבט אָן געצוואונגען און פֿערוואונדערט צו לאַכען, „נאָר איך פֿערשטעה עס ניט אַזוי גוט ווי דו."

איך שווייג און טראַכט, שווייג און טראַכט.

„איז דיר פֿילייכט ליעבער, ווען מיר זיצען שטיל און ריידען גאָרנישט?" האָט עווא שטילערהייט געפֿרעגט. די גוטסקייט האָט איהר אַרויסגעשיינט פֿון די אויגען, זי איז אַרומגעפֿאָהרען מיט דער האַנד איבער מיינע האָר.

„דו גוטע, גוטע זעעלע!" רוף איך אויס און טוליע זי שטאַרק צו צו מיין ברוסט. „איך בין זיכער, אַז איך געה אויס פֿאַר ליעבע צו דיר, איך ליעב דיך אַלץ מעהר און מעהר; דו וועסט דאָך מיט־קומען מיט מיר, ווען איך וועל אַוועקפֿאָהרען פֿון דאַנען? ווי מיינסט דו, וועסט קענען פֿאָהרען מיט מיר?"

„יאָ," האָט זי געענטפֿערט.

דאָס דאָזיגע יאָ האָב איך כמעט ניט געהערט, נאָר איך האָב עס געפֿיהלט אין איהר אָטהעם־צוג, כ'האָב עס געמערקט אויף איהר געזיכט. מיר נעהמען זיך אַרום מיט אַ ווילדער ליידענשאַפֿט, און זי גיט זיך מיר אָב אָהן אָבהאַלט, אָהן אַ שום אויסרעכנונג.

אין אַ שטונדע אַרום זעגען איך זיך אָב מיט עוואַ'ן, כ'גיב איהר אַ קוש און לאָז זיך געהן. אין דער טהיר קומט מיר אַנטקעגען הערר מאַק.

הערר מאַק אַליין.

ער טהוט אַ ציטער און קוקט אַריין אין שטוב, בלייבט שטעהן אויף דער שוועל און קוקט. „נאַ!" רופֿט ער זיך אָב און קען מעהר קיין וואָרט ניט אַרויסברייגגען פֿון מויל, אַזוי ווי אַ דונער וואָלט איהם געטראָפֿען.

„וואָס זשע, איהר האָט זיך ניט געריכט מיך צו געפֿינען דאָ?" זאָג איך און בעגרים איהם.

עווא ריהרט זיך ניט פֿון אָרט.

הערר מאַק קומט צו זיך, אַ מערקווירדיגע זיכערקייט קלייבט זיך ביסלאַכוויז אַריין צו איהם, ער ענטפֿערט:

„איהר האָט אַ טעות; גראָד אייך זוך איך. כ'האָב אייך געוואָלט אויפֿמערקזאַם מאַכען, אַז פֿון ערשטען אַפּריל ביז צום פֿופֿצעהנטען אויגוסט איז פֿערבאָטען צו שיסען אין אַן אַכטעל מייל אַרום נעסט־פלעצער. איהר האָט היינט לעבען אינזעל געשאָסען צוויי פֿייגעל; מענשען האָבען עס געזעהן."

כ'האָב געשאָסען צוויי אַלקען," האָב איך געענטפערט גאַנץ דער שלאָגען. ס'איז מיר גלייך אויף'ן שטעל קלאָהר געוואָרען, אַז דער מאַן איז גערעכט.

„צוויי אַלקען אָדער צוויי אַיידער-פייגעל, דאָס איז איין און דיזעלבע זאַך. איהר זייט געווען אויף אַ פערבאָטענעם אָרט."

„דאָס גיב איך צו," האָב איך געזאָגט. „ס'איז מיר ערשט איצט אין דער רגע אַרויף אויף'ן זינען."

„אָבער איהר האָט עס פריהער גערעדט אין זינען האָבען."

„איך האָב אויך אין מאָנאַט מאַי אויסגעשאָסען צוויי מאָל פונקט אויף'ן זעלבען אָרט. ס'איז געווען אויף אַן אויספאָהר צו דער אינזעל. און עס איז געשעהן אויף אייער אייגענעם פערלאַנג."

„דאָס איז אַ גאַנץ אַנדער זאַך," האָט הערר מאַק געזאָגט קורץ און שאַרף.

„אָבער צום טײַוועל, דאַן ווייסט איהר דאָך, וואָס איהר האָט צו טהאָן!"

„זעהר גוט," האָט ער געענטפערט.

עוואַ האָט זיך געהאַלטען גרייט. אַז איך בין אַרויס, איז זי מיר נאָכגעקומען; זי האָט אַרויפגעכאַפּט אויף זיך אַ טיכעל און איז אַוועק פון הויז. כ'האָב געזעהן, ווי זי האָט זיך פערנומען אויף'ן וועג אַרונטער צו די שפּייכלערס. הערר מאַק איז געגאַנגען אַהיים.

כ'האָב בעקלעהרט די זאַך. וואָס פאַר אַ ביטרעקייט, צו געפינען אַן אויסוועג! ווי די אויגען זיינע האָבען דאָס אַביסעל געשטאָכען! איין שאָס, צוויי שאָסען, אַ פּאָר פייגעל, אַ געלד-שטראָף, אויסצאָהלען. און דאַן איז אַלעס אויס מיט הערר מאַק און מיט זיין הויז. אין גרונד גענומען איז אַלצדינג געגאַנגען אויסערגעוועהנליך גוט און שנעל.

ס'האָט אָנגעהויבען רעגנען, גרויסע, ווייכע טראָפּענס. די פייגעלאַך זיינען געפלויגען גאַנץ נידעריג צו דער ערד, און אַז איך בין געקומען אַהיים און אָבגעבונדען עזאָפ'ן פון שטריק, האָט ער געפרע-סען גראָז. דער ווינד האָט אָנגעהויבען רוישען.

XXIII.

אַ מייל אונטער מיר זעה איך דעם ים. עס רעגענט, און איך בין אין די בערג, אַ הויכער פֿעלז בעשיצט מיך פֿאַר׳ן רעגען. איך רויכער מיין קורצע פּיפּקע, רויכער איין פּיפּקע נאָך דער אַנדערער, און יעדעס מאָל, ווען איך צינד זי אָן, קריכט דער טאַבאַק אַרויס ווי קליינע, גליהענדע ווערים פֿון דער אַש. אַזוי מישען זיך אויך די גע־דאַנקען ביי מיר אין קאָפּ. לעבען מיר אויף דער ערד ליגט אַ בינטעל טרוקענע צווייגען פֿון אַ צושטערטען נעסט פֿון פֿייגעל. און פּונקט ווי דאָס פֿויגעל־נעסט אַזוי איז אויך מיין זעעלע.

איך דערמאָן זיך אָן אַלצדינג, אפילו אָן דער מינדעסטער קליי־ניגקייט, וואָס האָט מיט מיר פּאַסירט אין די לעצטע טעג. האָהאָ, ווי ביטער מיר איז געגאַנגען...

איך זיץ דאָ אין די בערג, און דער ים און די לופֿט ברויזען, ווינד און וועטער קאָכען און קלאָגען מורא׳דיג אין מיינע אויערן. קליי־נע שיפֿלאַך און שפּאַציר־שיפֿען זעהען זיך ווייט אין ים מיט איינגע־צויגענע זעגלען; מענשען געפֿינען זיך אויף זיי, זיי ווילען אַוודאי פֿאָה־רען ערגעץ־וואו; און גאָט ווייס, וואוהין אָט די אַלע לעבענס לאָזען זיך, האָב איך ביי זיך געקלעהרט. דער ים הויבט זיך שוימענדיג אין דער הויך און וואַרפֿט זיך, וואַרפֿט זיך אַרום, ער איז אַזוי ווי בעזעצט מיט גרויסע, געשטאַלטען, וועלכע שטרעקען אויס די גליעדער און שרייען און ליאַרעמען איינע צו די אַנדערע; ניין, עס איז אַ באַל פֿון צעהן טויזענד פֿייפֿענדע שדים, וועלכע בעהאַלטען דעם קאָפּ צווישען די שולטערן און דרעהען זיך אַרום און פּאַטשען מיט די שפּיץ פֿליג־לען זייערע אָן ים, אַזוי אַז ער ווערט ווייס. ווייט, ווייט אַוועק ליגט

אַ בלינדער פֿעלזען־אינזעל; פֿון אָט דער אינזעל הויבט זיך אויף אַ ווייסער ים-מאַן און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ הינטער אַ געלעכערטען שיף מיט מאַסט-זעגלען, וואָס ווערט געטריבען פֿון ווינד צום ים צו, האָהאָ, צום ים צו, אַרויס אין דעם ווינטען ים...

איך פֿרעה זיך, וואָס איך בין אַליין, וואָס קיינער קען ניט זעהן מיינע אויגען. רוהיג און פֿאָרזיכטיג שפּאַר איך זיך אָן אָן דער פֿעלזען־וואַנד און ווייס, אַז קיינער קען ניט שטעהן הינטער מיר און קוקען אויף מיר הינטערוויילאַכס. אַ פֿויגעל שוועבט אריבער איבער'ן באַרג און לאָזט אַרויס אַ געבראָכענעם געשריי; אין דערזועלבער רגע טשעפּעט זיך אָב אַביסעל ווייטער אַ שטיק פֿעלז פֿון באַרג און קייקעלט זיך אַראָב אין ים אַריין. און שטיל בלייב איך דאָרט זיצען אַ היבשע ווילע, איך בין זעהר רוהיג, אַ וואַרם געפֿיהל פֿון פֿער־גניגען נעהמט מיך דורך, ווייל איך קען אַזוי זיכער זיצען דאָ אין מיין בעהעלטעניש, בעת ווען דער רעגען הערט ניט אויף צו גיסען. איך קנעפּעל צונויף מיין יאַק און דאַנק גאָט פֿאַר מיין וואַרעמער יאַק. ס'איז אַריבער נאָך אַ ווילע. איך בין איינגעשלאָפֿען.

ס'איז נאָכמיטאָג, איך געה אַהיים, עס רעגענט נאָך. מיט אַמאָל קומט מיר אַנטקעגען עפּעס אונגעוועהנליכעס; עדוואַרדאַ שטעהט אַנטקעגען מיר אויף'ן וועג. זי איז דורכגענעצט, אַזוי ווי זי וואָלט שוין דאָ געשטאַנען אַ לאַנגע צייט אין רעגען; נאָר זי שמייכעלט. נו! גיב איך גלייך אַ קלעהר, און עס פּאַקט מיך אַ ווילדער צאָרן; מיט קרעמפּפֿענדע פֿינגער נעהם איך אָן מיין ביקס, און אַזוי געה איך איהר אַנטקעגען, כאָטש זי שמייכעלט.

„גוטען טאָג!" שרייט זי אויס די ערשטע.

כ'וואַרט אָב, ביז איך קום עטליכע טריט נעהענטער צו איהר, און דאַן זאָג איך:

„אַ גוטען טאָג אייך, שעהן פֿריילין!"

זי ווערט ערשטוינט איבער מיין שפּאַס. אַך, איך האָב ניט געוואוסט, וואָס איך האָב געזאָגט. זי שמייכעלט שרעקליך און קוקט מיך אָן.

„איהר זייט היינט געווען אין די בערג?" פֿרעגט זי. „זעהט, ווי

נאָס איהר זייט געוואָרען. כ'האָב דאָ אַ טיכעל מיט זיך; איהר ווילט עס פּיליכט אַרומנעהמען אַרום זיך, איך קען אויסקומען אָהן דעם... וואָס זשע, איהר דערקענט מיך שוין גאָר ניט?" און זי לאָזט אַראָב די אויגען צו דער ערד און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

„אַ טיכעל?" ענטפער איך און קריץ מיט די ציינער פאַר צאָרן און ערשטוינונג. „הערט אויס, איך האָב דאָ אַ יאַק, ווילט איהר איך זאָל זי אייך באָרגען? כ'קען אויסקומען אָהן איהר; איך וואָלט זי יעדען איינעם געבאָרגט, איהר קענט זי אַלזאָ רוהיג נעהמען. כ'וואָלט זי מיט פרייד אַוועקגעגעבען אַ פישער-פרוי."

כ'האָב געזעהן, אַז זי איז געשפּאַנט צו הערען, וואָס איך וועל זאָגען; זי האָט זיך אַזוי אויפמערקזאַם צוגעהערט צו יעדען וואָרט, וואָס איך האָב אויסגערעדט, אַז זי איז געוואָרען מיאוס און האָט פערגעסען צוצומאַכען דאָס מויל. זי שטעהט דאָ מיט'ן טיכעל אין דער האַנד, ס'איז אַ ווייס זיידען טיכעל, זי האָט עס זיך אַרונטער-גענומען פון האַלז. איך רייס מיר אויך אַרונטער די יאַק.

„אום גאָטעס ווילען, טהוט זי אָן צוריק!" גיט זי אַ געשריי. „דאָס זאָלט איהר ניט טהאָן. זייט איהר ווירקליך אזוי בייז אויף מיר? ניין, מיין גאָט, טהוט אָן צוריק די יאַק, איידער איהר ווערט דורכגענעצט."

כ'האָב צוריק אָנגעטהאָן די יאַק.

„וואו לאָזט איהר זיך געהן?" האָב איך געפרעגט מיט אַ פינ-סטערער מיענע.

„ניין, אין ערגעץ ניט... איך פערשטעה גאָר ניט, ווי אַזוי איהר האָט זיך געקענט אויסטהאָן די יאַק..."

„וואו האָט איהר ערגעץ היינט דעם באַראָן?" האָב איך ווייטער געפרעגט. „אין אַזאַ וועטער קען דאָך דער גראַף ניט זיין אויף'ן ים..."

„גלאַהן, כ'האָב אייך בלויז געוואָלט זאָגען עפּעס..."

איך שלאָג איהר איבער די רייד:

„ווילט איהר אזוי גוט זיין, איבערגעבען דעם הער־צאָג אַ גרוס פון מיינעטוועגען?"

מיר קוקען זיך אָן. איך בין גרייט, איהר ווידער איבערצושלאָגען

די רייד, ווען זי וועט נור עפֿענען דאָס מויל. ענדליך ציהט זיך אַרי-
בער אַ שמערצליכע מיענע איבער איהר געזיכט; איך קעהר זיך אָב
אָן אַ זייט און זאָג:

„ערנסט גערעדט, גיט דעם פּרינץ אייערן דעם וועג, פֿריילײן
עדוואַרדאַ. דאָס איז ניט קיין מאַן פֿאַר אייך. איך פֿערזיכער אייך,
ער געהט אַרום די גאַנצע צייט און איז זיך אַלץ מישב, צי ער זאָל
אייך נעהמען פֿאַר אַ פֿרוי צי ניט, און דאָס איז דאָך פֿאַר אייך
קיין תכלית ניט."

„ניין, דערפֿון ווּעלען מיר בעסער מעהר ניט ריידען, ניט אמת?
גלאַהן, איך האָב געטראַכט פֿון אייך; איהר האָט געקענט אויסטהאָן
די יאַק און צוליעב אַן אַנדערן זיך לאָזען דורכנעצען; איך קום צו
אייך..."

איך ציה מיט די אַקסלען און זאָג ווייטער:

„כ'שלאָג אייך אָנשטאָט איהם פֿאַר דעם דאָקטאָר. וואָס האָט
איהר געגען איהם אויסצוזעצען? אַ מאַן אין זיינע בעסטע יאָהרען,
אַן אויסגעצייכענטער קאָפּ. דײנקט נאָך וועגען דעם."

„הערט מיך פֿאָרט אויס בלויז איין מינוט......"

„עזאָפּ, מיין הונד, וואַרט אויף מיר אין שטיבעל."

כ'האָב אַרונטערגענומען די מיץ, האָב זי בעגריסט און געזאָגט:
„אַדיע, שעהן פֿריילין."

און איך האָב זיך געלאָזט געהן.

זי האָט אַ געשריי געטהאָן:

„ניין, רייס מיר ניט אַרויס דאָס האַרץ פֿון דער ברוסט. איך
בין היינט געקומען צו דיר, כ'האָב דאָ געוואַרט אויף דיר, און איך
האָב געשמייכעלט, ווען דו ביסט געקומען. נעכטען בין איך שיער
פֿון זינען ניט אַראָב, ווייל איך האָב די גאַנצע צייט וועגען קיין
אַנדער זאַך ניט געטראַכט; אַלעס האָט זיך אַרומגעדרעהט מיט מיר
אַזוי ווי אַ ראָד, און איך האָב ניט אויפֿגעהערט דײנקען פֿון דיר.
היינט בין איך געזעסען אין צימער; אַ מענש איז אַריינגעקומען,
כ'האָב ניט אויפֿגעהויבען דעם קאָפּ אַ קוק צו טהאָן, נאָר איך האָב
געוואוסט, ווער דאָס איז געווען דער, וואָס איז אַריינגעקומען. נעכ-
טען האָב איך געררודערט אַ האַלב פֿערטעל מייל, רופֿט ער זיך אָב.

זייט איהר ניט מיעד געוואָרען? האָב איך געפֿרעגט. אַך יאָ, זעהר מיעד; און איך האָב געקראָגען וואונדען אויף די הענד, האָט ער געענטפֿערט און איז געוועזען גאַנץ טרויעריג דעריבער. כ'האָב גע־קלעהרט ביי זיך: זעה נאָר, ווענגען אַזאַ זאַך נעהמט אָט דער דאָ זיך צום האַרצען! אין אַ ווײַלע אַרום רופֿט ער זיך אָב: די נאַכט האָב איך געהערט אַ שושקעריי לעבען מיינע פֿענסטער; ס'איז גע־ווען אייער דיענסט־מיידעל און אײנער פֿון אייערע קאָמיס, זיי האָ־בען געהאַט אַן אינטימען געשפּרעך. יאָ, זיי וועלען ביידע חתונה האָבען, האָב איך געזאָגט. יאָ, אָבער דאָס איז געוועזען אַרום צוויי אַזייגער! וואָס ווייטער? האָב איך געפֿרעגט, און גלייך נאָכדעם האָב איך צוגעלייגט: די נאַכט געהערט צו זיי. דאָ האָט ער אַרויפֿגערוקט זיינע גאָלדענע ברילען אויף דער נאָז און בעמערקט: אָבער, ניט אמת, דיינקט איהר ניט, אַזוי אין מיטען נאַכט, דאָס זעהט דאָך ניט גוט אויס? כ'האָב נאָך אַלץ ניט אויפֿגעהויבען די אויגען, און אַזוי זיינען מיר געזעסען צעהן מינוט צייט. — זאָל איך אייך אַרויפֿ־לייגען אַ שאַל אויף די שולטערן? האָט ער אַ פֿרעג געטהאָן. — ניין, אַ דאַנק, האָב איך געענטפֿערט. — קען איך אָנגעהמען אייער קליינע האַנד? האָט ער ווידער געפֿרעגט. — איך האָב ניט געענט־פֿערט, מיינע געדאַנקען זיינען געוועזען ערגעץ אַנדערש. ער האָט אַוועקגעלייגט אַ קליין שאַכטעלע אויף מיין שויס, כ'האָב געעפֿענט דאָס שאַכטעלע און געפֿונען אַ נאָדעל אינעווייניג; די נאָדעל האָט געהאַט אַ קרוין, און איך האָב איבערגעצעהלט צעהן שטיינער אין איהר... גלאַהן, כ'האָב די נאָדעל דאָ ביי מיר, ווילסט זי זעהן? זי איז צוטראָטען: קום אַקאָרשט אַהער און זעה, אַז זי איז צוטראָטען... — נו, וואָס זאָל איך טהאָן מיט דער נאָדעל? האָב איך געפֿרעגט. — איהר זאָלט זי אָנטהאָן, זיך דערמיט אויספּוצען, האָט ער געענטפֿערט. — אָבער איך האָב איהם צוריק אָבגעגעבען די נאָדעל און געזאָגט: לאָזט מיך צורוה, איך דיינק מעהר פֿון אַן אַנדערן. — פֿון וואָס פֿאַר אַן אַנדערן? האָט ער געפֿרעגט. — פֿון אַ יענעם, האָב איך געענטפֿערט; ער האָט מיר אַלס ערינערונג בלויז צוויי שעהנע פֿעדערן געשיינקט; אָבער נעהמט איך אייער נאָדעל צוריק. — נאָר ער האָט די נאָדעל אויף קיין פֿאַל ניט געוואָלט צוריקנעהמען. כ'האָב

צום ערשטען מאָל אַ קוק געטהאָן אויף איהם, זיינע אויגען האָבען מיך דורכגענומען דורך און דורך. איך נעהם די נאָדעל ניט צוריק, טהוט דערמיט וואָס איהר ווילט; צוטרעט זי, האָט ער געזאָגט. כ'בין אויפגעשטאַנען, כ'האָב אַוועקגעליינט די נאָדעל אונטער מיין קנאַפּעל און אַרויפגעטראָטען דערויף. דאָס איז געוועזען היינט אין דערפריה... פיער שטונדען בין איך דאָ אַרומגעגאַנגען און האָב גע-וואַרט; נאָך'ן מיטאָג בין איך אַוועק פון דערהיים. ער האָט מיך בעגעגענט אויבען אויף'ן וועג. — וואוהין געהסט איהר? האָט ער געפרעגט. — צו גלאַהן, האָב איך געענטפערט; כ'וויל איהם בעטען, ער זאָל מיך ניט פערגעסען... פון איינס אַזייגער אָן האָב איך דאָ געוואַרט, כ'בין געשטאַנען ביי אַ בוים און האָב געזעהן, ווי דו קומסט; דו ביסט געוועזען ווי אַ גאָט. כ'האָב געליעבט דיין געשטאַלט, דיין באָרד און דיינע שולטערן, אַלעס אויף דיר און אין דיר האָב איך געליעבט... אַצונד ביסט דו אונגעדולדיג, דו ווילסט געהן, נור געהן, איך בין דיר גלייכגילטיג, דו גיסט אפילו קיין קוק ניט אויף מיר..."

ווען זי האָט אָנגעהויבען ריידען, בין איך געבליבען שטעהן. אַז זי איז אַנשוויגען געוואָרען, האָב איך ווידער אָנגעהויבען געהן. איך בין געוועזען פערמאַטערט פאַר פערצווייפלונג און איך האָב גע-שמייכעלט, מיין האַרץ איז געוועזען ווי אַ שטיין.

„ס'איז וואַהר," האָב איך געזאָגט און בין ווידער געבליבען שטעהן. „איהר האָט דאָך מיר געוואָלט עפּעס זאָגען?"

מיט דעם ראָזיגען שפּאָט האָב איך איהר שוין צופיעל דערעסען.

„האָב איך אייך ווירקליך געוואָלט עפּעס זאָגען? יאָ, אָבער איך האָב דאָך שוין עפּעס געזאָגט; וואָס זשע, איהר האָט עס ניט געהערט? ניין, גאָרנישט, כ'האָב אייך מעהר גאָרנישט וואָס צו זאָגען......"

איהר שטימע ציטערט מאָרגע, נאָר דאָס ריהרט מיך ניט.

XXIV.

אויף מאָרגען אין דער פֿריה, אַז איך בין אַרויסגעגאַנגען, איך גיב אַ קוק, עדוואַרדאַ שטעהט ביים שטיבעל.

אין פֿערלויף פֿון דער נאַכט האָב איך אַלצדינג איבערלייגט און געפֿאַסט מיין בעשלוס. ניין, פֿאַרוואָס זאָל איך זיך לאָזען פֿערבלענדען פֿון אָט דער קאַפּריזנער פּערזאָן, אַ פֿישער־מיידעל, אַן אונגעבילדעטער קאָפּ? וואָס זשע, איז דען איהר נאָמען נים געזעסען לאַנג גענוג אין מיין האַרצען און האָט עס אויסגעזויגען? גענוג, זאָל זיין אַ סוף דערמיט! איבעריגענס איז מיר אַרויף אייף'ן זינען, אַז איך בין איהר פֿיליכט טאַקע דערפֿאַר מיט אַמאָל געוואָרען אַזוי ליעב און טהייער, ווייל איך האָב איהר אַרויסגעצייגט גלייכגילטיגקייט און זיך אויסגעלאַכט פֿון איהר. אַך, ווי גרויסאַרטיג איך האָב זיך דאָס פֿון איהר אויסגעלאַכט! נאָכדעם ווי זי האָט געהאַלטען אַ היבשע רעדע אויף עטליכע מינוטען לאַנג, רוף איך זיך אָב גאַנץ רוהיג: ריכטיג, איהר האָט דאָך מיר געוואָלט עפּעס זאָגען...

זי איז געשטאַנען ביים שטיין. זי איז געווען שטאַרק צוקאָכט און האָט געוואָלט מיר אַנטקעגנען לויפֿען, זי האָט שוין געהאַט אויסגעשטרעקט די אָרעמס, איז אָבער געבליבען שטעהן און האָט פֿערבראָכען מיט די הענד. איך האָב אַרויפֿגעלייגט די האַנד אויף מיין מיץ און זי בעגריסט, ניט אויסריידענדיג דערביי קיין וואָרט.

„היינט וויל איך בלויז א י י נ ס פֿון אייך, גלאַהן," האָט זי געזאָגט מיט אַ ריהרענדער שטימע. און איך האָב זיך פֿון אָרט ניט געריהרט, נור כדי צו הערען, וואָס זי האָט געוואָלט זאָגען. „כ'האָב

געהערט, אַז איהר זייט געווען ביים שמיעד. ס'איז געווען אַן אָבענד, ווען עוואַ איז געווען אַליין אין דערהיים."

איך בין געבליבען ערשטוינט און האָב געפּרעגט:

„פון וועמען האָט איהר דאָס געקראָגען אָט די מיטטהיילונג?"

„איך שפּיאָניר ניט," האָט זי אויסגעשריען; „כ'האָב עס נעכ- טען ביינאכט געהערט, מיין פאָטער האָט עס מיר דערצעהלט. נעכ- טען אָבענד, ווען איך בין געקומען אַהיים אַ דורכגענעצטע, רופט זיך אָב מיין פאָטער: דו האָסט זיך היינט אויסגעלאָכט פון דעם באַראָן, האָסט איהם געמאַכט צום נאַר. — ניין, האָב איך געענט- פערט. — וואו ביסט דו איצט געווען? פרעגט ער ווייטער. — כ'האָב געענטפערט: ביי גלאַהן. — דאָ האָט עס מיר מיין פאָטער דערצעהלט." —

איך בעקעמפף מיין פערצווייפלונג און זאָג:

„עוואַ איז זאָגאַר דאָ געווען."

„דאָ איז זי אויך געווען? אין שטיבעל?"

„עטליכע מאָל. כ'האָב זי אַריינגעבעטען. מיר האָבען גערעדט צוזאַמען."

„אייך דאָ!"

פויזע. האַלט זיך פעסט! קלעהר איך ביי זיך און זאָג:

„אַזוי ווי איהר זייט אַזוי ליעבענסווירדיג זיך אַריינצומישען אין מיינע אַנגעלעגענהייטען, וויל איך אויך ניט אָבשטעהן. כ'האָב אייך נעכטען פאָרגעשלאָגען דעם דאָקטאָר; האָט איהר נאָכגעדיינקט דעריבער? דער פרינץ איז דאָך צו אונמעגליך."

צאָרן פלאַמט אויף אין איהרע אויגען.

„ווייסט איהר וואָס, ער איז ניט אוינמעגליך!" זאָגט זי מיט אַ ביטערן טאָן. „ניין, ער איז בעסער פאַר אייך; ער קען זיך אויפהאַלטען אין אַ הויז, ניט ברעכענדיג קיין שאָלען און קיין גלע- זער, און מיינע שיך לאָזט ער אויך צורוה. יאָ, ער ווייסט, ווי אַרומ- צוגעהן מיט מענשען; אָבער איהר, איהר זייט לעכערליך, איך שעהם זיך מיט אייך, איהר זייט אונערטרעגליך; האָט איהר מיך פערשטאַנען?"

איהרע ווערטער האָבען מיך טיעף בעליידיגט, כ'האָב אַרונ- טערגעלאָזט דעם קאָפּ און געענטפערט:

„אין דעם פרט זייט איהר גערעכט, איך בין ניט איבעריגס פעהיג אַרומצוגעהן מיט מענשען. האָט רחמנות; איהר פערשטעהט מיך ניט, איך וואוין אַם ליעבסטען אין וואַלד, דאָס איז מיין פרייד. דאָ אין מיין איינזאַמקייט שאַדט עס קיינעם ניט, וואָס איך בין ווי איך בין; ווען איך קום זיך אָבער צונויף מיט אַנדערע, מוז איך אָנווענדען מיין גאַנצע מיה צו זיין, ווי עס געהערט צו זיין. שוין צוויי יאָהר, אַז איך בין אַזוי ווייניג געווען צווישען מענשען..."

„ביי אייך מוז מען יעדע רגע זיך ריכטען אויף דאָס ערגסטע," האָט זי ווייטער געזאָגט. „עס ווערט איינפאַך איבערדריסיג, כסדר אויף אייך אַכטונג צו געבען."

ווי אונבאַרמהאַרציג זי האָט דאָס אַרויסגעזאָגט! אַן אונגעהייער ביטערער שמערץ נעהמט מיך דורך, כ'פאַל שיער ניט אַנידער פון איהרע שטריינגע רייד. נאָר עדוואַרדאַ האָט זיך ניט בענוגענט דערמיט, זי האָט נאָך צוגעלייגט:

„פיליכט וואָלט איהר געקענט זעהן, עוואַ זאָל אַכטונג געבען אויף אייך. ס'איז נור אַ שאָד, וואָס זי איז פערהייראַט."

„עוואַ? איהר זאָגט, אַז עוואַ איז פערהייראַט?" האָב איך געפרעגט.

„יאָ, פערהייראַט."

„מיט וועמען איז זי פערהייראַט?"

„דאָס מוזט איהר דאָך וויסען. עוואַ איז פערהייראַט מיט'ן שמיעד."

„וואָס זשע, זי איז ניט דעם שמיעד'ס טאָכטער?"

„ניין, זי איז זיין פרוי. וואָס זשע, איהר מיינט אפנים, אַז איך זאָג אַ ליגען?"

איך האָב גאָר קיין מיינונג ניט געהאַט דעריבער, מיין ערשטוינונג איז בלויז געווען אַזוי גרויס. כ'בין געבליבען שטעהן און האָב געטראַכט ביי זיך: „איז עוואַ ווירקליך פערהייראַט?"

„איהר האָט, הייסט עס, געטראָפען אויף אַ גליקליבע, פאַסענדע פאָר..." האָט זיך עדוואַרדאַ אָבגערופען.

נו, ס'האָט גאָר קיין סוף ניט געוואָלט נעהמען. כ'האָב אָנגעהויבען ציטערן פאַר פערדרוס און געזאָגט:

„אָבער טאָ נעהמט פאַרט דעם דאָקטאָר, ווי איך זאָג אייך.

הערט זיך צו צו דער עצה פֿון אַ פֿריינד; דער פּרינץ איז דאָך אַ האַלב־אַלטער נאַר.״ און אין מיין פֿערבּיטערטקייט האָב איך געמאַכט חוזק פֿון איהם, כ׳האָב איינפֿאַך איבּערטריבּען זיין עלטער, כ׳האָב געזאָגט, אַז ער האָט אַ פּליך אויף׳ן קאָפּ, אַז ער איז אין גאַנצען בּלינד; כ׳האָב אויך ערקלעהרט, אַז ער טראָגט די קרוין אויף דין קנעפּ פֿון זיין העמד מיט דעם איינציגען צוועק, כּדי זיך נרויס צו האַלטען מיט זיין יחוס. „איבּעריגענס האָב איך זיך גאָר־נישט געוואָלט בּעקענען מיט איהם,״ האָב איך געזאָגט. „ס׳איז גאָרנישט דאָ אין איהם, וואָס זאָל איהם אויף וואָס פֿאַר עס איז אופן אויסצייכענען פֿון די אַנדערע; עס פֿעהלען איהם די הויפּט־ליניען, ער איז גאָרנישט.״

„אָבּער ער א י ז עפּעס, ער א י ז עפּעס!״ האָט זי געשריען, און איהר קול איז הייזעריג געוואָרען פֿאַר צאָרן. „ער איז פֿיעל מעהר, ווי דו מיינסט, דו וואַלד־מענש. נאָר וואַרט אַקאָרשט, ער וועט מיט דיר ריידען, איך וועל איהם בּעטען, ער זאָל ריידען מיט דיר. דו גלויבּסט ניט, אַז איך האָב איהם ליעב, אָבּער דו וועסט זעהן, אַז דו האָסט אַ טעות; איך וועל חתונה האָבּען מיט איהם, כ׳וועל טאָג און נאַכט דיינקען נור פֿון איהם. מערק דיר, וואָס איך זאָג: כ׳האָב איהם ליעב. זאָל עוואַ קומען צו דיר, האָהאָ, גאָט אין הימעל, זאָל זי נאָר קומען, עס זאָל מיר דאָס גאָר אָנהויבּען אַרען! יאָ, כ׳מוז זעהן, וואָס גיכער אַוועקצוגעהן פֿון דאַנען...״ זי האָט אָנגעהויבּען אַרומטערגעהן מיט׳ן וועג פֿון שטיבּעל, זי האָט געמאַכט אַ פּאָר קליינע, שנעלע טריט, נאָר בּאַלד האָט זי זיך נאָך אַמאָל אומגעקעהרט, איהר געזיכט איז געווען בּלאַס ווי דער פּנים פֿון אַ מת, און זי האָט מיט צאָרן אויסגעשריען: „און קום מיר קיינמאָל מעהר ניט פֿאַר די אויגען, דו הערסט?״

XXV.

די בלעטער פֿון די בוימער זיינען געוואָרען געל, דאָס קאַר־טאָפֿעל-גראָז האָט זיך פֿונאַנדערגעוואַקסען און איז געשטאַנען אין פֿולער בליהונג; די יאַגד-צייט איז ווידער געקומען, איך האָב געשאָסען שנעע-היהנער, וואַלד-היהנער און האָזען; איין טאָג האָב איך געשאָסען אַן אָדלער. אַ שטילער, הויכער הימעל, קיהלע נעכט, פֿיעל קלאָהרע און ליעבע קלאַנגען אין וואַלד און פֿעלד. גרויס און פֿריעדליך איז געוועזען די וועלט...

„ווי קומט עס, וואָס איך האָב גאָרנישט געהערט פֿון הערר מאַק מכח די צוויי פֿייגעל, וועלכע איך האָב געשאָסען?" רוף איך זיך איינמאָל אָב צום דאָקטאָר.

„דאָס האָט איהר עדוואַרדאַ'ן צו פֿערדאַנקען," האָט ער גע־ענטפֿערט. „דאָס ווייס איך, כ'האָב אַליין געהערט, ווי זי האָט זיך געשטעלט נעגען דעם."

„איך דאַנק איהר גאָרנישט דערפֿאַר," האָב איך געזאָגט...

סוף־זומער, סוף־זומער. די וועגען האָבען אויסגעזעהן אַזוי ווי גאַרטלען דורך דעם וועלקענדען וואַלד, יעדען טאָג איז געקומען אַ נייער שטערן, די לבנה האָט געבלישטשעט ווי אַ שאָטען, אַ שאָ־טען פֿון גאָלד איינגעטונקט אין זילבער...

„גאָט איז מיט דיר, דו ביסט דאָך גאָר פֿערהייראַט, עוואַ?"

„וואָס זשע, דו האָסט עס ניט געוואוסט?"

„ניין, איך האָב עס ניט געוואוסט."

שטום האָט זי געדריקט מיין האַנד.

„גאָט איז מיט דיר, קינד, וואָס זאָלען מיר אַצונד טהאָן?"

„וואָס דו ווילסט. דו פֿאָהרסט דאָך נאָך ניט אָב פֿון דאַ־נען; כ'וועל זיין צופֿריעדען און פֿרעהליך, אַזוי לאַנג דו ביסט דאָ.

„ניין, עוואַ."

„יאָ, יאָ—, אַזוי לאַנג דו ביסט נאָך דאָ."

זי זעהט אויס פֿערצאָגט און די גאַנצע צייט הערט זי ניט אויף דריקען מיין האַנד.

„ניין, עוואַ, געה! קיינמאָל מעהר ניט!"

און נעכט געהען פֿערביי, און טעג קומען; ס'איז שוין דער דריטער טאָג זינט יענעם געשפרעך. עוואַ געהט מיט אַ משא אי־בער'ן וועג. וויפֿיעל ברען-האָלץ האָט דאָס דאָזיגע קינד אין פֿער־לויף פֿון זומער איבערגעטראָגען פֿון וואַלד אַהיים!

„לייג אָב די משא, עוואַ, און לאָמיך זעהן, צי דיינע אויגען זיינען נאָך פונקט אַזוי בלוי ווי געוועזן."

איהרע אויגען זיינען געוועזן רויט.

„ניין, שמייכעל ווידער, עוואַ! איך קען דאָך מעהר ניט אויס-האַלטען אָהן דיר, איך בין דיינער, איך בין דיינער..."

אָבענד. עוואַ זינגט, כ'הער איהר געזאַנג, און אַ היץ נעהמט מיך דורך און דורך.

„דו זינגסט היינט אָבענד, עוואַ?"

„יאָ, איך בין פֿרעהליך."

און אַזוי ווי זי איז נידעריגער פֿון מיר, טהוט זי אַ שפרונג, כדי צו קענען אַרומלייגען איהרע אָרעמס אַרום מיין האַלז.

„וואָס איז דאָס, עוואַ, דו האָסט זיך צוקראַצט די הענד? מיין גאָט, ווי האָסט דו זיי צוקראַצט!"

„דאָס מאַכט גאָרנישט אויס."

איהר פנים שטראַהלט אויך אַזוי וואונדערליך.

„עוואַ, האָסט גערעדט מיט הערר מאַק?"

„איין מאָל."

„וואָס האָט ער געזאָגט, און וואָס האָסט דו געזאָגט?"

„ער איז געוואָרען זעהר שטרייננג צו אונז, ער לאָזט מיין מאַן ארביימען טאָג און נאַכט ביים שפייכלער, און טיך שטעלט ער

אויך אַוועק ביי אַלערליי אַרבייטען. ער האָט מיר געהייסען טהאָן מענער־אַרבייט."

פֿאַרוואָס טהוט ער דאָס?"

עוואַ האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען צו דער ערד.

„פֿאַרוואָס טהוט ער דאָס, עוואַ?"

„ווייל איך האָב דיך ליעב."

„אָבער ווי קען ער דאָס וויסען?"

„איך האָב עס איהם אַליין געזאָגט."

פויזע.

„ווען גאָט גיט, ער זאָל ניט זיין אַזוי שטריינג צו דיר!"

„אָבער דאָס שאַדט גאָרנישט. עס שאַדט גאָרנישט איצט!"

און אַזוי ווי אַ שטילער, ציטערענדער געזאַנג האָט איהר שטי־מע אָבגעקלונגען אין וואַלד.

און די בלעטער ווערן נאָך געלער, ס'געהט צו אָסיען, אויף'ן הימעל האָבען זיך בעוויזען נאָך מעהר שטערען, און די לבנה זעהט פֿון איצט אָן אויס ווי אַ שאָטען פֿון זילבער, וואָס איז איינגעטונקט אין גאָלד. ס'איז ניט געווען קאַלט, גאָרנישט, נור אַ קיהלע שטיל־קייט און אַ שטראָמענדעס לעבען אין וואַלד. יעדער בוים איז גע־שטאַנען פֿאַר זיך און האָט געטראַכט. די יאַגדעס זיינען געווען פֿאַרטיג.

אַזוי איז אָנגעקומען דער צוויי און צוואַנציגסטער אויגוסט און דערמיט די דריי אייזערנע נעכט*).

*) אין די „אייזערנע נעכט", צווישען דעם 22-טען און דעם 28-טען אוי־גוסט פֿלעגט אין יענע געגענדען אָנקומען דער ערשטער פֿראָסט.

XXVI.

די ערשטע פֿון די אייזערנע נעכט.

אַרום ניין אַזייגער געהט די זונן אונטער. אַ מאַטע פֿינסטער-ניש לייגט זיך אויס איבער דער ערד, עס בעווייזען זיך אַ פּאָר שטערען, צוויי שעה שפּעטער אַ בלישטש פֿון דער לבנה. איך לאָז זיך מיט מיין ביקס און מיט מיין הונד אַריין אין וואַלד, כ'טראָג צונויף אַ הויפֿען פֿון אַראָבגעפֿאַלענע צווייגען, און דער שיין פֿון מיין פֿייער פֿאַלט צווישען די וואָרצעל-שטאַמען פֿון די סאָסנעס. ניטאָ קיין פֿראָסט.

די ערשטע פֿון די אייזערנע נעכט! זאָג איך צו זיך אַליין. און אַ געוואַלדיגע פֿרייד איבער צייט און אָרט נעהמט מיך דורך און דורך...

אַ געזונד, איהר מענשען און חיות און פֿייגעל, אַ געזונד צו דער איינזאַמער נאַכט אין וואַלד, אין וואַלד! אַ געזונד צו דעם חושך און צו גאָט'ס מורמלען צווישען די בוימער, צו דעם זיסען, איינפֿאַכען קלאַנג פֿון דער שטילקייט אין מיינע אויערן, צו די גרי-נע בלעטער און די געלע בלעטער! אַ געזונד צו דעם לעבענס קלאַנג, וואָס איך הער, אַ סאָפּענדער שנוק אין גראָז, אַ הונד, וואָס ליגט אויף דער ערד און סאָפּעט! אַ געזונד צו דער ווילדער קאַץ, וואָס ליגט אויף'ן בויך און צילעוועט און האַלט זיך גרייט אַ שפּרונג צו טהאָן אויף אַ פֿויגעלע אין דער פֿינסטער, אין דער פֿינסטער! אַ געזונד צו דער באַרמהאַרציגער שטילקייט אויף דער ערד, צו די שטערען און דער האַלבער לבנה, יאָ, פֿאַר איהר און פֿאַר יענע!...

כ'שטעה אויף און האָרך זיך צו. קיינער האָט מיך ניט גע־הערט. זעץ איך זיך ווידער אַוועק.

אַ דאַנק פאַר דער איינזאַמער נאַכט, פאַר די בערג, פאַר דעם חושך און פאַר דעם געראויש פון ים, עס ברוינט אין מיין האַרצען! אַ דאַנק פאַר מיין לעבען, פאַר מיין אָטהעם־צוג, פאַר דעם חסד, וואָס איך לעב היינט ביינאַכט, דערפאַר דאַנק איך פון טיפען האַרצען! הער זיך צו אין מזרח און הער זיך צו אין מערב, הער זיך צו! דאָס איז דער אייביגער גאָט! אָט די שטילקייט, וואָס מורמעלט און שושקעט מיר אין אויער, איז דאָס בלוט פון דער גאַנצער גרויסער נאַטור, וואָס זירט, דאָס איז גאָט, וואָס צוטריי־סעלט די וועלט און מיך. איך זעה אַ בלאַנק שפין־געוועבס אין'ם שיין פון מיין האָלץ־פייער, כ'הער אַ שיפּעל, וואָס רודערט אויף'ן ים, דאָרט אין צפון־זייט אויף'ן הימעל הויבט זיך אויף אַ ליכט, אַ צפון־ליכט. אָה, ביי מיין אונשטערבליכער זעעלע, איך דאַנק אויך פון גאַנצען האַרצען דערפאַר, וואָס איך בין עס גראָד דער, וועלכער זיצט דאָ!...

ס'איז שטיל. אַ קאָנוס פאַלט אַראָב פון אַ טאַנענבוים אויף דער ערד. אַ קאָנוס איז אַראָבגעפאַלען! טראַכט איך ביי זיך. די לבנה שטעהט הויך אויף'ן הימעל, דאָס פייער פלאַקערט אויף דעם האַלב־פערברענטען הויפען און האָלצביים אויסגעהן. און שפּעט אין דער נאַכט וואַנדער איך אַהיים.

די צווייטע אייזערנע נאַכט, דיזעלבע שטילקייט און דאָס מיל־דע וועטער. מיין זעעלע גריבעלט אין זיך. מעכאַניש געה איך צו צו אַ בוים, ציה אַראָב די מיץ טיעף איבער'ן שטערן און שפּאַר זיך אָן מיט'ן רוקען אָן דעם דאָזיגען בוים, די הענד צונויפגעלייגט אויף'ן נאַקען. איך קוק און טראַכט; דער פלאַם פון מיין פייער בלענדט מיר אין די אויגען, און איך פיהל עס ניט. כ'שטעה אַ היבשע ווייל אין דער דאָזיגער פאָזע און קוק אויף'ן פייער; מיינע פיס קענען זיך ניט ריהרען פון מיעדקייט; כ'ווער אַזוי ווי פער־גליווערט שטעהענדיג און זעץ זיך ענדליך אַנידער. ערשט איצט

בערעכען איך, וואָס איך האָב געטהאָן. נאָך וואָס האָט געטויגט אַזוי לאַנג קוקען אויף'ן פייער?

עזאָפ הויבט אויף דעם קאָפּ און שטעלט אָן די אויערן, ער הערט טריט. עווא ווייזט זיך.

„איך בין היינט ביינאַכט זעהר שטאַרק פערטראַכט און אומעטיג,” רוף איך זיך אָב.

און פאַר רחמנות ענטפערט זי גאָרנישט.

„כ'האָב ליעב דריי זאַכען,” זאָג איך ווייטער. „כ'ליעב אַ ליעבעס־טרוים, וואָס איך האָב אַמאָל געהאַט, כ'ליעב דיך, און איך ליעב אָט דאָס שטיק ערד.”

„און וואָס האָסט דו ליעב מעהר פון אַלץ?”

„דעם טרוים.”

ס'ווערט ווידער שטיל. עזאָפּ קען עוואַ'ן און ער לייגט אַוועק דעם קאָפּ אָן אַ זייט און קוקט אויף איהר. איך מורמעל:

„אויף'ן וועג האָב איך היינט געזעהן אַ מיידעל, זי איז געגאַנגען אָרם אין אָרם מיט איהר געליעבטען. דאָס מיידעל האָט געוואונקען מיט די אויגען אויף מיר און האָט זיך קוים געקענט איינהאַלטען פון לאַכען, בעת איך בין פערבייגעגאַנגען.”

„איבער וואָס האָט זי געלאַכט?”

„דאָס ווייס איך ניט. זי האָט אַוודאי געלאַכט פון מיר. פאַרוואָס פרעגסט דו זיך נאָך וועגען דעם?”

„דו האָסט זי געקענט?”

„יאָ, כ'האָב געגריסט.”

„און זי, זי האָט דיך ניט דערקענט?”

„ניין...... אָבער נאָך וואָס זיצסט דו דאָ און פאָרשסט מיך אויס? דאָס איז גאָר ניט שעהן פון דיר. דו וועסט מיך ניט ברייננגען דערצו, צו דערמאָנען איהר נאָמען.”

פויזע.

איך מורמעל ווידער:

„איבער וואָס זי האָט געלאַכט? זי איז אַ קאָקעטקע; נאָר איבער וואָס פאָרט האָט זי געלאַכט? אין יעזוס קריסטוס' נאָמען, וואָס האָב איך איהר דען געטהאָן?”

עווא ענטפערט:

„ס'איז געווען אַ שווינערייַ פון איהר, צו לאַכען פון דיר."

„ניין, ס'איז ניט געווען קיין שווינערייַ פון איהר!" האָב איך אַ געשריי געטהאָן. „דו דאַרפסט זי ניט בערייַדען, זי טהוט ניט קיין שום שלעכטס, ס'איז געווען גאַנץ ריכטיג פון איהר, וואָס זי האָט פון מיר געלאַכט. שווייג, צום טייוועל, און לאָז מיך צורוה, דו הערסט?"

און אַ דערשראָקענע לאָזט מיך עווא צורוה. כ'קוק זי אָן און האָב גלייך אין דערזעלבער רגע חרטה אויף מיינע שטרייננגע ווערטער, כ'פאַל אַנידער פאַר איהר און פערברעך די הענד.

„געה אַהיים, עווא. דו ביסט די, וועמען איך האָב אַם מייסטען ליעב; ווי האָבען איך גאָר געקענט ליעב האָב אַ טרוים? דאָס איז בלויז געווען אַ שפאַס; דו ביסט עס די, וועמען איך האָב ליעב. אָבער געה איצט אַהיים, מאָרגען וועל איך קומען צו דיר; געדיינק, איך בין דיינער, יאָ, פערגעס עס אַקאָרשט ניט. גוטע נאַכט."

און עווא געהט אַהיים.

די דריטע פון די אייזערנע נעכט, אַ נאַכט אין דער העכסטער שפאַנונג. וואָלט כאָטש געווען אַביסעל פראָסט! אָנשטאָט דעם פראָסט אַ שטיל-שטעהענדיגע וואַרעמקייט נאָך דער זונן פון'ם טאָג, די נאַכט איז געווען ווי אַ לעבליך-וואַרעמער זומפ. כ'האָב אָנגעלייגט מיין פייער-הויפען...

„עוואַ, צייטענווייז קען עס פאַר איינעם זיין אַ תענוג, ווען מען ווערט געצויגען ביי די האָר. אַזוי צומישט קען ווערען אַ מענשען'ס מוח. מען קען געצויגען ווערן ביי די האָר גאַנצע טהאָלען אַרונטער און בערג אַרויף, און אַז אימיצער פרעגט, וואָס דאָ קומט אייגענטליך פאָר, איז מען אימשטאַנד גאַנץ ענטציקט צו ענטפערן: איך ווער געצויגען ביי די האָר! און אַז יענער פרעגט: אָבער זאָל איך דיר פיליכט העלפען, דיך בעפרייען? ענטפערט מען ניין. און אַז מען פרעגט ווייטער: אָבער ווּעסט דו עס אויסהאַלטען? ענטפערט מען: יאָ, כ'וועל עס אויסהאַלטען; וואָרים איך ליעב די האַנד, וואָס שלעפט מיך...... עווא, דו ווייסט, וואָס האָפען איז אַזוינס?"

„יאָ, כ'מיין, אַז איך ווייס."

„זעהסט דו, עוואַ, האָפֿען, דאָס איז עפּעס אַ וואונדערליכע, יאָ, אַ גאַנץ מאָדנע זאַך. מען קען צום ביישפּיעל אין אַ שעהנעם פֿריה־מאָרגען געהן אויף'ן וועג און האָפֿען צו טרעפֿען אַ פּערזאָן, וועלכע מען האָט ליעב. און בעגעגענט מען אָט די פּערזאָן? ניין. פֿאַרוואָס ניט? ווייל די פּערזאָן איז דעם דאָזיגען פֿריה־מאָרגען פֿערנומען מיט עפּעס און איז ערגעץ אַנדערש... אויף די בערג האָב איך זיך בעקענט מיט אַן אַלטען בעטלער. אַכט און פֿופֿציג יאָהר האָט ער גאָרנישט געזעהן, און איצט איז ער שוין געווען איבער זיבעציג. ס'האָט זיך איהם אָבגעדוכט, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט וואָס ווייטער אַלץ בעסער געזעהן; ס'געהט אַלץ פֿאָרווערטס און פֿאָרווערטס, פֿלעגט ער זאָגען; אַז עס זאָל זיך נור ניט מאַכען עפּעס אַ זייטיגע צרה, וועט ער אין עטליכע יאָהר צייט ווידער קענען זעהן די זונן. ער האָט געהאַט שווארצע האָר, נאָר זיינע אויגען זיינען געווען גאַנץ ווייס. אַז מיר זיינען געזעסען צוזאַמען ביי איהם אין זיין ערד־שטיבעל און האָבען געראויכערט, פֿלעגט ער מיר דערצעהלען מכח אַלעס, וואָס ער האָט געזעהן, איידער ער איז בלינד געוואָרען. ער איז געווען האַרט און געזונד, אָהן געפֿיהל, קיין זאַך האָט איהם ניט געקענט ברעכען, און זיין האָפֿנונג האָט ער ניט אויפֿגעגעבען. אַז איך האָב געמוזט אַוועקגעהן, האָט ער מיך אַרויסבעגלייט און אָנגעהויבען ווייזען נאָך פֿערשיעדענע ריכטונגען. דאָרט איז דרום, האָט ער געזאָגט, און דאָרט איז צפון. דו געהסט קודם כל אַהער מיט דעם וועג, און אַז דו שפּאַנסט אָב אַ שטיק באַרג אַרונטער, פֿערקירעוועסט דו זיך אין יענער זייט, האָט ער געזאָגט. גאַנץ ריכטיג, האָב איך געענטפֿערט. דאָ האָט זיך דער בעטלער צולאַכט און געזאָגט: זעהסט דו, דאָס האָב איך פֿאַר פֿערציג, פֿופֿציג יאָהרען ניט געוואוסט, איך זעה אַלזאָ איצט בעסער ווי דעמאָלט, ס'געהט אַלץ פֿאָרווערטס און פֿאָרווערטס. דערנאָך האָט ער זיך פֿערניינט און איז צוריק אַריינגעקראָכען אין דעם ערד־שטיבעל, אין דעם אייביגען ערד־שטיבעל, זיין היים אויף דער וועלט. און ער האָט זיך ווייטער אַנידערגעזעצט ביים פֿייער ווי פֿריהער, פֿול מיט האָפֿנונג, אַז ער וועט אין אַ פּאָר יאָהר אַרום ווידער דערזעהן דעם שיין פֿון דער

זוהן...... עוואַ, ס'איז אַ מערקווירדיגע זאַך מיט דער האָפֿנונג. איך, צום ביישפּיעל, האָף איצט צו קענען פֿערגעסען די פּערזאָן, וועלכע איך האָב היינט אין דערפֿריה ניט געטראָפֿען אויף'ן וועג."

„דו רעדסט אַזוי מאָדנע."

„ס'איז די דריטע פֿון די אייזערנע נעכט. כ'זאָג דיר צו, עוואַ, מאָרגען וועל איך ווערן גאָר אַן אַנדער מענש. לאָז מיך אַצונד אַליין, דו וועסט מיך גאָרנישט דערקענען מאָרגען, ווען איך וועל קומען צו דיר, כ'וועל לאַכען און דיך קושען, מיין זיס קינד. בערעכען פֿאָרט, מיר בלייבט בלויז אָט די נאַכט; דאַן וועל איך ווערן אַן אַנדער מענש; אין עטליכע שטונדען בלויז. גוטע נאַכט, עוואַ."

„גוטע נאַכט."

כ'לייג זיך נעהענטער צו מיין פֿייער און בעטראַכט די פֿלאַמען. אַ קאָנוס פֿאַלט אַרונטער פֿון צווייג; ווען ניט ווען פֿאַלט אויך אַראָב אַ טרוקענער צווייג פֿון אַ בוים, די נאַכט דרינגט דורך דעם גאַנצען וואַלד. כ'פֿערמאַך די אויגען.

אין אַ שטונדע אַרום הויבען מיינע חושים אָן זיך אַריינפּאַסען אין אַ בעשטימטען ריטהמוס; כ'קלינג מיט אין דער גרויסער שטיל-קייט, כ'קלינג מיט. כ'קוק אַרויף צו דער האַלבער לבנה, זי שטעהט אויף'ן הימעל ווי אַ ווייסע מושעל, און איך פֿיהל עפּעס אַזוי ווי אַ ליעבשאַפֿט צו איהר, כ'פֿיהל, אַז די פֿאַרב קומט מיר אין פּנים. דאָס איז די לבנה! זאָג איך שטיל און ליידענשאַפֿטליך, דאָס איז די לבנה! און מיין האַרץ שלאָגט איהר אַנטקעגען מיט קליינע, שטילע קלעפּ. עס דויערט עטליכע מינוטען. ס'בלאָזט אַביסעל, אַ פֿרעמדער ווינד קומט צו צו מיר, אַ מאָדנער לופֿט-דרוק. וואָס איז דאָס? כ'קוק זיך אום און זעה קיינעם ניט. דער ווינד רופֿט מיך, און מיין זעעלע בויגט זיך און ענטפֿערט יאָ, כ'פֿיהל זיך אַזוי ווי אַרויסגעהויבען פֿון מיין צוזאַמענהאַנג, אָקוראַט ווי אימיצער וואָלט מיך צוגעדריקט צו זיין ברוסט, מיינע אויגען ווערען פֿייכט; כ'ציטער, — גאָט שטעהט ערגעץ-וואו ניט ווייט פֿון מיר און קוקט מיך אָן. דאָס געדויערט ווידער אַמאָל עטליכע מינוטען. כ'קעהר אום דעם קאָפּ, דער פֿרעמדער לופֿט-דרוק פֿערשווינדט, און איך זעה עפּעס אַזוי ווי דעם רוקען פֿון אַ גייסט, וואָס שפּאַנט שטילערהייט דורך'ן וואַלד...

אַ קורצע ווײַלע קעמפּף איך מיט אַ שווערער בערוישונג, כ'בין פֿערמאַטערט, טויט-מיעד, און איך ווער אַנשלאָפֿען.

אַז איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט, איז די נאַכט געווען אַריבער. אַך, אַ לאַנגע צייט בין איך אַרומגעגאַנגען אין אַ טרויעריגען צו־שטאַנד, צוקאָכט, פֿול מיט פֿיבער, אימער וואַרטענדיג, אַז וואָס פֿאַר עס איז קראַנקהייט וועט מיך אַנידערוואַרפֿען. אָפּט האָט מיר אַלעס אויסגעזועהן מיט'ן קאָפּ אַראָב און מיט די פֿיס אַרויף, כ'האָב געקוקט אויף אַלצדינג מיט אָנגעצונדענע אויגען; אַ טיעפֿער אומעט האָט מיך בעהערשט.

אַצונד איז עס אַריבער.

XXVII.

ס'איז הערבסט. דער זומער איז אַריבער, ער איז פֿערשוואונ־דען פונקט אַזוי שנעל ווי ער איז געקומען; אַך, ווי שנעל ער איז אַריבער! אַצונד זיינען די טעג קאַלט, כ'געה אויף דער יאַגד, כאַפּ פֿיש און זינג ליעדער אין וואַלד. און עס זיינען דאָ טעג מיט אַ דיקען נעבעל, וועלכער קומט פֿון ים און בעדעקט אַלצדינג מיט דונקעלהייט. אין אַזאַ מין טאָג איז עפּעס געשעהן. כ'האָב פֿער־בלאָנדזשעט אין די וועלדער פֿון דער געמיינדע און איך בין צוגע-קומען ביז דעם דאָקטאָר'ס הויז. דאָרט זיינען געווען געסט, די יונגע דאַמען, מיט וועמען איך האָב זיך שוין פֿריהער געהאַט צונויפֿגע־טראָפֿען, טאַנצענדע בחורים און מיידלאַך, אמת'ע הפקר־יונגען.

אַ וואָגען איז צוגעפֿאָהרען און האָט זיך אָבגעשטעלט ביי דער גאָרטען-טהיר; עדוואַרדאַ איז געזעסען אין וואָגען. אַז זי האָט מיך דערזעהן, איז זי געבליבען אַ פֿערוואונדערטע. זייט געזונד! האָב איך געזאָגט גאַנץ שטיל. נאָר דער דאָקטאָר האָט מיך פֿערהאַלטען. דורך מיין אָנוועזענהייט איז עדוואַרדאַ תחילת געווען דערשלאָגען און זי האָט אַראָבגעלאָזען די אויגען, ווען איך האָב גערעדט; נאָר שפּעטער־צו האָט זי מיך ווי עס איז פֿערטראָגען און האָט זיך זאָ-גאַר געווענדט צו מיר מיט אַ פּאָר קורצע פֿראַגען. זי איז געווען זעהר בלייך, דער נעבעל האָט זיך אויסגעלייגט קאַלט און גראָה איבער איהר געזיכט. זי איז ניט אַרויס פֿון וואָגען.

„איך פֿאָהר מיט אַ שליחות צו אייך," האָט זי לאַכענדיג גע-זאָגט. „כ'קום פֿון דער הויפּט-קירכע, וואו כ'האָב קיינעם פֿון אייך ניט געקענט געפֿינען; מען האָט מיר געזאָגט, אַז איהר זייט דאָ.

כ'בין אַרומגעפֿאָהרען שטונדען־לאַנג, אייך זוכענדיג. מיר מאַכען מאָרגען אָבענד אַ קליינע אונטערהאַלטונג, — די אורזאַכע איז דאָס, וואָס דער באַראָן פֿאָהרט אָב די קומענדע וואָך, — און מען האָט מיך געשיקט אייך אַלעמען איינצולאַדען. מיר וועלען אייך טאַנצען. אַלזאָ מאָרגען אָבענד."

אַלע האָבען זיך פֿערנייגט און געדאַנקט.

צו מיר האָט זי אויסער דעם נאָך געזאָגט:

„זייט אַזוי גוט און בלייבט ניט אויס. שיקט אַקאָרשט ניט צו אין דער לעצטער רגע אַ בריוועל מיט ענטשולדיגונגען." דאָס האָט זי צו קיינעם פֿון די אַנדערע ניט געזאָגט. אין אַ ווײלע אַרום איז זי אַוועקגעפֿאָהרען.

איך בין געוואָרען שטאַרק געריהרט דורך דער דאָזיגער אומגעריכטער פֿריינדליכקייט, כ'האָב זיך אויף אַ רגע פֿער'גנב'עט אָן אַ זייט און זיך געפֿרעהט. דערנאָך האָב איך גענומען אָבשיער פֿון'ם דאָקטאָר און זיינע געסט און זיך געלאָזט געהן אַהיים. ווי גוטהאַרציג זי איז דאָס געוועזען צו מיר, ווי גוט־האַרציג זי איז דאָס געוועזען צו מיר! מיט וואָס קען איך איהר אָבדיענען דערפֿאַר? מיינע הענד זיינען געוואָרען מאַט, אַ זיסע קעלט האָט זיי דורכגענומען. דו גאָט מיין גאָט, דאָ געה איך אַלזאָ, קוים וואָס איך האַלט זיך אויף די פֿיס פֿאַר פֿרייד און קען די הענד ניט צומאַכען, נאָר פֿון הילפֿלאָזיגקייט שטעלען זיך מיר טרעהרען אין די אויגען; וואָס טהוט מען דערצו?...... ערשט שפּעט ביינאַכט בין איך נעקומען אַהיים. כ'בין געגאַנגען איבער די לאַנדונגס־בריקען און האָב זיך נאָכגעפֿרעגט ביי אַ פֿישער, צי דאָס פּאָסט־שיף קען נאָך אָנקומען ביז מאָרגען אָבענד. אַך ניין, דאָס פּאָסט־שיף קומט ערשט די קומענדע וואָך. כ'בין אַרויפֿגעלאָפֿען צו מיר אין שטיבעל און אָנגעהויבען בעקוקען מיין בעסטען אַנצוג. כ'האָב איהם אויסגעפּוצט און איהם פֿיין געמאַכט; אויף עטליכע ערטער זיינען געוועזען לעכער, און איך האָב געוויינט און פֿערלאַטעט די לעכער.

אַז איך בין פֿאַרטיג געוואָרען דערמיט, האָב איך זיך אַנידערגעלייגט אויף'ן בעטעל. איין רגע האָט אָט די רוה געדויערט; ס'קומט מיר אַרויף אַ געדאַנק, כ'שפּרינג אויף און בלייב שטעהן

ווי צוגעשלאָגען אין מיטען שטוב. די גאַנצע געשיכטע איז שוין ווי-
דער אַ פֿאָרטעל! האָב איך געשעפּטשעט צו זיך אַליין. מען וואָלט
מיך גאָרנישט איינגעלאַדען, ווען איך געפֿין זיך נים צופֿעליג אויף'ן
פּלאַץ, ווען די אַנדערע זיינען איינגעלאַדען געוואָרען; דערצו האָט
זי מיר נאָך געגעבען אַ דייטליכע אָנצוהערעניש, אַז איך מעג
אויסבלייבען און צושיקען אַ בריוועל מיט ענטשולדיגונגען......

די גאַנצע נאַכט בין איך ניט געשלאָפֿען, און אַז עס איז גע-
וואָרען טאָג, בין איך אַוועק אין וואַלד, דורכגענומען פֿון קעלט,
מיער, פֿיבערדיג. היי, אַצונד מאַכט מען די פֿאָרבערייטונג צו אַן
אונטערהאַלטונג אין סירילונד! וואָס ווייטער? איך וועל ניט געהן
אַהין און ניט שיקען קיין ענטשולדיגונג. הערר מאַק איז אַ זעהר
דענקענדער מאַן, ער מאַכט דאָס דעם דאָזיגען באַל לכבוד דעם
באַראָן, אָבער איך וועל ניט זיין דאָרט, פֿערשטעהט איהר?...

דער נעבעל איז געלעגען איבער טהאָל און באַרג, אַ נאַס-
קאַלטער אייז-נעבעל האָט זיך געלייגט אויף מיינע קליידער און
זיי געמאַכט שווער, מיין געזיכט איז געווען קאַלט און פֿייכט. נור
ווען ניט ווען איז געקומען אַ ווינטעל און האָט בעוואויגען די שלאָ-
פֿענדע נעבלען צו שטייגען און זינקען, שטייגען און זינקען.

ס'איז געווען שפּעט נאָכמיטאָג, ס'האָט אָנגעהויבען ווערן פֿינס-
טערלאַך; דער נעבעל האָט אַלצדינג פֿערשטעלט פֿאַר מיינע אוי-
גען, און איך האָב ניט געהאַט קיין זונען-צייכענס, נאָך וועלכע
איך זאָל קענען געהן. שטונדען-לאַנג האָב איך זיך אַרומגעטריבען
אויף מיין וועג צוריק אַהיים, נאָר איך האָב זיך דאָך גאָרנישט
נעהאַט וואָס צו איילען; מיט דער גרעסטער רוה האָב איך זיך אַוועק-
געלאָזט אין דער פֿערקעהרטער ריכטונג און בין צוגעקומען צו אונ-
בעקאַנטע ערטער אין וואַלד. ענדליך שטעל איך אַוועק דעם ביקס ביי
אַ שטאַם פֿון אַ בוים און האַלט זיך אָן עצה מיט מיין קאָמפּאַס.
כ'געפֿין אויס מיין וועג און הויב ווידער אָן צו געהן. ס'איז אַרום
אַכט אָדער ניין אַזייגער.

אַצונד איז עפּעס געשעהן.

נאָך אַ האַלב שעה גאַנג דערהער איך מוזיק דורך'ן נעבעל;
אין עטליכע מינוטען אַרום דערקען איך דעם אָרט, איך שטעה

גאַנץ נאָהענט לעבען דער הויפּט-געביידע פון סירילונד. וואָס זשע, האָט מיין קאָמפּאַס מיך פערפיהרט גראָד צו דעם פּלאַץ, פון וואַנען איך האָב געוואָלט אַנטלויפען? אַ בעקאַנטע שטימע רופט מיך ביים נאָמען; ס'איז דעם דאָקטאָר'ס קול. אין אַ ווײַלע אַרום ווער איך אַריינגעפיהרט.

ס'קען אויך מעגליך זיין, אַז דער שוואונג פון מיין ביקס האָט געווירקט אויף מיין קאָמפּאַס און איהם אַראָבגעפיהרט פון וועג. דאָס האָט זיך מיר אויך געטראָפען שפּעטער אַמאָל, ערשט היינטיגס יאָהר. כ'ווייס ניט, וואָס איך זאָל דיינקען וועגען דעם.

XXVIII.

דעם גאַנצען אָבענד נאָכאַנאַנד האָב איך געהאַט דאָס ביטערע געפיהל, אַז איך האָב ניט געדאַרפט געהן אויף דער דאָזיגער אונ־טערהאַלטונג. מיין אַריינקומען איז כמעט ניט בעמערקט געוואָרען, אַלע זיינען געווען אַזוי פערנומען איינע מיט די אַנדערע, עדוואַרדאַ האָט מיך אפילו רעכט ניט בעגריסט. כ'האָב אָנגעהויבען שטאַרק צו טרינקען, ווייל איך האָב איינגעזעהן, אַז איך בין ניט געווען קיין ליעבער גאַסט, און איך בין דאָך ניט אַוועק פון דאָרט.

הערר מאַק האָט פיעל געשמייכעלט און געוויזען זיין אַנגע־נעהמסטעס געזיכט, ער איז געגאַנגען אין פראַק און האָט אויסגע־זעהן זעהר גוט. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די צימערן, אָט איז ער געווען דאָ, אָט דאָרט, האָט זיך געמישט צווישען די דאָזיגע האַלבע מאה געסט, ווען ניט ווען געטאַנצט אַ טאַנץ, געשפאַסט און געלאַכט. אין זיינע אויגען האָבען געלויערט פערבאָרגענע געדאַנקען.

אַ גערויש פון מוזיק און שטימען האָט געקלונגען איבער'ן גאַנ־צען הויז. פינף צימערען זיינען געווען פול מיט געסט, און אַחוץ דעם האָט מען אין גרויסען זאַאַל געטאַנצט. אַז איך בין געקומען, האָט מען גראָד געהאַט אָבגעגעסען נאַכט-מאָהל. פערשמייעטע דיענסט-מיידלאַך זיינען אַרומגעלאָפען מיט גלעזער און ווינען, קאַ־פע-קאַנען פון גלאַנציגען קופער, ציגאַרען, ליולקעס, צוקער-געבעקס און פרוכטען. מען האָט גאָרנישט געשפאָרט. אין די הייננ-לייכטער האָבען געשטעקט אויסערגעוועהנליך דיקע ליכט, וועלכע זיינען ספעציעל צו דעם צוועק געגאָסען געוואָרען; אַחוץ דעם האָבען אויך געברענט די נייע קעראָסין-לאָמפען.

עווּאַ האָט מיטגעהאָלפֿען אין קיך, כ'האָב זי בעמערקט בלויז פֿערביילויפֿענדיג.

דער באַראָן האָט צוגעצווינגען צו זיך זעהר פֿיעל אויפֿמערקזאַמ-קייט, כאָטש ער איז געווען שטיל און בעשיידען און האָט זיך ניט גערוקט פֿאָראויס. אויך ער האָט געטראָגען אַ פֿראַק מיט שטאַר צוקנייטשטע פּאָלעס דורך'ן איינפּאַקען. ער האָט זיך געווענליך אונטערהאַלטען מיט עדוואַרדאַ'ן, האָט פֿון איהר קיין אויג ניט אַראָבגענומען, געטרונקען מיט איהר און זי גערופֿען פֿריילין, פּונקט ווי די טעבטער פֿון'ם אויבער-פּאסטאָר און דעם דאָקטאָר. איך האָב די גאַנצע צייט געטראָגען אַ האַרץ געגען איהם, און קוים האָב איך נור אַ קוק געטהאָן אויף איהם, האָב איך זיך גלייך געמוזט אָב-קעהרען מיט אַ טרויעריגער און נאַרישער העויה. אַז ער האָט גע-רעדט צו מיר, האָב איך איהם אָבגע'פּטר'ט מיט קורצע ענטפֿערס און דערנאָך פֿערקרימט דאָס מויל פֿאַר כעס.

עטליכע פּאַסירונגען פֿון יענעם אָבענד קומען מיר אַרויף אויף'ן זינען. כ'בין געשטאַנען און גערעדט מיט אַ יונג מיידעל, אַ בלאָנ-דינקע; כ'האָב וואָס געזאָגט אָדער איהר דערצעהלט אַ געשיכטע, וואָס האָט זי געמאַכט לאַכענדיג. דאָס איז אַוודאי ניט געווען קיין מערקווירדיגע געשיכטע; נאָר פּילייכט האָב איך זי אין מיין אַבי-סעל שכור'ן צושטאַנד דערצעהלט קאָמישער, ווי איך קען זיך איצט דערמאָנען; על כל פנים זי איז מיר אַרויס פֿון זינען. קורץ און גוט: אַז איך האָב זיך אומגעדרעהט, איז עדוואַרדאַ געשטאַנען הינטער מיר. זי האָט מיר צוגעוואָרפֿען אַן אָנערקענענדען בליק. דערנאָך האָב איך בעמערקט, ווי זי נעהמט אַוועק די בלאָנדינקע מיט זיך, כדי צו דערגעהן, וואָס איך האָב געזאָגט. כ'קען גאָר ניט זאָגען, וואָס פֿאַר אַ פֿערגניגען עדוואַרדאַ'ס בליק האָט מיר פֿער-שאַפֿט, נאָכדעם ווי איך בין דעם גאַנצען אָבענד אַרומגעגאַנגען פֿערשטויסען און איינזאַם פֿון איין צימער אין אַנדערן; מיר איז גלייך אויף'ן שמעל אַסך פֿרעהליכער געוואָרען אויף'ן האַרצען, און איך האָב דאַן גערעדט מיט עטליכע געסט און זיך גאַנץ פֿיין אונ-טערהאַלטען. אַזוי ווייט יווי איך ווייס, האָב איך ניט בעגאַנגען קיין פֿעהלער דערביי...

כ'בין געשטאַנען דרויסען אויף די הויז-טרעפּ. עווא איז אַרויס-געקומען פון אַ צימער און האָט פערביינגעטראָגען עטליכע זאַכען. זי האָט מיך דערזעהן, איז אַרויסגעקומען אויף די טרעפּ און האָט האַסטיג אַ פאָהר געטהאָן מיט דער האַנד איבער מיינע הענד; דערביי האָט זי אַ שמייכעל געטהאָן און איז אַריין צוריק אינעווייניג. קיינער פון אונז האָט קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. אַז איך האָב זיך געלאָזט אַריינגעהן הינטער איהר, איז עדוואַרדאַ געשטאַנען אין קאָרידאָר און האָט מיך אָנגעקוקט. זי האָט מיר אַריינגעקוקט גלייך אין פּנים אַריין. אויך זי האָט גאָרנישט געזאָגט. איך בין אַריין אין זאַאַל.

„ווי געפעהלט אייך דאָס?" האָט זיך עדוואַרדאַ פּלוצלינג הויך אויף'ן קול אָבגערופען. „לייטענאַנט גלאַהן אַמוזירט זיך גאָר אויף אַנדער שטייגער. ער האָט דרויסען אויף די טרעפּ צוזאַמענטרעפען געען מיט די דיענסט-מיידלאַך." זי איז געשטאַנען אין דער טהיר. מעהרערע פּערזאָנען האָבען געהערט, וואָס זי האָט געזאָגט. זי האָט געלאַכט, גלייך זי וואָלט דאָס געשפּאַסט, אָבער איהר געזיכט איז געווען זעהר בלייך.

איך האָב גאָרנישט געענטפערט דערויף, כ'האָב בלויז געמורמעלט: „ס'איז געווען צופעליג, זי איז גראָד אַרויסגעקומען, מיר האָבען זיך בעגעגענט אין קאָרידאָר..."

ס'איז אַריבער אַ ווײלע, פיליכט אַ שעה צייט. אימיצער האָט איבערגעקעהרט אַ גלאָז און בעגאָסען אַ דאַמע איהר קלייד. קוים האָט עס עדוואַרדא דערזעהן, שרייט זי אויס:

„וואָס איז דאָ געשעהן? נאַ, דאָס האָט נאַטירליך גלאַהן גע-מוזט טהאָן."

איך האָב עס ניט געטהאָן, איך בין גאָר געשטאַנען אין אַן אַנדער זייט זאַאַל, בעת דאָס אונגליק האָט געטראָפען. פון איצט אָן האָב איך ווידער אָנגעהויבען היבשלאַך טרינקען, און איך האָב זיך אויפגעהאַלטען לעבען טהיר, כדי ניט צו זיין די טענצער און טענ-צערקעס אין וועג.

דער באַראָן האָט ווייטער פערקליבען אַרום זיך די דאַמען. ער האָט בעדויערט, וואָס זיינע זאַמלונגען זיינען שוין פערפּאַקט, אַזוי

אַז ער האָט גאָרנישט ביי דער האַנד וואָס צו ווייזען, יענע גראָז־בוימלאַך פֿון׳ם ווייסען ים, די ערד פֿון די קוה־אינזעלאַך, אויסערגע־וועהנליך אינטערעסאַנטע שטיינער פֿון׳ם גרונד פֿון ים. די דאַמען האָבען געוואָרפֿען נייגעריגע אויגען אויף די קנעפּ פֿון זיין העמד, אויף אָט די פֿינף־שפּיציגע קרוינען, וועלכע האָבען געהאַט די בע־דייטונג פֿון באַראָן. אונטער די דאָזיגע אומשטענדען האָט דער דאָקטאָר מעהר קיין מזל ניט געהאַט, אפילו זיין וויציגע קללה, יענער „טויט און פינזעל" האָט שוין אויך מעהר קיין ווירקונג ניט געהאַט. נאָר קוים האָט עדוואַרדאַ גענעפֿענט דאָס מויל, איז ער שטענדיג געווען ביי איהר זייט, האָט איהר פֿערריכט די גרייזען, וואָס זי האָט געמאַכט, זי צוטומעלט מיט קליינע שאַרפֿע ווערטלאַך, און אויף אַ רוהיגען אופן, מיט ישוב הדעת האָט ער איהר ניט געלאָזט אויפֿהויבען דעם קאָפּ.

זי האָט געזאָגט:

„...ביז איך געה דורך דעם טהאָל פֿון טויט."

„געהט דורך וואָס?"

„דורך דעם טהאָל פֿון טויט. וואָס זשע, ס׳הייסט דען ניט דער טהאָל פֿון טויט?"

„כ׳האָב געהערט ריידען מכח דעם טייך פֿון טויט. דאָס מיינט איהר אַודאי."

שפּעטער האָט זי גערעדט וועגען דעם, אַז זי האַלט אָפֿען איהרע אויגען איבער אַ זאַך, ווי אַ...

„דראַגאָן,"*) איז דער דאָקטאָר איהר אַריינגעפֿאַלען אין די רייד.

„נו יאָ. ווי אַ דראַגאָן," האָט זי געענטפֿערט.

אָבער דער דאָקטאָר האָט געזאָגט:

„איהר מוזט מיר דאַנקען, וואָס איך האָב אייך אַרויסגעראַטע־וועט. איך בין זיכער, אַז איהר וואָלט געזאָגט אַרגוס."**)

---

*) אַ פֿאַבעלהאַפֿטע בעשעפֿעניש, וואָס זעהט אויס ווי אַ שלאַנג מיט פֿליגלען.

**) דער נאָמען פֿון אַ פּרינץ, וועלכער האָט, לויט דער מיטהאָלאָגיע, געהאַט הונדערט אויגען. מיט דעם וואָרט אַרגוס בעצייכענט מען אַ שאַרפֿען בעאָבאַכטער, מיט אַ דורכדרינגענדען וואַכזאַמען בליק.

דער באַראָן האָט אויפֿגעהויבען די ברעמען און דורך זיינע דיקע ברילען-גלעזער האָט ער איהם צוגעוואָרפֿען אַ בליק פֿון ער־שטוינונג; אָבער דער דאָקטאָר האָט זיך געמאַכט ניט זעהענדיג וואָס איז איהם דער באַראָן אָנגעגאַנגען!

איך שטעה נאָך אַלץ ביי דער טהיר. אין זאַאַל ווערט שנעל געטאַנצט. ס'גיט זיך מיר איין, צו פֿערבינדען אַ געשפּרעך מיט דער לעהרערין פֿון דעם קירך-הויף. מיר האָבען גערעדט מכח דער מלחמה, מכח די פֿערהעלטניסען אין דער קרים, וועגען די געשעהע־נישען אין פֿראַנקרייך, מכח נאַפּאָלעאָן אַלס קייזער, מכח די טער־קען, ווען ער גיט זיין שוץ; די יונגע דאַמע האָט אין פֿערלויף פֿון זומער געלייענט די צייטונגען און זי האָט מיר געהאַט וואָס צו דערצעהלען. ענדליך האָבען מיר זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ זאָפֿאַ און גערעדט.

עדוואַרדאַ געהט פֿערביי, זי בלייבט שטעהן לעבען אונז. פלוצלינג רופֿט זי זיך אָב:

„איהר מוזט מיר ענטשולדיגען, הערר לייטענאַנט, וואָס איך האָב אייך איבערראַשט אויף די הויז-טרעפּ. כ'וועל עס ווייטער קיינמאָל ניט טהאָן.”

זי האָט אויך איצט געלאַכט און ניט געקוקט אויף מיר.

„פֿרייליין עדוואַרדאַ, הערט אויף אַצונד,” האָב איך געזאָגט.

זי האָט מיר געזאָגט „איהר”, דאָס איז ניט געווען צו גוטען, און איהר מיענע איז געווען רשעות'דיג. כ'האָב זיך דערמאָנט אָן דאָקטאָר און אַ ציה געטהאָן מיט די אַקסלען, אַזוי ווי ער וואָלט געטהאָן. מיט אַמאָל רופֿט זי זיך ווידער אָב:

„אָבער פֿאַרוואָס געהט איהר ניט אַריין אין קיך? עוואַ איז דאָרט. מיר דוכט, איהר וואָלט זיך בעדאַרפֿט דאָרט אויפֿהאַלטען.”

דערביי האָט זי מיך דורכגענומען מיט אַ בליק פֿול האַס.

איך האָב געזאָגט:

„וואָס זשע, איהר האָט גאָר קיין מורא ניט, אַז אייערע ווער־טער קענען שלעכט אויסגעטייטשט ווערן, פֿרייליין עדוואַרדאַ?”

„ניין, ווי אַזוי? נו געווים, עס קען אַמאָל זיין, אָבער ווי מיינט איהר דאָס?”

„איהר רעדט צייטענווייז אַזוי אונאיבערלייגט. אַצונד איז עס מיר צום ביישפּיעל פאָרגעקומען, עפּעס אַזוי ווי איהר וואָלט מיך גאָר פּשוט אַרויסגעטריבען אין קיך, און דאָס איז נאַטירליך אַ מיס-פערשטענדניס. איך ווייס דאָך גאַנץ גוט, אַז איהר האָט ניט גע־האַט בדעה צו זיין אונפערשעהמט."

זי געהט אָב עטליכע טריט פון אונז. כ'האָב געזעהן אויף איהר, אַז זי האָט כסדר נאָכגעדיינקט וועגען דעם, וואָס איך האָב געזאָגט. זי דרעהט זיך אום און קומט צוריק, זי זאָגט אָהן אַן אָטהעם:

„ס'איז דורכאויס ניט געווען קיין מיספערשטענדניס, הער־ לייטענאַנט, איהר האָט ריכטיג געהערט; כ'האָב אייך אַרויסגע־ שיקט אין קיך."

„ניין, אָבער עדוואַרדאַ!" טהוט די דערשראָקענע לעהרערין אַ געשריי.

און איך האָב ווידער אָנגעהויבען ריידען וועגען דער מלחמה און די פערהעלטניסען אין דער קרים; אָבער מיינע געדאַנקען זיי-נען געווען ווייט אַוועק דערפון. איך בין שוין מעהר ניט געווען בע-רוישט, נאָר איינפאַך צומישט, די פאָדלאָגע האָט זיך מיר אַוועקגע-גליטשט אונטער די פיס, און איך האָב, אַזוי ווי מעהר ווי איין אונ-גליקליך מאָל פריהער, פערלאָרען די גלייכגעוויכט. כ'הויב זיך אויף פון דער זאָפאַ און וויל אַרויסגעהן. דער דאָקטאָר שטעלט מיך אָב.

„אין דער רגע האָב איך געהערט אַ לויב-געזאַנג וועגען אייך," האָט ער געזאָגט.

„אַ לויב-געזאַנג? פון וועמען?"

„פון עדוואַרדאַ'ן. זי שטעהט דאָרט הינטען אין ווינקעל און קוקט אויף אייך מיט גליהענדע בליקען. כ'וועל עס קיינמאָל ניט פערגעסען, זי האָט אויסגעזעהן גאַנץ פערליעבט און האָט געזאָגט הויך אויף'ן קול, אַז זי בעוואונדערט אייך."

„דאָס איז גוט," האָב איך לאַכענדיג געזאָגט. אָך, ביי מיר אין קאָפּ איז קיין איין קלאָהרער געדאַנק ניט געווען.

כ'בין צוגעגאַנגען צום באַראָן, האָב זיך אָנגעבויגען איבער איהם, גלייך איך וואָלט איהם געוואָלט איינרוימען אַ סוד, און אַז

איך בין צוגעקומען נאָהענט גענוג צו איהם, האָב איך איהם אַריינ-געשפּיגען אין אויער. ער איז אויפגעשפּרונגען און האָט מיך אָנגע-קוקט ווי אַן אידיאָט. שפּעטער האָב איך געזעהן, ווי ער האָט אי-בערגענעבען עדוואַרדאַ'ן דאָס, וואָס האָט איהם געטראָפען, און אַז זי האָט זיך שטאַרק געערגערט דעריבער. זי האָט געטראַכט וועגען איהר שוך, וועלכען איך האָב אַריינגעשליידערט אין וואַסער, וועגען די שאָלען און גלעזער, וועלכע איך בין געווען אונגליקליך גענוג צו צוברעכען, וועגען די אַלע אַנדערע פעהלערן, וועלכע איך האָב בעגאַנגען גענען די גוטע, אָנגענומענע רעגלען פון אָנשטענדיגקייט; דאָס אַלעס האָט זיך פון דאָס ניי אָבגערופען ביי איהר אין זכרון. כ'האָב זיך געשעהמט מיט זיך אַליין, ס'איז געווען אַ סוף מיט מיר; וואוהין איך האָב זיך געקעהרט און געווענדט, האָב איך בעגעגענט דערשראָקענע און ערשטוינטע בליקען, און איך האָב זיך אַרויסגע'גנב'עט פון סירילונד אָהן אַ זיי-געזונד, אָהן אַ דאַנק.

XXIX.

דער באַראָן וועט אָבפּאָהרען; זעהר גוט! כ'וועל אָנלאָדען מיין ביקס און אַרויפגעהן אויף די בערג און פון זיין און עדוואַר־דאַ'ס כבוד וועגען וועל איך אָבפייערן אַ הויכען, מעכטיגען שאָס. כ'וועל אויסבויערן אַ טיעפּען לאָך אין אַ פעלז און פון זיין און עדוואַרדאַ'ס כבוד וועגען אַ באַרג אין שטיקער אויפרייסען. און אַ גרויסער פעלז-שטיין זאָל זיך אַרונטערקאַטשען פון באַרג און אַראָב-פאַלען מיט מאַכט אין ים, בעת זיין שיף וועט פערבייפאָהרען. כ'קען אַן אָרט, אַ שפּאַלט אין פעלז, וואו שטיינער האָבען זיך שוין פריהער געקאַטשעט און געמאַכט אַ ריינעם וועג אַרונטער ביז'ן ים. טיעף אונטען איז דאָ אַ פּלאַץ, וואו די לאָטקעס ליגען.

„צוויי מינען-בויערער!" רוף איך זיך אָב צום שמיעד.

און דער שמיעד שאַרפט אָן צוויי מינען-בויערער...

עווא איז אָנגעשטעלט געוואָרען און מוז אַרומפאָהרען אַהין און אַהער מיט איינעם פון העררן מאַק'ס פערד צווישען דער מיהל און דעם שפּייכלער. זי מוז טהאָן די אַרבייט פון אַ מאַן און אָב־פיהרען זעק מיט קאָרן און מעהל. איך בעגעגען זיך מיט איהר, און זי זעהט אויס גרויסאַרטיג מיט איהר פרישען געזיכט. גוטער גאָט, ווי צערטליך איהר שמייכעל גליהט! יעדען אָבענד פלעג איך זיך טרעפען מיט איהר.

„דו זעהסט אויס, אָקוראַט ווי דו וואָלסט גאָר קיין זאָרגען ניט געהאַט, עווא, מיין געליעבטע!"

„דו רופסט מיך דיין געליעבטע! איך בין אַן אונוויסענדע פרוי, אָבער איך וועל דיר בלייבען געטריי. כ'וועל דיר בלייבען

געטריי, און אפילו ווען איך זאָל מוזען שטאַרבען דערפֿאַר. הערר מאַק ווערט יעדען טאָג אַלץ שטרייננגער און שטרייננגער, נאָר דער-פֿון דיינק איך ניט; ער איז ווילד, ער קאָכט זיך, נאָר איך ענט-פֿער איהם ניט. ער האָט מיך אָנגעכאַפּט ביים אָרם און איז גע-וואָרען גראָה פֿאַר רציחה. כ'האָב בלויז א י י ן זאָרג."

„און וואָס איז דאָס פֿאַר אַ זאָרג?"

„הערר מאַק סטראַשעט דיך. ער זאָגט מיר: אַהאַ, דער ליי-מענאַנט, אָט דער ליגט דיר אין זינען! — איך ענטפֿער: יאָ, איך בין זיינע. — דאָ זאָגט ער: נו, נו, וואַרט אַקאָרשט, איהם וועל איך שוין משלח זיין פֿון דאַנען! דאָס האָט ער נעכטען געזאָגט."

„דאָס איז גאָרנישט, זאָל ער סטראַשען... עווא, קען איך זעהן, צי דיינע פֿיסעלאַך זיינען נאָך פונקט אַזוי קליין ווי געווען? פֿערמאַך די אויגען און לאָז מיך אַ קוק טהאָן!"

און מיט פֿערמאַכטע אויגען פֿאַלט זי מיר אַרויף אויף'ן האַלז. אַ ציטער נעהמט זי דורך און דורך.

XXX.

איך זיץ אויף'ן באַרג און מינעווע. אַרום מיר איז די אָסיען־לופֿט קלאָהר ווי קריסטאָל, די קלעפּ אויף מיין בויערער קלינגען גלייכמעסיג און מיט טאַקט, עזאָפּ קוקט מיך אָן מיט פֿערוואונדערטע אויגען. אַ שטראָם פֿון צופֿרידענהייט נעהמט ווען ניט ווען דורך מיין ברוסט; קיינער ווייסט ניט, אַז איך בין דאָ אויף דעם וויסטען פֿעלז.

אַצונד זיינען די וואַנדער־פֿייגעל אַוועק; אַ גליקליכע רייזע און מיר זאָלען דערלעבען זיך ווידערזעהן אין פֿריידען! זינג־פֿייגעל און דאָ און דאָרט אַ באַרג־פֿויגעלע לעבען אַליין אויף די איינזאַמע פֿעלזען און צווישען די בוימלאַך פֿון וואַלד; פּיפּ—פּיפּ! אַלצדינג איז אַזוי מאָדנע פֿערענדערט, די בעראָזע איז בלוט־רויט אַנטקעגען די גראָע שטיינער; דאָ אַ גלאָקען־בוים, דאָרט אַ האָרנים־פֿליעג, וועלכע הויבט זיך אויף פֿון גראָז און וויגט זיך און זומזעט שטילערהייט אַ ליעדעל; הער צו! אָבער איבער אַלעם שוועבט אַ פֿיש־פֿויגעל מיט אַן אויסגעשטרעקטען האַלז, ער פֿליהט אין די בערג אַריין.

און די נאַכט קומט; כ'לייג אַוועק מיין בויערער און מיין דלאָט אונטער אַ שטיין און רוה זיך אָב פֿון דער אַרבייט. אַלעס דרעמעלט, די לבנה געהט אַרויס דאָרט אין צפון, די בערג וואַרפֿען ריעזיגע שאָטענס. ס'איז אַ פֿולע לבנה, זי זעהט אויס ווי אַ גליהענדע אינזעל, זי זעהט אויס אַזוי ווי אַ קיילעכדיג רעטעניש פֿון מעש, אַרום וואָס איך געה אַרום, איבער וואָס איך ווער פֿערוואונדערט. עזאָפּ הויבט זיך אויף און ווערט אונרוהיג.

וואָס ווילסטו דו, עזאָפּ? וואָס איז שייך צו מיר, בין איך מיעד און פערמאַטערט פון מיין קומער, כ׳וויל איהם פערגעסען, איהם דערטרינקען. איך הייס דיר ליגען שטיל, עזאָפּ, כ׳וויל האָבען רוה. עוואַ פרעגט: דיינקסטו דו צייטענווייז פון מיר? — איך ענטפער: תמיד פון דיר. — עוואַ פרעגט ווידער: און פערשאַפט עס דיר פרייד צו דיינקען פון מיר? — איך ענטפער: לויטער פרייד, קיינמאָל ניט עפּעס אַנדערש ווי פרייד. — דאַן רופט זיך אָב עוואַ: דיינע האָר ווערן גראָה. — און איך ענטפער: יאָ, זיי הויבען אָן גראָה ווערן. — אָבער עוואַ פרעגט: וואָס זשע, זיי ווערן גראָה דורך עפּעס, מכח וואָס דו דיינקסט? — און דערויף ענטפער איך: פּילייכט. — ענדליך זאָגט עוואַ: דו דיינקסט, הייסט עס, ניט בלויז פון מיר אַליין... עזאָפּ, ליג שטיל, כ׳וועל דיר בעסער דערצעהלען עפּעס אַנדערש...

נאָר עזאָפּ שטעהט און סאָפּעט און שמעקט אַראָב אין טהאָל, ער וואויעט און צופּט מיך ביים ראָק. אַז איך שטעה ענדליך אויף און געה איהם נאָך, הויבט ער אָן לויפען אַזוי שנעל, אַז איך קען איהם ניט נאָכהאַלטען. אויף׳ן הימעל און איבער׳ן וואַלד הויבט זיך אויף אַ רויטקייט, כ׳נעהם שפּאַנען שנעלער; פאַר מיינע אויגען בעווייזט זיך אַ האָלץ-פייער, אַן אונגעהייער גרויסער בראַנד. כ׳בלייב שטעהן און קוק אַרונטער, געה אָב עטליכע טריט און קוק ווידער אַמאָל, — מיין שטיבעל איז איינגעוויקעלט אין פלאַמען.

XXXI.

די שרפה איז געווען הערר מאק׳ס אַרבייט; כ׳האָב עס גלייך געזעהן פֿון דער ערשטער רגע אָן. כ׳האָב פֿערלאָרען מיינע טהיער-פֿעלען און מיינע פֿויגעל-פֿליגלען, כ׳האָב פֿערלאָרען מיין אויסגע-שטאָפּטען אָדלער; אַלצדינג איז פֿערברענט געוואָרען. וואָס ווייטער? כ׳בין געלעגען צוויי נעכט אונטער׳ן פֿרייען הימעל און בין ניט גע-גאַנגען נאָך סירילונד בעטען אָן אָרט איבערצונעכטיגען. ענדליך האָב איך אָבגעדונגען א פֿערלאָזען פֿישער-שטיבעל ביי די בריקען און האָב פֿערשטאָפּט די שפּאַלטען מיט טרוקענעם מאָך. איך בין געשלאָפֿען אויף אַ הויפֿען רויטע גראָז פֿון די בערג. כ׳בין ווידער געווען פֿערזאָרגט.

עדוואַרדאַ האָט געשיקט אַ שליח און מיר געלאָזט זאָגען, אַז זי האָט געהערט פֿון מיין אונגליק און זי באָט מיר אַלזאָ אָן אין איהר פֿאָטער׳ס נאָמען אַ צימער ביי זיי אין סירילונד. עדוואַרדאַ געריהרט? עדוואַרדאַ גוט־האַרציג? כ׳האָב ניט געשיקט קיין ענט-פֿער. גאָט צו דאַנקען, איך בין שוין ניט געווען אָהן אַן אָבדאַך, און עס האָט מיר פֿערשאַפֿט אַ שטאָלצע פֿרייד צו קענען איגנאָרי-רען עדוואַרדאַ׳ס אָנבאָט. כ׳האָב איהר בעגעגענט אויף׳ן וועג מיט׳ן באַראָן, זיי זיינען געגאַנגען אָרם אין אָרם; כ׳האָב זיי ביידען אַריינ-געקוקט גלייך אין געזיכט אַריין און זיי פֿערבייגעהענדיג בעגריסט. זי האָט זיך אָבגעשטעלט און געפֿרעגט:

„וואָס זשע, איהר ווילט ניט וואוינען ביי אונז, הער לייטענאַנט?"

„מיין נייע וואוינונג איז שוין פֿאַרטיג," האָב איך געענטפֿערט און בין אויך געבליבען שטעהן.

זי האָט מיך אָנגעקוקט; איהר ברוסט האָט זיך געהויבען אַרויף און אַראָב.

„איך וואָלט דאָך ביי אונז אויך קיין לייד ניט געשעהן," האט זי געזאָגט.

ביי מיר אין האַרצען האָט זיך עפּעס אַ ריהר געטהאָן אַזוי ווי אַ דאַנק; נאָר כ'האָב קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסברייגגען פון מויל.

דער באַראָן איז לאַנגזאַם געגאַנגען ווייטער.

„איהר ווילט מיך פּילייכט איצט מעהר אין די אויגען ניט זעהן?" פרעגט זי.

„כ'דאַנק אייך, פרייליין עדוואַרדאַ, וואָס איהר האָט מיר אָנגע־באָטען אַן אָבדאַך, ווען מיין שטיבעל איז אָבגעברענט געוואָרען," האָב איך געזאָגט. „דאָס איז געווען זעהר איידעל פון אייך, בעזונ־דערס אַז דאָס איז געשעהן כמעט אָהן אייער פּאָטער'ס צושטימונג."

און מיט אַ הוילען קאָפּ האָב איך איהר געדאַנקט פאַר איהר אָנבאָט.

„אום גאָטעס ווילען, איהר ווילט מיך שוין קיינמאָל מעהר ניט זעהן, גלאַהן?" האָט זי זיך מיט איין מאָל אָבגערופען.

דער באַראָן האָט אַ רוף געטהאָן.

„דער באַראָן רופט," האָב איך געזאָגט און ווידער אַרונטער־גענומען די מיץ.

און איך בין אַוועק אויף די בערג צו מיין מינע. קיין זאַך, קיין זאַך האָט שוין מעהר ניט געקענט ווירקען אויף מיר. כ'האָב בעגע־גענט עוואַ'ן. נאַ, דו זעהסט שוין! האָב איך זיך אָבגערופען, הערר מאַק קען מיך ניט פערטרייבען. ער האָט פערברענט מיין שטיבעל, און איך האָב שוין אַן אַנדער שטיבעל... זי האָט געטראָגען אַ בערשטעל און אַן עמער מיט סמאָלע. וואָס איז דאָס, עוואַ?

הערר מאַק האָט אַוועקגעלייגט אַ שיפעל דאָרט אויף'ן פּלאַץ אונטער'ן פעלז און אַצונד הייסט ער איהר, זי זאָל עס אָנשמירען מיט סמאָלע. ער האָט איהר נאָכגעקוקט יעדען טריט, זי האָט גע־מוזט פאָלגען.

אָבער פאַרוואָס עפּעס גראָד אויף'ן פּלאַץ אונטער'ן פעלז? פאַרוואָס ניט אויף דער לאַנדונגס־בריק?

הערר מאַק האָט אַזוי בעפֿוילען...

עווא, עווא, געליעבטע, מען מאַכט דיך פֿאַר אַ שקלאַפֿין, און דו בעקלאָגסט זיך גאָרנישט. זעה, אָט שמייכעלסט דו שוין ווידער, און דאָס לעבען קאָכט און זידט אַרויס פֿון דיין שמייכעל, כאָטש דו ביסט אַ שקלאַפֿין!

אַז איך בין צוגעקומען צו מיין מינע, בין איך געבליבען שטעהן אַן איבערראַשטער. כ'האָב געזעהן, אַז מענשען זיינען דאָ געווען אויף דעם פּלאַץ, כ'האָב אונטערזוכט די שפּורען אין די שטיינדלאַך און האָב דערקענט דעם אָבדרוק פֿון הערר מאַק'ס לאַנגע, שפּיציגע שיך. וואָס זוכט ער דאָ אַרום? האָב איך געטראַכט און זיך אומגעקוקט. קיינער איז ניט געווען צו זעהן. קיין חשד האָט זיך אין מיר ניט דערוועקט.

און איך האָב זיך אַנידערגעזעצט מינעווען ווייטער, ניט האָבענדיג קיין אַהנונג, וואָס פֿאַר אַ וואַהנזין איך האָב בעגאַנגען.

Библіотека академическ: ферейна
...ой исторіи и литерат. Юрьев...

XXXII.

דאָס פּאָסט־שיף איז געקומען, עס האָט מיר געבראַכט מיין אוניפאָרם, עס האָט אויך געזאָלט אויפנעהמען אויף זיך דעם באַראָן און אַלע זיינע קאַסטענס מיט מושעלס און פערשיעדענע ים־זאַכען. איצט האָט עס אָנגעלאָדען אין זיך פעסער מיט הערינג און פיש־פעטס ; אָבענד־צייט האָט עס געזאָלט אָבגעהן.

כ׳נעהם מיין ביקס און לאָד איהם אָן מיט אַסך פולווער. אַז איך האָב דאָס אָבגעטהאָן, שאָקעל איך פאַר זיך צו מיט׳ן קאָפּ. כ׳געה אַוועק אין די בערג און פיל אויך אַן מיין מינע מיט פולווער כ׳שאָקעל ווידער מיט׳ן קאָפּ. אַצונד איז אַלעס געווען גרייט. כ׳ליי זיך אַנידער און וואַרט.

שטונדען־לאַנג האָב איך געוואַרט. די גאַנצע צייט האָב איך געהערט, ווי דאָס שיף האָט געמאַכט אַ גערויש מיט די קייטען דאָרט אויף דער בריק. ס׳האָט שוין אָנגעהויבען ווערן פינסטערלאַך. ענדליך דערהערט זיך אַ פייף, די לאָדונג איז פאַרטיג, דאָס שיף געהט אָב. איצט מוז איך וואַרטען עטליכע מינוטען. די לבנה איז נאָך ניט אויפגעגאַנגען, און איך האָב ווי אַ פערריקטער געקוקט אין דעם האַלב־דונקעלען אָבענד.

אַז דער ערשטער שפיץ פון׳ם מאַסט־בוים איז צוגעקומען צו דער אַנדער זייט אינזעל, האָב איך אָנגעצונדען מיין קנויט און האַס־טיג אָבגעטראָטען אָן אַ זייט. ס׳געהט אַריבער אַ מינוט. פלוצלינג דערהערט זיך אַ מורא׳דיגער קראַך, אַ האָגעל פון שטיינדלאַך טהוט אַ שפריץ אין דער הויך, דער פעלז ווערט צוטרייסעלט, און אַ שטיינערנע מאַסע קייקעלט זיך דונערענדיג אַרונטער אין אָבגרונד.

פֿון די בערג אַרום קומט אַ ווידער־קלאַנג. כ'נעהם מיין ביקס און שיס אויס איין מאָל; דער ווידער־קלאַנג ענטפֿערט אָב עטליכע מאָל. אין אַ רגע אַרום שיס איך אויס אַ צווייטען מאָל; די לופֿט ווערט פֿערציטערט פֿון מיין בעגריסונגס־שאָס, און דער ווידער־קלאַנג האָט אַרויסגעשליידערט דעם ליאַרם אין די ווייטע וועלט; ס'האָט אויסגעזעהן, עפּעס אַזוי ווי אַלע בערג וואָלטען זיך צונויפֿגענומען, כדי צו בעגלייטען דעם פֿערבייפֿאָהרענדען שיף מיט זייער מעכטיגען געררויש. ס'געהט אַריבער אַ קורצע ווײַלע, די לופֿט ווערט ווידער שטיל, דער ווידער־קלאַנג שווייגט אין אַלע בערג, און די ערד ליגט ווייטער שטיל ווי געווען. דאָס שיף פֿערשווינדט אין דעם האַלב־דונקעל.

איך ציטער נאָך און בין אין אַ מאָדנער שפּאַנונג; כ'נעהם מיינע בויערער און מיין געוועהר און מיט בויגענדע קניע לאָז איך מיך אַרונטער פֿון באַרג. כ'נעהם דעם קירצסטען וועג, לאָז ניט אַרויס פֿון אויג די רויכענדע שפּור, וואָס מיין אויפֿרייסונג האָט אי־בערגעלאָזט. עזאָפּ געהט די גאַנצע צייט און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ און ניסט פֿון'ם שרפה'נדען גערוך.

אַז איך בין אַרונטערגעקומען אונטען צום שיפֿעל־פּלאַץ, האָב איך דערזעהן אַ בילד, וואָס האָט מיך מורא'דיג צוטרייסעלט: אַ שיפֿעל איז געלעגען צושמעטערט פֿון דעם אַרונטערגעפֿאַלענעם פֿעלז־שטיק, און עוואַ, עוואַ איז געלעגען לעבען דעם אַ צוריבענע, אַ צו־ריסענע, די זייט און דער בויך אַזוי אויפֿגעריסען, אַז עס איז איהר ניט געווען מעהר צו דערקענען. עוואַ איז געלעגען טויט אויף'ן שטעל.

XXXIII.

וואָס האָב איך נאָך צו שרייבען? עטליכע טעג נאָכאַנאַנד האָב איך קיין איין שאָס ניט אָבגעפֿייערט; כ'האָב גאָרנישט געהאַט וואָס צו עסען, און איך האָב אויך ניט געגעסען; כ'בין געזעסען אין מיין אָרם, קלעגליך שטיבעל. עוואַ'ן האָט מען אין הערר מאַק'ס וויס-געפֿאַרבטען הויז-שיפֿעל אָבגעפֿיהרט אין קירכע, כ'בין אַריבער אַהין און האָב זיך געפֿונען ביים קבר...

עוואַ איז טויט. געדיינקסט דו נאָך איהר קליינעם מיידעל-קאָפּ מיט די האָר ווי אַ נאָנע? זי פֿלעגט קומען אַזוי שטיל, פֿלעגט אָבלייגען איהר משא און שמייכלען. און צי האָסט דו געזעהן, ווי דאָס לעבען האָט אין דעם דאָזיגען שמייכעל געקאָכט און געזאָטען? זיי שטיל, עזאָפּ, ס'קומט מיר אַרויף אויף'ן זינען אַ מערקווירדיגע לעגענדע, וואָס איז שוין פֿיער מענשען-דורות אַלט, פֿון איזעלין'ס צייטען, ווען סטאַמער איז געווען אַ פּריסטער.

אַ מיידעל איז געזעסען געפֿאַנגען אין אַ געמויערטען טהורם. זי האָט ליעב געהאַט אַ פּריץ. פֿאַרוואָס? פֿרעג דעם ווינד און די שטערען, פֿרעג דעם גאָט פֿון לעבען; וואָרים קיין אַנדערער ווייסט ניט פֿון אַזעלכע זאַכען. און דער פּריץ איז געווען איהר פֿריינד און איהר געליעבטער; אָבער די צייט איז אַריבער, און אין אַ שעהנעם טאָג האָט ער דערזעהן אַן אַנדערע, און דער מוח האָט זיך איהם איבערגעקעהרט.

ווי אַ אינגעל האָט ער ליעב געהאַט זיין מיידעל. ער האָט זי אָפּט גערופֿען זיין גליק און זיין טויב, און זי האָט אַ הייסען, רויִשענדען בוזים געהאַט. ער האָט געזאָגט: גיב מיר דיין האַרץ! און

זי האָט עס געטהאָן. ער האָט געזאָגט: קען איך ביי דיר עפּעס בעטען, געליעבטע? און בערוישט האָט זי געענטפערט יאָ. זי האָט איהם אַלצדינג געגעבען, און ער האָט איהר דאָך ניט געדאַנקט דערפאַר.

די אַנדערע האָט ער געליעבט ווי אַ שקלאַף, ווי אַ וואַהנזיניגער און ווי אַ בעטלער. פאַרוואָס? פרעג דעם שטויב אויף'ן וועג און דאָס בלאַט, וואָס פאַלט אַראָב פון בוים, פרעג דעם לעבען'ס רעטזועלהאַפטען גאָט; וואָרים קיין אַנדערער ווייסט ניט פון אַזעלכע זאַכען. זי האָט איהם גאָרנישט געגעבען, ניין, גאָרנישט האָט זי איהם געגעבען, און ער האָט איהר פונדעסטוועגען דאָך געדאַנקט. זי האָט געזאָגט: גיב מיר דיין פריעדען און דיין פערשטאַנד! און ער האָט זיך בלויז מצער געווען, וואָס זי האָט ניט ביי איהם זיין לעבען געבעטען.

און זיין מיידעל איז אַריינגעזעצט געוואָרען אין טהורם...

וואָס טהוסט דו, מיידעל, דו זיצסט גאָר און שמייכעלסט?

איך טראַכט וועגען עפּעס, וואָס האָט געטראָפען מיט צעהן יאָהר צוריק. דאַן האָב איך זיך מיט איהם בעגעגענט.

דו דיינקסט נאָך פון איהם?

איך דיינק נאָך פון איהם.

און די צייט פערגעהט...

וואָס טהוסט דו, מיידעל, און פאַרוואָס זיצסט דו און שמייכעלסט?

כ'נעה אויס זיין נאָמען אויף אַ טיכעל.

וועמעס נאָמען? דעם נאָמען פון דעם, וואָס האָט דיך איינגעשפאַרט?

יאָ, דעם נאָמען פון דעם, מיט וועמען איך האָב זיך פאַר צוואַנציג יאָהרען בעגעגענט.

דו דיינקסט נאָך פון איהם?

איך דיינק פון איהם אַזוי ווי פריהער.

און די צייט פערגעהט...

וואָס טהוסט דו, געפאַנגענע?

כ'ווער אַלט און זעה שוין מעהר ניט ווי צו נעהען, כ'קראַץ אַראָב דעם קאַלך פון דער וואַנד. פון'ם קאַלך קנעט איך אויס אַ קריגעל פאַר איהם, אַ קליינע מתנה פאַר איהם.

פון וועמען רעדסט דו?

פֿון מיין געליעבטען, וואָס האָט מיך פֿערשפּאַרט אין טהורם.

וואָס זשע, דו שמייכעלסט גאָר דעריבער, וואָס ער האָט דיך איינגעשפּאַרט?

כ'קלעהר וועגען דעם, וואָס ער וועט פֿאָרט זאָגען דערצו. אַיי, אַיי, וועט ער זאָגען, מיין געליעבטע האָט מיר געשיקט אַ קליין קריגעלע, זי האָט מיך אין דרייסיג יאָהר ניט פֿערגעסען.

און די צייט פֿערגעהט...

וואָס זשע, געפֿאַנגענע, דו זיצסט און טהוסט גאָרנישט, און דו שמייכעלסט?

כ'ווער אַלט, כ'ווער אַלט, מיינע אויגען זיינען בלינד, איך דיינק נור. פֿון יענעם, מיט וועמען דו האָסט זיך פֿאַר פֿערציג יאָהרען בעגעגענט?

פֿון יענעם, מיט וועמען איך האָב זיך בעגעגענט, ווען איך בין געווען יונג. פֿילייכט איז שוין פֿערציג יאָהר אין דעם.

אָבער דו ווייסט דען ניט, אַז ער איז טויט? וואָס זשע, דו ווערסט בלייך, אַלטע, דו ענטפֿערסט ניט, דיין מויל איז וויים, דו אָטהעמסט שוין מעהר ניט...

זעהסט, דאָס איז געווען די מערקווירדיגע לעגענדע וועגען דעם מיידעל אין טהורם. וואַרט אַ ווײַלע, עזאָפּ, כ'האָב עפּעס פֿערגעסען: איין טאָג האָט זי דערהערט די שטימע פֿון איהר געליעבטען אויף'ן הויף, און זי איז געפֿאַלען אויף די קניע און איז רויט געוואָרען. זי איז דאַן אַלט געווען פֿערציג יאָהר...

איך בין דיך מקבר, עוואַ, און קוש אין אונטערטהעניגקייט דעם זאַמד אויף דיין גרוב. אַ פֿולע רויזענרויטע עראינערונג נעהמט דורך מיין נשמה, ווען איך דיינק פֿון דיר; כ'בין ווי איבערפֿלייצט פֿון גליק, ווען איך דערמאָן זיך אָן דיין שמייכעל. דו האָסט געגעבען אַלצדינג, אַלעס האָסט דו געגעבען, און עס האָט דיך קיין שום אויפּאָפּפֿערונג ניט געקאָסט; וואָרים דו ביסט געווען דעם לעבען'ס אייגענסטעס, בערווישענדסטעס קינד. נאָר אַנדערע, וועלכע שפּאָרען און זיינען קאַרג אויף אַ בליק אפילו, זיי קענען האָבען מיין גאַנצען געדאַנק. פֿאַר־וואָס? פֿרעג די צוועלף חדשים פֿון יאָהר און די שיפֿען אויף'ן ים, פֿרעג דעם האַרצען'ס רעטזעלהאַפֿטען גאָט...

XXXIV.

אַ מאַן רופֿט זיך אָב:

„וואָס זשע, איהר שיסט שוין מעהר ניט? עזאָפּ לויפֿט אַרום אַליין אין וואַלד, ער יאָגט זיך נאָך אַ האָז."

כ'האָב געענטפֿערט:

„געהט און שיסט איהם פֿאַר מיר."

עטליכע טעג זיינען אַריבער, הערר מאַק האָט מיך אויפֿגעזוכט, ער האָט געהאַט אַ פֿוסטען בליק, זיין געזיכט איז געווען גראָה. כ'האָב געקלערט ביי זיך: ווי איז דאָס, קען איך טרעפֿען, וואָס עס טהוט זיך ביי מענשען אין האַרצען אָדער ניט? איך וויים ווירקליך ניט וואָס צו ענטפֿערן דערויף.

הערר מאַק האָט גערעדט מכח דעם אַרונטערפֿאַלען פֿון'ם פֿעלז, וועגען דער קאַטאַסטראָפֿע. ס'איז געווען אַן אונגליק, אַ טרוי־עריגער צופֿאַל, איך בין גאָר ניט שולדיג געווען אין דעם.

איך האָב געזאָגט:

„אויב עס איז געווען אימיצער, וואָס האָט ניט אַנדערש נאָר געוואָלט צושיידען עוואַ'ן און מיך, טאָ האָט ער דערגרייכט זיין ווונש. זאָל איהם גאָט שטראָפֿען דערפֿאַר!"

הערר מאַק האָט מיר צוגעוואָרפֿען אַ גנב'ישען, פֿערדעכטיגען בליק. ער האָט עפּעס געמורמעלט וועגען דער שעהנער לויה, ביי וועלכער ס'איז קיין זאַך ניט געשפּאָרט געוואָרען.

כ'האָב בעוואונדערט זיין גרויסע געשיקטקייט.

ער האָט ניט געוואָלט קיין שום שאָדען־ערזאַץ פֿאַר דאָס שי־פֿעל, וואָס איז צושמעטערט געוואָרען בעת'ן אונגליק.

„יאָ,‟ האָב איך געזאָגט, „איהר ווילט ווירקליך ניט נעהמע קיין געצאָהלט פאַר דאָס שפּעל און פאַר'ן עמער מיט סמאָלע, פאַר'ן בערשטעל...?‟

„ניין, בעסטער הערר לייטענאַנט,‟ האָט ער געענטפערט, „ווי קען דאָס אייך גאָר אַרויפקומען אויף'ן זינען!‟ און ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט אויגען פול האַס.

דריי וואָכען צייט האָב איך עדוואַרדאַ'ן ניט געזעהן. נאָר וואַרט — איין מאָל; כ'האָב זי געטראָפען אין קראָם, וואו איך בין אַריינגעקומען קויפען ברויט; זי איז געשטאַנען הינטער'ן פערקויף־טיש און האָט זיך געראָיעט אין פערשיעדענע שטאָפען. אַחוץ איהר איז קיין אַנדערער ניט געווען אין קראָם, נור די צוויי קאָמיס.

כ'האָב געגריסט הויך אויף'ן קול, און זי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ קוק געטהאָן אויף מיר, נאָר זי האָט פונדעסט-וועגען ניט געענטפערט. דאָ איז מיר איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז איך זאָל פאַר איהר אין די אויגען ניט פערלאַנגען קיין ברויט; כ'האָב זיך געווענדט צו די קראָם־יונגען און פערלאַנגט גרויפען און פולווער. אין דער צייט, וואָס דאָס איז אָבגעוואויגען געוואָרען, האָב איך ניט אַראָבגענומען קיין אויג פון איהר.

אַ גראָהע און זעהר איינג קלייד מיט אָבגעריבענע קנעפּ-לעכער; די פלאַכע ברוסט האָט זיך שטאַרק געהויבען אַרויף און אַראָב. ווי זי איז דאָס אַביסעל אויסגעוואַקסען אין פערלויף פון זומער! איהר שטערן האָט געאַרבייט, אָט די מערקווירדיגע, געדרעהטע ברעמען זיינען געזעסען אין איהר געזיכט אַזוי ווי צוויי רעטענישען, אַלע איהרע בעוועגונגען זיינען עפּעס צייטיגער געוואָרען. כ'האָב אַ קוק געטהאָן אויף איהרע הענד, דער אויסדרוק אין די לאַנגע, פיינע פינגער האָט געמאַכט אויף מיר אַ געוואַלטיגע ווירקונג און האָט מיך איינפאַך צוטרייסעלט. זי האָט זיך נאָך אַלץ געראָיעט אין די שטאָפען.

כ'בין געשטאַנען און האָב געוואונשען, אַז עזאָפּ זאָל צולויפען הינטער'ן פערקויף־טיש, גלייך צו איהר, און זאָל זי דערקענען, דאַן וואָלט איך איהם תיכף אויף'ן שטעל אַ רוף געטהאָן צו מיר און געבעטען ענטשולדיגונג; וואָס וואָלט זי דאַן געענטפערט?

„ביטע, דאָ האָט איהר אייערע פעקלאַך!" האָט דער קאָמי געזאָגט.

כ'האָב בעצאָהלט, גענומען מיינע פעקלאַך און ווידער אַמאָל געגריסט. זי האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, האָט אָבער איצט אויך ניט געענטפֿערט. זאָל זיין אַזוי! האָב איך זיך געטראַכט; זי איז שוין פֿילייכט דעם באַראָן'ס כלה. און איך בין אַוועק אָהן ברויט.

אַז איך בין געווען אויף דרויסען, האָב איך געוואָרפֿען אַ בליק אַרויף צום פֿענסטער. קיינער האָט מיר ניט נאָכגעקוקט.

XXXV.

דאַן איז איינמאָל ביינאַכט אַראָב דער שנעע, און ביי מיר אין שטיבעל האָט אָנגעהויבען ווערן קיהל. ס'איז אפילו געווען אן אויוועלע דאָרט, אויף וועלכען איך האָב געקאָכט מיין עסען, נאָר דאָס האָלץ האָט געברענט שלעכט, און דורך די ווענד האָט שטאַרק געצויגען, כאָטש איך האָב זיי פֿערקלעפּט, אַזוי גוט ווי איך האָב נור געקענט. דער הערבסט איז אַריבער, און די טעג זיינען געוואָרען קורץ. דער ערשטער שנעע איז נאָך צוגאַנגען אין דער זונן, און די ערד איז ווידער געלעגען אַ נאַקעטע; אָבער די נעכט זיינען געווען קאַלט, און דאָס וואַסער איז פֿערפֿרוירען געוואָרען. און דאָס גאַנצע גראָז און אַלע אינזעקטען זיינען אָבגעשטאָרבען.

אַ געהיימניספֿולע שטילקייט האָט זיך געלייגט איבער די מענשען, זיי האָבען זיך געגריבעלט אין זיך און געשוויגען, זייערע אויגען האָבען אַרויסגעקוקט אויף'ן ווינטער. פֿון'ם טרוקען־אינזעל איז שוין מעהר ניט אַריבערגעקומען קיין שום גערויש, קיין מענשען־שטימע, און דער האַפֿען איז זיך געלעגען רוהיג; אַלעס האָט זיך געצויגען צו דער צפון־ליכטיגער נאַכט, די זונן איז געשלאָפֿען אין ים. טעמפּ, האַלב־פֿערשטיקט האָט געקלונגען דאָס רודערן פֿון אַן איינזאַמען שיפֿעל.

אַ מיידעל האָט צוגערודערט צום ברעג.

„וואו ביסט דו געווען, מיין קינד?"

„אין ערגעץ ניט."

„אין ערגעץ ניט? הער נאָר, דו, כ'דערקען דיך דאָך, זומערצייט האָב איך זיך מיט דיר בעגעגענט."

זי קומט צו צום ברעג, געהט אַרוים אויף דער יבשה און בינדט צו דאָס שיפעל.

„דו ביסט געווען אַ פּאַסטושקע, האָסט געשטריקט אַ זאָק, איינמאָל בײנאַכט האָב איך זיך מיט דיר בעגעגענט.“

אַ לייכטע רויטקייט ווייזט זיך ביי איהר אויף די באַקען, און זי לאַכט אין פערלעגענהייט.

„מיין קליינער אוצר, קום אַריין אין שטיבעל און לאָמיך דיך אָנקוקען. דו הייסט דאָך הענריעטע.“

אָבער שטיל, אָהן אַ וואָרט אויסצורײדען, געהט זי מיר פערביי. דער הערבסט, דער ווינטער האָט זי געפּאַקט; שוין זיינען איהרע חושים איינגעשלאָפען.

שוין איז די זונן אַריין אין ים.

XXXVI.

און צום ערשטען מאָל האָב איך אָנגעטהאָן מיין אוניפאָרם און בין אַרונטער נאָך סירילונד. מיין האַרץ האָט געקלאַפּט. כ'האָב געטראַכט מכח אַלצדינג פון יענע ערשטע טעג, ווען עדוואַרדאַ איז צוגעלאָפען צו מיר און האָט מיך פאַר אַלעמען אין די אויגען אומ־אַרעמט; אַצונד האָט זי מיך אַזויפיעל מאָנאַטען נאָכאַנאַנד אַרומ־געוואָרפען אַהער און אַהין און געמאַכט, אַז מיינע האָר זיינען גראָה געוואָרען. מיין אייגענע שולד? נו יאָ, מיין שטערן, מיין מזל האָט מיך פערפיהרט. כ'האָב געקלעהרט ביי זיך; ווי וועט עס איהר דערפרעהען, ווען איך וועל זיך פאַר איהר אַנידערוואַרפען אויף דער ערד און איהר היינט אַרויסגעבען דעם סוד פון מיין האַרצען. זי וועט מיר אָנבאָטען אַ שטוהל און וויין וועט זי הייסען ברייגנען, און פונקט אין דער רגע, ווען זי נעהמט דאָס גלאָז צום מויל, כדי מיט מיר צו טרינקען, וועט זי זאָגען: הערר לייטענאַנט, איך' דאַנק אייך פאַר דער ווילע, וואָס מיר זיינען געווען צוזאַמען, כ'וועל אייך קיינמאָל ניט פערגעסען! נאָר אַז איך וועל זיך דאן פרעהען און ביי מיר אין האַרצען וועט זיך יאַווען אַ שטיקעל האָפנונג, וועט זי זיך מאַכען ווי זי טרינקט און אַוועקשטעלען דאָס גלאָז אונבעריהרט. און זי וועט זיך גאָרנישט בעהאַלטען דערמיט, וואָס זי מאַכט זיך, אַז זי טרינקט; גראָד פערקעהרט, זי וועט עס מיר אַרויסווייזען. אָט אַזוי איז זי.

גוט, אָט שלאָגט באַלד די לעצטע שעה!

און אויף'ן וועג געהענדיג האָב איך ווייטער געטראַכט: מיין אוניפאָרם וועט געוויס מאַכען אַן איינדרוק אויף איהר; די עפּאָלעטען

ווינען ניי און שעהן, דאָס שווערד וועט מאַכען אַ געראָויש, זיך שלעפענדיג איבער דער פּאָדלאָגע. אַ נערוועזע פרייד נעהמט מיך דורך און דורך, און איך שעפּטשע צו זיך אַליין: ווער ווייס, וואָס עס קען נאָך געשעהן! כ'האָב אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ מאַך געטהאָן מיט דער האַנד. קיין ערנידעריגונג, קיין אונטערוואָרפענקייט מעהר, ביי מיין עהרע! ס'איז מיר אַלצאיינס, ווי עס געהט, כ'וועל מעהר ניט מאַכען קיין שום פּערזוך זיך צו דערנעהנטערן צו איהר. ענטשולדיגט, וואָס איך שרכן זיך ניט צו אייך, שעהן פריילייז...

הערר מאַק איז מיר אַנטקעגנען געקומען אויף'ן הויף. זיין געזיכט איז נאָך געווען גראָער און זיינע אויגען נאָך פוסטער ווי דאָס פריהערדיגע מאָל.

„פאָהרען? נו יאָ, ס'איז אייך אין דער לעצטער צייט ניט צו גוט געגאַנגען דאָ, ווי? אייער שטיבעל איז אָבגעבּרענט געוואָרען."

און הערר מאַק האָט אַ שמייכעל געטהאָן.

מיט אַמאָל איז מיר עפּעס פאָרגעקומען, אַזוי ווי איך וואָלט פאַר מיר געזעהן דעם קליגסטען מאַן אויף דער וועלט.

„געהט אַריין, הערר לייטענאַנט, עדוואַרדאַ איז אין דערהיים. יאָ, פאָהרט געזונד. איבעריגענס וועלען מיר זיך נאָך מין הסתם טרעפען אויף דער לאַנדונגס־בריק, ווען דאָס שיף וועט אָבגעהן."

און ער איז אַוועק מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ, פערטראַכט, פייפענדיג.

עדוואַרדאַ איז געזעסען אין צימער, זי האָט געלייענט. אַז איך בין אַריינגעקומען, איז זי אַ רגע געבליבען אַן איבערראַשטע פון מיין אוניפאָרם, זי האָט מיך אָנגעקוקט פון דער זייט אַזוי ווי אַ פויגעל און איז זאָגאַר רויט געוואָרען. זי האָט געעפענט דאָס מויל.

„איך קום, אייך זאָגען אַדיע," האָב איך ענדליך אַרויסגעבראַכט.

זי האָט זיך מיט איין מאָל אויפגעהויבען, און איך האָב געזעהן, אַז מיינע ווערטער האָבען געמאַכט אויף איהר אַ שטיקעל רושם.

„גלאַהן, איהר ווילט אָבפאָהרען פון דאַנען? איצט?"

„אַזוי גיך ווי דאָס שיף קומט." כ'נעהם אָן איהר האַנד, איהרע

ביידע הענד, אַ נאַרישע ענטציקונג בעהערשט מיך, איך שריי אויס: „עדוואַרדאַ!" און קוק זי אָן.

און אין דער זעלבער רגע איז זי קאַלט, קאַלט און צו-להכעיס'-דיג. אַלעס אין איהר האָט מיר געטהאָן צו להכעיס, זי האָט זיך אויסגעשטרעקט אין איהר גאַנצער הויך. איך בין געשטאַנען פאַר איהר ווי אַ בעטלער, כ'האָב אָבגעלאָזען איהרע הענד און זי בע־פרייט. כ'קען זיך נאָך דערמאָנען, אַז איך בין פון דער רגע אָן געשטאַנען און האָב מעכאַניש איבערגעזאָגט: עדוואַרדאַ! עד־וואַרדאַ! עטליכע מאָל, גאָר ניט נאָכדיינקענדיג דעריבער; און אַז זי האָט מיר ענדליך אַ פרעג געטהאָן: „יאָ, וואָס ווילט איהר זאָגען?" האָב איך גאָרנישט געענטפערט דערויף.

„זעהט, איהר פאָהרט שוין טאַקע אָב!" האָט זי נאָך אַמאָל געזאָגט. „ווער וועט אַלזאָ קומען איבער־אַ־יאָהר?"

„אַן אַנדערער," האָב איך געענטפערט. „דאָס שטיבעל ווערט דאָך צוריק אויפגעבויט."

פויזע. זי האָט זיך שוין גענומען צו איהר בוך.

„איך בעדויער, וואָס מיין פאָטער איז ניט אין דערהיים," האָט זי געזאָגט. „אָבער איך וועל איהם אָבגעבען אַ גרוס פון אייערטוועגען."

דערויף האָב איך ניט געענטפערט. כ'בין צוגעגאַנגען אַביסעל נעהענטער, האָב נאָך אַמאָל אָנגענומען איהר האַנד און געזאָגט:

„יאָ, זייט געזונד, עדוואַרדאַ."

„פאָהרט געזונד," האָט זי געענטפערט.

כ'האָב געעפענט די טהיר און זיך געמאַכט, ווי איך געה אַרויס. שוין איז זי געזעסען מיט'ן בוך אין דער האַנד, און זי האָט געלייענט, ווירקליך געלייענט און געמישט די בלעטער. מיין געזעגענען זיך האָט אויף איהר ניט געמאַכט קיין איינדרוק, גאָר קיין איינדרוק ניט.

כ'האָב אַ הוסט געטהאָן.

זי האָט זיך אומגעקעהרט און איבערראַשט געזאָגט:

„וואָס זשע, איהר זייט נאָך דאָ? מיר האָט זיך געדוכט, אַז איהר זייט שוין אַוועק."

גאָט אַליין קען עס וויסען, נאָר איהר איבערראַשונג איז גע־ווען צו גרויס, זי האָט גאָר ניט געהאַט בדעה זיך אויסהיטען פאַר־

מיר, נאָר פֿערקעהרט, זי האָט נאָך איהר ערשטווינונג געמאַכט גרעסער, ווי עס האָט אין דער ווירקליכקייט געקענט זיין, און מיר איז אַרויף אַ געדאַנק אויף'ן זינען, אַז זי האָט אפשר גאָר די גאַנ-צע צייט געוואוסט, אַז איך בין געשטאַנען הינטער איהר.

„אַצונד וועל איך געהן," האָב איך געזאָגט.

דאָ האָט זי זיך אויפֿגעהויבען און איז צוגעקומען צו מיר.

„כ'וואָלט גערן געוואָלט האָבען אַן אָנדיינקען, אַן ערא‏ינערונג אָן אייך, אויב איהר פֿאָהרט איצט אָב," האָט זי געזאָגט. „כ'האָב געהאַט אין זינען ביי אייך בעטען עפעס, נאָר דאָס איז דאָך צו־פֿיעל. ווילט איהר מיר געבען עזאָפֿ'ן ?"

כ'האָב זיך ניט בעטראַכט, נאָר איינפֿאַך געענטפֿערט יאָ.

„דאַן וועט איהר מיר איהם פֿילייכט מאָרגען קענען ברייגנען," האָט זי געזאָגט.

כ'בין אַרויסגעגאַנגען.

כ'האָב אַרויפֿגעקוקט צום פֿענסטער. קיינער איז דאָרט ניט געווען.

אַצונד איז אַלעס געווען פֿערביי...

די לעצטע נאַכט אין שטיבעל. כ'האָב זיך געגריבעלט אין זיך ; כ'האָב געצעהלט די שטונדען ; אַז עס איז געוואָרען טאָג, האָב איך צוגעגרייט מיין לעצטע מאָהלצייט. ס'איז געווען אַ קאַל-טער טאָג.

פֿאַרוואָס האָט זי מיך געבעטען, איך זאָל איהר אַליין ברייג־גען דעם הונד ? האָט זי געוואָלט מיט מיר ריידען, מיר צום לעצ-טען מאָל עפעס זאָגען ? כ'האָב שוין מעהר גאָרנישט געהאַט וואָס צו ערוואַרטען. און ווי וועט זי בעהאַנדלען עזאָפֿ'ן ? עזאָפֿ, עזאָפֿ, זי וועט דיך מוטשען ! צוליעב מיר וועט זי דיך שמייסען, אפשר אויך לאַסטשען און גלעטען, אָבער יעדענפֿאַלס וועט זי דיך שמיי־סען, ווען מען דאַרף און ווען מען דאַרף ניט, און דיך שלאָגען צום טויט......

כ'האָב אַ רוף געטהאָן עזאָפֿ'ן צו מיר, איהם געגלעט, צו־נויפֿגעלייגט אונזערע קעפ צוזאַמען און גענומען מיין ביקס אין דער האַנד. פֿאַר פֿרייד האָט ער שוין אָנגעהויבען וואויען און האָט

געמיינט, אַז מיר געהען אַרויס אויף דער יאַגד. כ'האָב ווידער צונויפ-געלייגט אונזערע קעפּ צוזאַמען, אָנגעשטעלט דעם ביקס מיט'ן מויל אויף עזאָפּ'ס נאַקען און אָבגעדריקט.

כ'האָב געדונגען אַ מאַן, וועלכער האָט אַוועקגעטראָגען עזאָפּ'ס טויטען קערפּער צו ערוואַרראַ'ן.

XXXVII.

אין פֿערלויף פֿון נאָכמיטאָג האָט דאָס פּאָסט-שיף געזאָלט אָבגעהן.

איך בין אַרונטער צו דער לאַנדונגס-בריק, מיינע זאַכען זיינען שוין געווען אויף'ן שיף. הערר מאַק האָט מיר געדריקט די האַנד און מיר געגעבען מוטה, זאָגענדיג, אז איך וועל האָבען אַ גוט וועטער, אַן אַנגענעהם וועטער, ער וואָלט גאָרנישט געהאַט דאַגעגען, אַליין צו מאַכען אַ רייזע ביי אַזאַ וועטער. דער דאָקטאָר איז געקומען, און עדוואַרדאַ מיט איהם; כ'האָב געפֿיהלט, אַז מיינע קניע הויבען אָן ציטערן.

„מיר ווילען דאָך אייך בעגלייטען ביז'ן שיף," האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

און איך האָב געזאָגט אַ דאַנק.

עדוואַרדאַ האָט מיר אַריינגעקוקט גלייך אין פנים אַריין און געזאָגט:

„כ'מוז אייך אָבגעבען אַ דאַנק פֿאַר אייער הונד." און דערביי האָט זי פֿערשלאָסען דאָס מויל. די ליפּען זיינען געווען ווייס.

„ווען געהט אָב דאָס שיף?" האָט דער דאָקטאָר אַ פֿרעג געטהאָן אַ מאַן.

„אין אַ האַלב שעה אַרום."

איך האָב גאָרנישט געזאָגט.

עדוואַרדאַ האָט זיך געדרעהט אַן אויפֿגערעגטע אַהין און אַהער.

„דאָקטאָר, מיינט איהר ניט, אַז מיר קענען שוין געהן אַהיים?" האָט זי געפֿרעגט. „איך האָב געטהאָן, וואָס מיין געשעפֿט איז געווען."

„איהר האָט בעזאָרגט אייער געשעפֿט," האָט זיך דער דאָקטאָר אָבגערופֿען.

זי האָט זיך געפֿיהלט ערנידעריגט דורך זיינע איבּיגע אויסבּע-סערונגען, נאָר זי האָט כלומר'שט געלאַכט און געענטפֿערט:

„נו יאָ, ס'איז דען ניט אונגעפֿעהר דאָסזעלבּע, וואָס איך האָבּ געזאָגט?"

„ניין," האָט ער געענטפֿערט קורץ און שאַרף.

כ'האָבּ אַ קוק געטהאָן אויף איהם. דער קליינער מאַן איז געשטאַנען קאַלט און פֿעסט; ער האָט זיך געמאַכט אַ פּלאַן און געהאַנדעלט לויט דעם ביז אויף דאָס סאַמע לעצטע. און אַשטייגער אַז ער זאָל ניט קוקענדיג דערויף דאָך פֿערלירען? וואָלט ער עס דאָך ניט אַרויסגעוויזען; זיין געזיכט האָט זיך קיינמאָל ניט פֿער-צויגען.

ס'האָט אָנגעהויבּען ווערן פֿינסטערלאַך.

„נו, זייט מיר געזונד," האָבּ איך זיך אָבּגערופֿען, „און אַ דאַנק פֿאַר יעדען טאָג!"

עדוואַרדאַ האָט מיך אָנגעקוקט, ניט אויסריידענדיג קיין האַל-בּען וואָרט. דערנאָך האָט זי אָבּגעקעהרט דעם קאָפּ און איז גע-בּליבּען שטעהן און געקוקט צום שיף.

כ'בּין אַריין אין דעם קליינעם שיפֿעל. עדוואַרדאַ איז נאָך גע-שטאַנען בּיים האַפֿען. אַז איך בּין שוין געווען אויף'ן שיף, האָט דער דאָקטאָר אַ געשריי געטהאָן: „פֿאָהרט געזונד!"

כ'האָבּ אַ קוק געטהאָן אויף דער יבשה; אין דערזעלבּער רגע האָט זיך עדוואַרדאַ אומגעדרעהט און איז אַוועק פֿון האַפֿען, אַהיים; זי איז געגאַנגען האַסטיג, דער דאָקטאָר איז געווען אַ היבּשע שטרעקע הינטער איהר.

דאָס איז געווען דאָס לעצטע, וואָס איך האָבּ פֿון איהר געזעהן.

אַ כוואַליע פֿון טיעפֿען שמערץ איז מיר אַריבּער איבּער'ן האַרצען...

דאָס שיף האָט אָנגעהויבּען געהן; כ'האָבּ נאָך געזעהן הערר מאַק'ס שילד: סקלאַד פֿון זאַלץ און ליידיגע פֿעסער; אָבּער בּאַלד איז עס פֿערשוואונדען. די לבנה און די שטערען זיינען אַרויס-געקומען, די בּערג האָבּען זיך אויפֿגעהויבּען אַרום און אַרום, און איך האָבּ געזעהן די וועלדער אָהן אַ סוף. ד אָ ר ט שטעהט די

מיהל, ד אָ ר ט, ד אָ ר ט איז געווען מיין שטיבעל, וואָס איז אָב־געברענט געוואָרען; דער הייכער, גראָער שטיין שטעהט איינזאַם אויף דעם בראַנד־פּלאַץ. איזעלין, עוואַ...

די צפון־ליכטיגע נאַכט שפּרייט זיך אויס איבער באַרג און טהאָל.

XXXVIII.

דאָס אַלעס האָב איך געשריבען, כדי מיר די צייט צו פֿער־טרייבען. ס'האָט מיר פֿערשאַפֿט פֿערגניגען זיך צו דערמאָנען אָן דעם זומער אין צפון-לאַנד, ווייל איך פֿלעג דאָרט אָפֿטמאָל צעהלען די שטונדען, און די צייט איז פֿונדעסטוועגען פֿאָרט פֿערפֿלויגען. אַצונד האָט זיך אַלעס גענענדערט, די טעג ווילען זיך גאָרניט ענדיגען.

ס'מאַכט זיך מיר אָפֿט, אַז איך האָב אַ לוסטיגע שעה, נאָר די צייט, די שטעהט אויף אַן אָרט, און איך קען גאָר ניט בעגריי־פֿען, ווי אַזוי זי קען שטעהן אַזוי אויף אַן אָרט. איך בין אַ צוריק־געצויגענער מיליטער־מאַן, און פֿריי ווי אַ קעניג, אַלעס געהט גוט, כ'קום זיך צונויף מיט מענשען, פֿאָהר אין וואָגען; צייטענווייז פֿער־מאַך איך איין אויג און הויב אויף דעם צייג־פֿינגער צום הימעל, כ'קיצעל דער לבנה אונטער דער מאָרדע, און מיר דוכט זיך, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט געלאַכט, פֿון גאַנצען האַרצען געלאַכט פֿאַר נאַ־רישער פֿרייד, וואָס מען קיצעלט איהר אונטער דער מאָרדע. אַלעס שמייכעלט. איך עפֿען אַ פֿלאַש, די פּראָפּקע שפּרינגט אַרויף מיט אַ קנאַק אין דער לופֿטען, און איך רוף פֿרעהליכע מענשען צום טרונק.

וואָס איז שייך צו עדוואַרדאַ'ן, דיינק איך ניט פֿון איהר. פֿאַר־וואָס זאָל איך זי דען ניט האָבען אין גאַנצען פֿערגעסען אין אָט דער לאַנגער צייט? נישקשה, כ'האָב נאָך עהרען־געפֿיהל אין זיך. און טאָמער פֿרעגט מיך אימיצער, צי איך האָב וואָס פֿאַר עס איז זאָרגען, ענטפֿער איך מיט איין מאָל ניין, איך האָב ניט קיין זאָרגען...

קאָראַ ליגט און קוקט מיך אָן, דער זייגער שטעהט אויף'ן קאַמין און קלאַפּט זיך זיין טיק־טיק, דורך מיינע אָפֿענע פֿענסטער קומט אַריין דער ליאַרם פֿון דער שטאָדט. מען קלאַפּט אָן אין טהיר,

און דער פּאָסט־טרעגער דערלאַנגט מיר אַ בריעף. דער בריעף טראָגט אויף זיך אַ קרוין. כ׳ווייס, פֿון ווענען עס איז; כ׳פֿערשטעה עס גלייך אויף׳ן שטעל, אָדער פֿילייכט האָט זיך עס מיר גע׳חלום׳ט. נאָר אין בריעף שטעהט גאָרנישט געשריבען, עס ליגען בלויז צוויי גרינע פֿויגעל־פֿעדערן אין איהם.

אַן אייזיגע מורא נעהמט מיך דורך, ס׳ווערט מיר קאַלט. צוויי גרינע פֿויגעל־פֿעדערן! זאָג איך צו מיר אַליין. נו, וואָס טהוט מען דערמיט! אָבער פֿאַרוואָס ווערט מיר קאַלט? זעה נור, פֿון די פֿענסטער דאָרט קומט אַ פֿערדאַמטער צוג.

און איך פֿערמאַך די פֿענסטער.

דאָ ליגען אַלזאָ צוויי פֿויגעל־פֿעדערן, טראַכט איך ווייטער; מיר דוכט, איך דאַרף זיי קענען, זיי דערמאָנען מיר אָן אַ קליינעם שפּאַס אויבען אין צפון לאַנד, אָן אַזאַ קליינער פּאַסירונג צווישען אַסך אַנדערע פּאַסירונגען; וואָס פֿאַר אַ זעלטענער פֿערגניגען עס איז געווען, זיך ווידער צו זעהן מיט די צוויי פֿעדערן! און פּלוצלינג קומט מיר פֿאָר, עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט געזעהן אַ געזיכט און געהערט אַ שטימע; און די שטימע זאָגט: ביטע, הערר לייטענאַנט, דאָ האָט איהר אייערע פֿויגעל־פֿעדערן......

אייערע פֿויגעל־פֿעדערן......

קאָראַ, שטיל זאָלסט דו מיר ליגען, דו הערסט? כ׳דערשלאָג דיך אויף טויט, אַז דו וועסט זיך ריהרען פֿון אָרט! דאָס וועטער איז וואַרם, ס׳איז אַן אונערטרעגליכע היץ; וואָס איז דאָס פֿאָרט געוועזן פֿאַר אַן איינפֿאַל פֿון מיר צו פֿערמאַכען די פֿענסטער! אויף מיט די פֿענסטער, אויף מיט דער טהיר, אַהער, איהר פֿרעהליכע מענשען, קומט אַריין! היי, דיענער, ווילט איהר געהן פֿאַר מיר אַ גאַנג...

דאָס אַלעס האָב איך געשריבען בלויז פֿון מיין פֿערגניגען וועגען, און איך האָב מיך דערביי אַמוזירט, אַזוי גוט ווי ס׳האָט זיך געלאָזט. קיין שמערץ, קיין קומער דריקט ניט מיין האַרץ, ס׳ציהט מיך נור אַוועק, אַוועק; וואוהין ווייס איך ניט, נאָר ווייט אַוועק, פֿילייכט קיין אַפֿריקאַ, קיין אינדיען; וואָרים איך געהער צו די וועלדער און צו דער איינזאַמקייט.

גלאַהן'ס טויט.

א פאפיר פון'ם יאהר 1861.

I.

די פֿאַמיליע גלאַהן קען אַרויסלאָזען וויפֿיעל אויפֿרופֿען זי וויל אין די צייטונגען מכח דעם פֿערשוואונדענעם לייטענאַנט טהאָמאַס גלאַהן; ער וועט שוין קיינמאָל ניט צוריקקומען, ווארים ער איז טויט, און איך וויים אפילו, ווי אַזוי ער איז געשטאָרבען.

עהרליך גערעדט, וואונדערט מיך גאָר ניט, פֿאַרוואָס זיין פֿאַמיליע האַלט אַזוי אין איין נאָכפֿאָרשען נאָך איהם; ווארים טהאָמאַס גלאַהן איז אין אַסך פרטים געווען אַן אונגעוועהנליכער, יאָ, אַ בעליעבטער מאַן. דאָס בין איך מודה, פֿון גערעכטיגקייט וועגען, און דאָס, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס איך האָב איהם נאָך איצט פֿיינט און די עראינערונג אָן איהם דערוועקט מיין האַס. ער האָט אויסגעזעהן גרויסאַרטיג, איז געווען פֿול מיט יוגענד און האָט געהאַט אין זיך אַ פֿערפֿיהרערישע קראַפֿט. אַז ער פֿלעגט אימיצען אָנקוקען מיט זיין הייסען בליק פֿון אַ חיה, האָט מען געמוזט דערפֿיהלען זיין מאַכט, זאָגאַר איך האָב זי געפֿיהלט. אַ דאַמע, הייסט עס, האָט וועגען איהם אַמאָל געזאָגט: אַז ער גיט אַ קוק אויף מיר, ווער איך אַ צומישטע; איך פֿיהל בעת מעשה, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט מיך אָנגעריהרט.

אָבער טהאָמאַס גלאַהן האָט זיך געהאַט זיינע פֿעהלערן, און איך האָב ניט ברעה זיי צו האַלטען בסוד, מחמת איך האָב איהם פֿיינט. צייטענווייז האָט ער זיך געקענט נאַריש מאַכען ווי אַ קינד, אַזוי פֿריינדליך איז ער געווען, און פֿילייכט האָט זיך דאָס דערפֿון טאַקע גענומען, וואָס ער פֿלעגט אַזוי בעצויבערן די פֿרויען, ווער קען עס וויסען? ער האָט געקענט זיצען און פלוידערן מיט די פֿרויען און לאַבען און גאָר אָנקוועלען פֿון זייער פוסטען אונזינן, דערפֿאַר

האָט ער געמאַכט אויף זיי אַן איינדרוק. ער האָט אַמאָל געזאָגט ווענן אַ זעהר פֿולען און דיקען מאַן אין שטאָדט, אַז ער זעהט אויס, אָקו־ראַט ווי ער וואָלט געהאַט פֿולע הויזען מיט שמאַלץ, און איבער דעם דאָזיגען וויץ האָט ער אַליין געלאַכט, כאָטש איך וואָלט זיך געשעהמט דערמיט. שפּעטער, ווען מיר האָבען געוואוינט צוזאַמען אין איין הויז, האָט ער אַרויסגעוויזען זיין קינדעריי גאָר אָפֿען: מיין בעל הבית'טע איז איין פֿריהמאָרגען אַריינגעקומען צו מיר אין צימער און האָט געפֿרעגט, וואָס איך וויל האָבען אויף אָנבייסען, און אין איילעניש האָב איך געענטפֿערט: אַן איי און אַ פּענעצעל ברויט. טהאָמאַס גלאַהן איז גראָד געזעסען ביי מיר אין צימער — ער האָט געוואוינט אויף'ן בוידים איבער מיר, האַרט אונטער'ן דאַך — און ער האָט אָנגעהויבען ווי אַ קינד צו לאַכען איבער דעם דאָזיגען אונבעדייטענדען אויסדרוק און זיך צו פֿרעהען דערמיט. אַן איי און אַ פּענעצעל ברויט! האָט ער כסדר געהאַלטען אין איין איבערזאָגען, ביז וואַנען איך האָב געגעבען אַן ערשטוינטען קוק אויף איהם, איז ער אַנשוויגען געוואָרען.

אפשר וועלען מיר שפּעטער אַרויפֿקומען אויף'ן זינען נאָך מעהר לעבערליבע מאַניערען זיינע, און אין דעם פֿאַל וועל איך זיי אויך בעשרייבען און איהם ניט שאַנעווען, מחמת איך בעטראַכט איהם נאָך אַלץ פֿאַר מיין שונא. פֿאַרוואָס זאָל איך עפּעס זיין אידעאל־מוטהיג אַנטקעגען איהם? נאָר דעם אמת וויל איך צוגעבען, אַז נאַרישקייטען האָט ער געפּלאַפּעלט בלויז דאַן, ווען ער איז געווען שכור, און אין ביידע אויבענדערמאָנטע פֿעלע איז ער געווען שטאַרק פֿערקנאַקט. אָבער איז דען שברות אַן און פֿאַר זיך אַליין שוין ניט אַ גרויסער פֿעהלער?

אין הערבסט 1859, ווען איך האָב זיך מיט איהם צונויפֿגעטראָפֿען, איז ער געווען אַ מאַן פֿון צוויי און דרייסיג יאָהר, מיר זיינען ביידע געווען אין איין עלטער. ער האָט דעמאָלט געהאַט אַ באָרד און געטראָגען וואָלענע יאַגד־העמדער, וועלכע זיינען געווען שטאַרק אויסגעשניטען, און פֿונדעסטוועגען פֿלעגט זיך נאָך מאַכען, אַז ער פֿלעגט נאָך דערצו ניט צושפּילען דעם אויבערשטען קנאָפּ. זיין האַלז איז מיר תחילת פֿאָרגעקומען אויסערגעוועהנליך שעהן, אָבער אין אַ

קורצער צייט אַרום האָט ער מיך געמאַכט פֿאַר זיין דם שונא, און דאַן האָב איך שוין ניט געקענט איינזעהן, מיט וואָס זיין האַלז איז דאָס שעהנער איידער מיינער, כאָטש איך האָב ניט געמאַכט אַזאַ וועזען פֿון איהם און איהם ניט אַרויסגעשטעלט מיט אַזאַ ברייטקייט פֿאַר דער וועלט. איך האָב גלאַהן׳ן געטראָפֿען צום ערשטען מאָל אויף אַ טייך־שיפֿעל און בין געפֿאָהרען אויף דער יאַגד אין דעם זעלבען אָרט וואָס ער; מיר האָבען אָבגעמאַכט, אַזוי גיך ווי מיר וועלען אַרויף אויף דער יבשה גלייך אינאיינעם צו פֿאָהרען מיט אַן אָקסען־וואָגען, אויב די אייזענבאַהן וועט אונז ניט קענען פֿיהרען וויי־טער. כ׳מייך מיט אַ כיוון אויס צו דערמאָנען דעם אָרט, וואוהין מיר זיינען געפֿאָהרען, כדי קיינער זאָל ניט קענען קומען אויף די שפור; אָבער די פֿאַמיליע גלאַהן מעג גאַנץ רוהיג אויפֿהערען אַרויסלאָזען אַנאָנסען און אויפֿרופֿען וועגען איהר קרוב; וואָרים ער איז גע־שטאָרבען דאָרט אויף דעם אָרט, וואוהין מיר זיינען געפֿאָהרען, און וועלכען איך וויל דאָ ניט אָנרופֿען.

איבעריגענס האָב איך געהערט ריידען פֿון טהאָמאָס גלאַהן, נאָך איידער איך האָב זיך מיט איהם געטראָפֿען, זיין נאָמען איז מיר ניט געווען אונבעקאַנט. כ׳האָב געהערט, אַז ער איז געשטאַנען אין פֿער־בינדונג מיט אַ יונגער נאָרד־לענדערין פֿון אַ רייכען הויז, און אַז ער האָט זי אויף וואָס פֿאַר עס איז אופֿן קאָמפּראָמיטירט, דערפֿאַר האָט זי איהם געגעבען דעם וועג. אין זיין נאַרישער עקשנות האָט ער דאַן געשוואָרען, זיך נוקם צו זיין דערפֿאַר אָן זיך אַליין, און די דאַמע האָט איהם געלאָזט טהאָן, וואָס איהם האָט זיך געגלוסט, און זי האָט זיך ניט אָנגעהויבען קימערן וועגען דעם. פֿון דאַן אָן איז טהאָ־מאָס גלאַהן׳ס נאָמען ערשט רעכט בעקאַנט געוואָרען, ער האָט אָנ־געגעבען מעשים, ווי אַן אמת׳ער משוגע׳נער, ער פֿלעגט שכור׳ן, מאַכען סקאַנדאַלען, און ענדליך האָט ער זיך צוריקגעצויגען פֿון מי־ליטער. דאָס איז ווירקליך געווען אַ מאָדנער שטייגער, ווי אַזוי זיך נוקם צו זיין, דערפֿאַר וואָס מען האָט געקראָגען דעם וועג!

נאָך אַן אַנדער געשיכטע איז אַרומגעגאַנגען מכח זיין פֿער־העלטנים צו דער יונגער דאַמע: אַז ער האָט זי מיט קיין שום זאַך ניט קאָמפּראָמיטירט, נאָר די פֿאַמיליע איהרע האָט איהם אַרויס-

געיאָגט פֿון הויז, און אַז אויך זי האָט צוגעהאָלפֿען דערצו, מחמת אַ שוועדישער גראַף, וועמעס נאָמען איך וויל ניט אָנרופֿען, האָט זיך צו איהר גע'שדכנ'ט. אָבער צו דער דאָזיגער געשיכטע האָב איך ווינציג וואָס צוטרוי און די ערשטע לייגט זיך מיר גיכער אויף'ן שכל, וויל איך האָב דאָך פֿיינט טהאָמאַס גלאַהן'ן און איך האַלט איהם פֿעהיג אויף דאָס ערגסטע. נאָר ווי אַזוי דאָס זאָל זיין אָדער ניט זיין, ער אַליין האָט קיינמאָל ניט גערעדט מכח זיין פֿערבינדונג מיט דער אַריסטאָקראַטישער דאַמע, און איך האָב זיך אויך ניט נאָכגעפֿרעגט וועגען דעם. וואָס האָט דאָס געהאַט צו טהאָן מיט מיר?

בעת מיר זיינען געזעסען דאָרט אויף דעם טייך־שי פֿעל, האָבען מיר, אַזוי ווייט ווי איך קען זיך דערמאָנען, ניט גערעדט פֿון קיין אַנדער זאַך, נאָר פֿון דעם דערפֿעל, וואוהין מיר זיינען געפֿאָהרען, און וואו קיינער פֿון אונז איז ביז דאַן ניט געוועזן.

„דאָרט דאַרף זיין אַ מין האָטעל," האָט זיך גלאַהן אָבגערופֿען און געקוקט אין דער לאַנד־קאַרט. „אַז מיר וועלען זיין מזל'דיג, וועלען מיר דאָרט פֿילייכט געפֿינען פלאַץ; די בעל הבית'טע איז, ווי מען האָט מיר דערצעהלט, אַן אַלטע ענגלישע halfbreed, שטאַמט פֿון געמישטע עלטערן. דער הויפּטמאַן וואוינט אין צווייטען דאָרף, ניט ווייט פֿון דאָרט, ער האָט, זאָגט מען, אַסך פֿרויען; עטליכע זיינען ערשט צעהן יאָהר אַלט."

מילא, איך האָב גאָרנישט געוואוסט וועגען דעם, צי דער הויפּט-מאַן האָט געהאַט אַסך פֿרויען, און צי ס'איז דאָ אַ האָטעל אין דאָרף, מחמת דעם האָב איך גאָרנישט געזאָגט; נאָר גלאַהן האָט געשמייכעלט, און זיין שמייכעל האָט געפֿונען חן אין מיינע אויגען.

יאָ, כ'האָב זיך פֿערגעסען צו דערמאָנען, אַז מען האָט איהם אויף קיין פֿאַל ניט געקענט רופֿען קיין שעהנעם מאַן, כאָטש ער האָט אַזוי גרויסאַרטיג אויסגעזעהן; ער האָט אַליין דערצעהלט, אַז ער האָט אַן אַלטע וואונד אויף'ן לינקען פֿוס, וואָס איז איהם געקו-מען פֿון אַ שאָס, און אַז ביי דער מינדעסטער ענדערונג פֿון'ם ווע-טער פֿלעגט איהם אָט די וואונד פֿערשאַפֿען שטאַרקע שמערצען.

II.

אין אַ וואָך אַרום זיינען מיר שוין געשטאַנען קוואַרטיר ביי דער אַלטער ענגלישער halfbreed אין דער גרויסער כאַטע, וועלכע האָט געטראָגען דעם נאָמען „האָטעל“. אַך! וואָס פֿאַר אַ האָטעל! די ווענד זיינען געוועזען פֿון ליים און אַביסעל האָלץ, און דאָס דאָזיגע האָלץ איז געוועזען צופֿרעסען פֿון די ווייסע מוראַשקעס, וועלכע זיינען אַרומגעקראָכען איבעראַל. איך האָב געוואוינט לעבען דער גאַסטשטוב אין אַ צימער מיט אַ גרינעם פֿענסטער אַרויס אויף דער גאַס, איין איינציגע שויב, וועלכע איז ניט געוועזען זעהר קלאָהר, און גלאַהן האָט זיך אויסגעקליבען אַ גאַנץ קליינעם לאָך אויבען איבער׳ן בוידים, אויך פֿון דאָרט האָט אַ גלעזערנע שויב אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס, נאָר דאָך איז דאָרטען געוועזען אַסך דונקעלער און ערגער צו וואוינען. די זונן האָט געברענט איבער דעם שטרויענעם דאַך, וואָס איז איהם ממש געלעגען אויף׳ן קאָפּ, און ביי איהם אין צימער איז טאָג און נאַכט געוועזען אונערטרעגליך הייס; דערצו איז נאָך קיין רעכטע טרעפּ ניט געוועזען אַרויפֿצוגעהן צו איהם, נאָר אַ קלעגליכע שטיעג מיט פֿיער טרעפּלאַך. וואָס האָב איך געקענט טהאָן דערצו? כ׳האָב גלאַהן׳ן געגעבען די ברירה, ער זאָל זיך אויסקלייבען, וואָס ער וויל, כ׳האָב געזאָגט:

„דאָ זיינען צוויי צימערן, איינס אונטען און איינס אויבען, קלייבט זיך אויס!“

און גלאַהן האָט אָנגעקוקט די צוויי צימערן און האָט זיך אויסגעקליבען די אויבערשטע, אפשר טאַקע דערפֿאַר כדי מיר צו געבען דאָס בעסערע, נו איז וואָס? בין איך איהם פֿילייכט ניט געוועזען דאַנקבאַר דערפֿאַר? כ׳בין איהם גאָרנישט שולדיג געבליבען.

אַזוי לאַנג ווי די ערגסטע היץ האָט אָנגעהאַלטען, האָבען מיר די יאַגד געלאָזט צורוה און זיך אויפגעהאַלטען ביי דער כאַטע; מחמת די היץ איז געווען איבער דער מאָס. ביינאַכט זיינען מיר גע־לעגען מיט דעם פליגען־נעץ אַרום בעטעל, צוליעב די פערשיעדענע אינזעקטען; נאָר ניט קוקענדיג דערויף פלעגט זיך דאָך מאַכען, אַז בלינדע פלעדער־מייז פלעגען זיך אַריינכאַפּען גאַנץ שטיל און מאַכען אַ חורבן פון אונזערע נעצען; מיט גלאַהן'ן פלעגט עס טרעפען צו אָפּט, וואָרים צוליעב דער היץ האָט ער כסדר געמוזט האַלטען אָפען אַ קליין פענסטערל אין דאַך, נאָר מיט מיר האָט עס ניט פּאַסירט. ביטאָג פלעגען מיר ליגען אויף ראָגאָזשעס אַרויס פון דער כאַטע און רויכערן און זיך צוקוקען צו דעם לעבען אין די אַנדערע שטיבער. די איינגעבוירענע זיינען געווען ברוינע מענשען מיט דיקע מיילער, אַלע מיט רינגען אין די אויערן און מיט טויטע, ברוינע אויגען; זיי זיינען כמעט געגאַנגען נאַקעט, בלויז מיט אַ פּאַס פון באַנוועל־שטאָף אָדער פון געפלאָכטענע בלעטער אַרום די לענדען, און די ווייבער האָבען אויסער דעם געהאַט אַ קורצען באַנוועלנעם מאַנטעל, כדי זיך דערמיט איינצוהילען. אַלע קינדער זיינען טאָג און נאַכט אַרומגעגאַנ־גען מוטער־נאַקעט, מיט גאַנץ גרויסע, אַרויסגעשטאַרטשעטע בייכער, וועלכע האָבען געגלאַנצט ווי אייל.

„די ווייבער זיינען צו פעט," האָט גלאַהן געזאָגט.

און איך האָב אויך געפונען, אַז די ווייבער זיינען צו פעט, און אפשר איז דאָס גאָר ניט געווען גלאַהן, נאָר איך, וואָס איז דער ערשטער געקומען אויף דעם דאָזיגען געדאַנק; אָבער איך אַמפּער זיך ניט מיט איהם דעריבער און בין איהם מוחל דעם כבוד. איבע־ריגענס זיינען גאָר ניט אַלע ווייבער געווען מיאוס, כאָטש זייערע פנים'ער זיינען געווען פעט און אָנגעבלאָזען; איך האָב געטראָפען אַ מיידעל אין דאָרף, אַ יונג טאַמולען־מיידעל מיט לאַנגע האָר און שנעע־ווייסע צייהן, זי איז געווען די שעהנסטע פון אַלע. איין אָבענד האָב איך זי געפונען ביים ראַנד פון אַ רייז־פעלד, זי איז געלעגען אין די הויכע גראָז אויף'ן בויך און האָט געקלאַפּט מיט די פיס. זי האָט געקענט ריידען מיט מיר, און מיר האָבען געשמועסט צוזאַמען, אַזוי לאַנג ווי מיר האָט זיך געוואָלט; ס'איז שוין כמעט געווען

גרויסער טאָג, ווען מיר האָבען זיך צושיידט, און דאָ איז זי ניט גע־
גאַנגען גלייך אַהיים, נאָר זי האָט זיך געמאַכט, אַזוי ווי זי וואָלט גע-
נעכטיגט אין דעם דערבייאיגען דאָרף. גלאַהן איז דעם זעלבען אָבענד
געזעסען מיט צוויי יונגע מיידלאַך אין מיטען דאָרף ביי אַ קליין שטי-
בעל; די מיידלאַך זיינען געווען זעהר יונג, פֿילייכט טאַקע ניט מעהר
ווי צעהן יאָהר אַלט; מיט אָט די האָט ער זיך געשפּיעלט און גע־
טרונקען רייז־ביער; דאָס איז געווען זיין געשמאַק.

אין אַ פּאָר טעג אַרום זיינען מיר אַרויס אויף דער יאַגד. מיר
זיינען פֿערבייגעגאַנגען טהעע־גערטנער, רייז־פֿעלדער און גראָז־פֿעל־
דער, מיר זיינען אַוועק ווייט פֿון דאָרף און געגאַנגען אין דער ריכ־
טונג פֿון׳ם טייך, און מיר זיינען אָנגעקומען אין וועלדער מיט וואונ־
דערליכע, פֿרעמדע בוימער, באַמבוס, טאַמאַרינדען און זאַלצבוימער,
אייל און גומי־געוויקסען, יאָ, ווייס דער גוטער יאָהר, וואָס דאָס זיי־
נען אַלץ געווען פֿאַר בוימער; מיר זיינען ביידע געווען גאַנץ קנאַפּע
מבינים דערויף. נאָר אין טייך איז ניט געווען קיין סך וואַסער, און
ביז רעגען־צייט פֿלעגט כסדר זיין ווייניג וואַסער אין איהם. מיר האָ־
בען געשאָסען ווילדע טויבען און היהנער, און נאָכמיטאָג־צייט האָבען
מיר געזעהן צוויי לעמפּערטען; אויך פּאַפּאַגייעס זיינען אַרומגעפֿלוי־
גען איבער אונזערע קעפּ. גלאַהן האָט געשאָסען שרעקליך זיכער, ער
האָט קיינמאָל ניט פֿערפֿעהלט זיין ציעל; אָבער דאָס האָט זיך גע־
נומען דערפֿון, וואָס זיין געוועהר איז געווען בעסער איידער מיינס;
אָפּטמאָל האָב איך אויך געשאָסען שרעקליך זיכער. איך האָב זיך
קיינמאָל ניט בעריהמט דערמיט, נאָר גלאַהן פֿלעגט אָפּט זאָגען: אָט
דעם דאָ שיס איך אַריין אַ קויל אין עק, דעם פלעגט איך דעם קאָפּ;
דאָס פֿלעגט ער זאָגען, איידער ער האָט אָבגעדריקט, און אַז דער
פֿויגעל איז אַרונטערגעפֿאַלען, האָבען מיר געזעהן, אַז ער האָט איהם
ריכטיג געטראָפֿען אין עק אָדער אין קאָפּ. אַז מיר האָבען בעגעגענט
די צוויי לעמפּערטען, האָט גלאַהן ניט אַנדערש נאָר געוואָלט אָנפֿאַ־
לען אויף זיי מיט זיין שראָט־געוועהר; נאָר איך האָב איהם אָבגע־
רעדט דערפֿון, ווייל ס׳האָט אָנגעהויבען ווערן פֿינסטער, און אונז איז
בלויז געבליבען אַ פּאָר קוילען. דערמיט האָט ער זיך דערנאָך

בעריהמט, אַז ער איז געווען מוטהיג און האָט געוואָלט שיסען איהף לעמפּערטען מיט שראָט.

„עס פּערדריסט מיר, וואָס איך האָב נאָך אַלעם דעם דאָך ניט געשאָסען," האָט ער מיר געזאָגט. „פאַרוואָס זייט איהר אַזוי פערפלוכט פּאָרזיכטיג ? וואָס זשע, איהר ווילט לאַנג לעבען ?"

„עס פּרעהט מיך, וואָס איהר האַלט מיך פאַר פּערנינפּטיגער, איידער זיך אַליין," האָב איך געענטפּערט.

„יאָ, אָבער לאָמיר זיך אַקאָרשט ניט צוקריגען איבער אַזאַ קליי־ניגקייט," האָט ער זיך אָבגערופען.

דאָס זיינען געווען זיינע ווערטער, און ניט מיינע ; וואָלט ער זיך געוואָלט צוקריגען מיט מיר, מהיכי תיתי, פון מיינעטוועגען. ער האָט מיך אָנגעהויבען אָבשטויסען מיט זיינע לייכטזיניגע און פּער־פּיהרערישע שטיק. נעכטען אָבענד בין איך גאַנץ רוהיג געקומען פון וועג מיט מיין פּריינדין מאַגי, און ביידע זיינען מיר געווען גוט אויפּ־געלייגט. גלאַהן זיצט גראָד ביי דער כאַטע און בעגריסט אונז און שמייכעלט אונז צו, בעת מיר געהען פּערביי ; אָבער מאַגי האָט איהם צום ערשטען מאָל געזעהן און זי האָט זיך גענומען גאַנץ ניי־גיעריג נאָכפּרעגען וועגען איהם. אַזאַ איינדרוק האָט ער געמאַכט אויף איהר, אַז מיר האָבען זיך גלייך געזעגענט און זיינען אַוועק אין פּער־שיעדענע זייטען ; זי האָט מיך ניט בעגלייט אַהיים.

גלאַהן האָט עס געוואָלט מאַכען צו קליין־געלד, ווען איך האָב מיט איהם גערעדט וועגען דעם, אָקוראַט ווי עס וואָלט גאָר קיין שום בעדייטונג ניט געהאַט. אָבער איך האָב עס ניט פּערגעסען. אויך ניט צו מיר האָט ער דאָס געלאַכט און געשמייכעלט, בשעת מיר זיינען פּערבייגעגאַנגען אונזער „האָטעל", נאָר צו מאַגי'ן.

„וואָס קייט זי דאָס שטענדיג ?" האָט ער מיך געפּרעגט.

„דאָס ווייס איך ניט," האָב איך געענטפּערט ; „זי קייט, דערצו האָט זי דאָך ציינער אויף צו קייען."

און דעם אמת זאָגענדיג, איז דאָס פאַר מיר ניט געווען קיין שום נייעס, אַז מאַגי פּלעגט כסדר קייען וואָס עס איז ; דאָס האָב איך שוין פון לאַנג אָן געהאַט בעמערקט. אָבער זי האָט זיכער ניט גע־קייט קיין נאַשערייען, וואָרים איהרע ציינער זיינען געווען גאַנץ ווייס ;

דערפֿאַר אָבער האָט זי געהאַט די געוואוינהייט צו קייען אַלע אַנדערע זאַכען, זיי אַריינגעהמען אין מויל און קייען, גלייך עס וואָלט געווען עפּעס געשמאַקעס. וואָס עס איז ניט געווען, מטבעות, שטיקלאַך פּאַפּיר, פֿויגעל־פֿעדערן, — זי האָט אַלצדינג געקייט. אָבער יעדענפֿאַלס איז דאָס דאָך ניט געווען קיין גרונד, זי דערפֿאַר אַרונטערצוואַרפֿען און זיך אויסלאַכען פֿון איהר, וואָרים זי איז דאָך פֿונדעסטוועגען פֿאָרט געווען דאָס שעהנסטע מיידעל אין דאָרף; אָבער גלאַהן האָט מיך איינפֿאַך מקנא געווען, דאָס איז געווען די גאַנצע געשיכטע.

נאָר אויף מאָרגען אָבענד האָב איך זיך ווידער איבערגעבעטען מיט מאַגי'ן, און גלאַהן'ן האָבען מיר אין די אויגען ניט אָנגעזעהן.

III.

אַ וואָך איז אַריבער; מיר זיינען יעדען טאָג אַרויס אויף דער יאַגד און האָבען געשאָסען אַ מאַסע פֿייגעל און חיות. איין פֿריה־מאָרגען, ווי מיר זיינען נור אַריינגעקומען אין וואַלד, האָט מיך גלאַהן אָנגענומען ביים אָרם און שטילערהייט געזאָגט: האַלט! אין דערזעל־בער רגע לייגט ער צו דעם ביקס צו דער באַק און שיסט אויס. ס׳איז געווען אַ יונגער לעמפערט, אויף וועלכען ער האָט זיך געציעלט און געטראָפֿען. איך וואָלט איהם געקענט שיסען פונקט אַזוי גוט ווי ער, נאָר גלאַהן האָט זיך גענומען דעם כבוד און אויסגעשאָסען דער ערשטער. ווי ער וועט זיך דאָס איצט ווייטער בעריהמען! האָב איך זיך געטראַכט. מיר געהען צו צו דער געשאָסענער חיה, זי איז טויט, די לינקע זייט אויפֿגעריסען, און די קויל איז געזעסען אין רוקען.

כ׳האָב פֿיינט, אַז מען נעהמט מיך אָן ביים אָרם, מחמת דעם האָב איך געזאָגט:

„אַזוי וואָלט איך אויך געקענט שיסען.”

גלאַהן האָט מיך אָנגעקוקט.

רוף איך זיך ווידער אָב:

„וואָס זשע, איהר גלויבט אפשר ניט, אַז אַזאַ שאָס וואָלט איך אויך געקענט געבען?”

גלאַהן ענטפֿערט איצט אויך ניט. אָנשטאָט דעם וויזט ער ווידער אַרויס זיין קינדערייַ און שיסט נאָך אַמאָל אויף דעם טויטען לעמפערט, דאָס מאָל אין קאָפּ. כ׳קוק איהם אָן מיט ערשטוינונג, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט פֿון הימעל אַראָבגעפֿאַלען.

„יאָ,” רופֿט ער זיך אָב, „כ׳וויל ניט, מען זאָל זאָגען אויף מיר, אַז איך האָב געטראָפֿען אַ לעמפערט אין דער זייט.”

ס'איז געווען צופיל פאַר זיין פוסטער גאוה, אַז ער האָט גע־געבען אַזאַ איינפאַכען שאָס; שטענדיג האָט ער געוואָלט זיין דער ערשטער. ווי קינדעריש ער איז דאָס געווען! נאָר דאָס איז ניט געווען מיין עסק, איך וואָלט איהם סיי ווי סיי ניט פערראַטהען.

אָבענד־צייט, אַז מיר זיינען אַריין צוריק אין דאָרף מיט דעם טויטען לעמפערט, האָבען מיר געפונען אַ מאַסע איינגעבוירענע, וועל־כע זיינען געקומען אָנקוקען די געשאָסענע חיה. גלאַהן האָט בלויז דערצעהלט, אַז מיר האָבען דעם לעמפערט אין דערפריה געשאָסען, און האָט זיך מעהר ניט בעריהמט דערמיט. מאַגי איז אויך געווען צווישען עולם.

„ווער האָט איהם געשאָסען?" האָט זי געפרעגט.

און גלאַהן האָט געענטפערט:

„דו זעהסט דאָך, צוויי קוילען; מיר האָבען איהם היינט אין דערפריה געשאָסען, באַלד ווי מיר זיינען אַריין אין וואַלד." און ער האָט אומגעדרעהט דעם טויטען קערפער פון דער חיה און איהר גע־וויזעןביידע שאָסען, דעם אין דער זייט אַזוי ווי דעם, וואָס אין קאָפּ.

„דאָ איז אַריין מיין קויל," האָט ער געזאָגט און אָנגעוויזען אויף דעם שאָס אין דער זייט, מחמת אין זיין קינדעריי האָט זיך איהם פער־גלוסט מיר איבערצולאָזען דעם כבוד, אַז דאָס האָב איך איהם כלומר'שט געטראָפען אין קאָפּ. ס'האָט זיך ניט געלוינט דער עסק, צו זאָגען דעם אמת און איהם מוחל זיין דעם כבוד, און איך האָב עס טאַקע ניט געטהאָן. דאַן האָט גלאַהן אָנגעהויבען טראַקטירען די איינגעבוי־רענע, יאָ, ער האָט געגעבען יעדען איינעם, וואָס האָט נור לוסט גע־האַט צו טרינקען, אַזויפיל וויפיל ער האָט געוואָלט.

„זיי ביידע האָבען איהם געשאָסען," האָט מאַגי געזאָגט צו זיך אַליין, און האָט דאָך די גאַנצע צייט געקוקט בלויז אויף גלאַהן'ן.

כ'האָב זי אַוועקגעצויגען אָן אַ זייט און געזאָגט:

„פאַרוואָס קוקסטו דו כסדר אויף איהם? שטעה איך דען ניט פונקט ווי ער לעבען דיר?"

„נו געוויס," האָט זי געענטפערט. „און ווייסט דו וואָס: איך קום היינט ביינאַכט."

אויף מאָרגען איז דאָס געווען, ווען גלאַהן האָט געקראָגען יענעם בריעף. ס'איז איהם נעמליך אָנגעקומען אַ בריעף מיט אַ ספּעציעלען

שליח פֿון דער טייך־סטאַציאָן, און דער האָט געמאַכט אַן אומווענ פֿון הונדערט אַכציג מייל. דער בריעף איז געשריבען געוואָרען פֿון אַ פֿרויען־האַנד, און איך האָב געקלעהרט ביי זיך, ער קומט אפשר פֿון זיין פֿריהערדיגער פֿריינדין, דער אַריסטאָקראַטישער דאַמע. גלאַהן האָט זיך נערוועז צולאַכט, ווען ער האָט איהם דורכגעלייענט, און האָט נאָך געגעבען דעם שליח אַן עקסטראַ געלד־פּאַפּירעל, דערפֿאַר וואָס ער האָט איהם געבראַכט. נאָר ס'האָט ניט גענומען לאַנג, איז ער געוואָרען מרה־שחורה'דיג און האָט קיין אַנדער זאַך ניט געטהאָן, נאָר געשוויגען און געקוקט פֿאַר זיך. ביינאַכט האָט ער זיך אָנגע'־שכור'ט אין דער קאָמפּאַניע פֿון אַן אַלטען אינדישען קאַרליק און זיין זוהן, ער האָט מיך אומאַרעמט און געוואָלט ניט אַנדערש, נאָר איך זאָל מיט־טרינקען מיט זיי.

„איהר זייט היינט ביינאַכט אַזוי פֿריינדליך," האָב איך זיך אָב־גערופֿען.

דאָ האָט ער זיך צולאַכט גאַנץ הויך אויף'ן קול און געענטפֿערט:

„דאָ זיצען מיר אַלזאָ ביידע אין רעכטען מיטען אינדיען און שי־סען פֿייגעל און חיות, ניט אמת? איז דאָס ניט שרעקליך קאָמיש? אַ געזונד צו אַלע מלוכות און לענדער פֿון דער וועלט, און אַ געזונד צו אַלע שעהנע פֿרויען, פֿערהייראַטע און ניט־פֿערהייראַטע, פֿון ווייט און פֿון נאָהענט. האָהאָ! שטעלט זיך אַקאָרשט פֿאָר אַ מאַן, וואָס אַ פֿרוי שדכן'ט זיך צו איהם, אַ פֿערהייראַטע פֿרוי!"

„אַ גרעפּין!" האָב איך זיך אָבגערופֿען מיט אַ שפּאָטישען טאָן. כ'האָב עס געזאָגט מיט אַ זעהר שפּאָטישען טאָן, און דאָס האָט איהם וועה געטהאָן, ער האָט געוואויעט ווי אַ הונד, ווייל עס האָט איהם וועה געטהאָן. דאַן האָט ער פּלוצלינג פֿערקנייטשט דעם שטערן און אָנגעהויבען פינטלען מיט די אויגען און גרינדליך בעקלעהרען, צי האָט ער ניט אַקאָרשט צופֿיעל גערעדט; אַזאַ וועזען האָט ער עס געמאַכט פֿון זיין קליינטשקען סוד. אָבער אין דערזעלבער רגע זיינען געקומען צולויפֿען אַ גאַנצע מחנה פֿון קינדער צו אונז אין דער כאַ־טע און האָבען געשריען און געליאַרעמט; „אַ טיגער, אָהאָ, אַ טיגער!" גאַנץ נאָהענט לעבען דאָרף אויף דער אַנדער זייט טייך איז אַ קינד אָנגעפֿאַלען געוואָרען פֿון אַ טיגער.

Библiотека ... истоpiи и литерат...

דאָס איז געווען גענוג פֿאַר גלאַהן׳ען, וועלכער איז געווען אָנגע־טרונקען און אין אַ צוריסענעם געמיטה־צושטאַנד; ער האָט אַ כאַפּ געטהאָן זיין ביקס און איז גלייך אַרויסגעלאָפען אַהין אויף׳ן אונגליקס־פּלאַץ; ער האָט אפילו קיין היטעל ניט געהאַט אויף׳ן קאָפּ. אָבער פֿאַרוואָס האָט ער עפּעס איצט גענומען דעם ביקס אָנשטאָט דעם שראָט־געוועהר, ווען ער איז ווירקליך געווען אַזוי מוטהיג? ער האָט געמוזט דורכבראָדזשען דעם טייך, וואָס איז ניט געווען אָהן געפֿאַהר, נאָר יעדענפֿאַלס איז דער טייך ביז רעגען־צייט געווען כמעט טרוקען. אין אַ רגע אַרום האָב איך דערהערט צוויי שאָסען און טאַקע תיכף נאָכדעם נאָך אַ דריטען שאָס. דריי שאָסען פֿאַר איין חיה, האָב איך געקלעהרט ביי זיך; אַ לייב וואָלט פֿון צוויי שאָסען געפֿאַלען, און דאָס איז דאָך בלויז אַ טיגער! אָבער זאָגאַר אָט די דריי שאָסען האָבען גאָרנישט געהאָלפֿען, דאָס קינד איז שוין געווען צוריסען און האַלב אויפֿגעפֿרעסען, בעת גלאַהן איז צוגעקומען אַהין; ווען ער וואָלט ניט געווען אַזוי שכור, וואָלט ער זיך אפילו ניט געפּרואווט עס רעטען.

די נאַכט האָט ער פֿערבראַכט אין אַ ווילדען, צולאָזענעם צו־שטאַנד אין דער צווייטער כאַטע, צוזאַמען מיט אַן אלמנה און איהרע צוויי טעכטער, גאָט ווייס, מיט וועלכער פֿון זיי.

צוויי טעג נאָכאַנאַנד איז גלאַהן קיין איין איינציגע מינוט ניט געווען ניכטער, און ער האָט אויך געפֿונען אַ גאַנצע מאַסע קאָמפּאַנ־יאָנען ביים טרינקען. אומזיסט האָט ער מיך אויפֿגעפֿאָרערט, צו נעהמען אָנטהייל אין דער שכורים־אונטערהאַלטונג; ער האָט זיך שוין ניט שטאַרק אומגעקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, און האָט מיר אויפֿגעוואָרפֿען, אַז איך בין אייפֿערזיכטיג אויף איהם.

„אייער אייפֿערזוכט פֿערבלענדט אייך די אויגען,״ האָט ער געזאָגט.

מיין אייפֿערזוכט! איך אייפֿערזיכטיג אויף איהם!

„נו, אָט האָסט דו דיר!״ האָב איך זיך אָבגערופֿען, „אייפֿערזיכ־טיג אויף אייך! וואָס האָב איך דען צו זיין אייפֿערזיכטיג אויף אייך?״

„נו גוט, זייט איהר ניט אייפֿערזיכטיג אויף מיר,״ האָט ער גע־ענטפֿערט. „איבעריגענס בין איך היינט אָבענד געווען ביי מאַגי׳ן. זי האָט געקייט ווי געוועהנליך.״

כ׳האָב אַרונטערגעשלונגען מיין ענטפֿער און בין אַוועקגעגאַנגען.

IV.

מיר האָבען ווידער אָנגעהויבען געהן אויף דער יאַגד. גלאַהן האָט געפּיהלט, אַז ער האָט געגען מיר בעגאַנגגען אַן אונרעכט און האָט דערפֿאַר געבעטען ביי מיר ענטשולדיגונג.

„איבעריגענס איז מיר די גאַנצע געשיכטע שרעקליך דערווידער,“ האָט ער געזאָגט ; „כ׳וואָלט געוואונשען, איהר זאָלט אין אַ שעהנעם טאָג אויסשיסען אין אַ פאַלשער ריכטונג און מיר אַרייניאָגען אַ קויל אין האַלז.“ ס׳קען זיין, אַז דער בריעף פֿון דער גרעפֿין האָט פֿון דאָס ניי אויפֿגעפֿלאַקערט ביי איהם אין זכרון, און איך האָב געענטפֿערט :

„ווי מען בעט זיך אויס, אַזוי ליגט מען.“

ער איז פֿון טאָג צו טאָג געוואָרען אַלץ פֿינסטערער און שוויי־גענדיגער, ער האָט שוין ניט געטרונקען און קיין וואָרט מעהר ניט גערעדט ; זיינע באַקען זיינען געוואָרען שטאַרק איינגעפֿאַלען.

איין טאָג האָב איך פלוצלינג ביי מיין פֿענסטער דערהערט אַ געשפּרעך און אַ געלעכטער. כ׳האָב אַרויסגעקוקט ; גלאַהן איז שוין ווידער געווען לוסטיג און געשטאַנען און גערעדט הויך אויף׳ן קול מיט מאַגי׳ן. ער האָט אָנגעווענדט אַלע זיינע פֿערפֿיהרערישע קונץ־שטיק. מאַגי האָט אַודאי געמוזט קומען דירעקט פֿון דערהיים, און גלאַהן האָט זי אָבגעוואַרט. זיי האָבען זיך אפילו גאָר ניט מישב געווען, צי ס׳איז גלייך צי ניט, און האָבען זיך אַוועקגעשטעלט ריידען ביי מיר אונטער דער סאַמע שויב פֿון מיין פֿענסטער.

כ׳האָב געפֿיהלט אַ שווידער אין אַלע גליעדער און האָב אָנגע־שטעלט אויף זיי מיין ביקס, נאָר כ׳האָב ניט אָבגעדריקט. כ׳בין אַרויס אויף׳ן פלאַץ און האָב אָנגענומען מאַגי׳ן ביים אָרם. שוויגענדיג זיינען

מיר אַוועק איבער'ן דאָרף ; גלאַהן איז גלייך פֿערשוואונדען אין דער כאַטע.

„פֿאַרוואָס רעדסט דו שוין ווידער מיט איהם ?" האָב איך אַ פֿרעג געטהאָן מאַגי'ן.

זי האָט ניט געענטפֿערט.

איך בין געווען שרעקליך פֿערצווייפֿעלט, מיין האַרץ האָט אַזוי שטאַרק געקלאַפּט, אַז איך האָב קוים געקענט אָבכאַפּען דעם אָטהעם. קיינמאָל איז מאַגי ביי מיר אין די אויגען ניט געווען אַזוי שעהן ווי דאַן ; כ'האָב קיינמאָל ניט געזעהן אַ וויים מיידעל, אַזוי שעהן ווי זי, און דערפֿאַר האָב איך גאָר פֿערגעסען, אַז זי איז אַ טאַמולען־מיידעל און איך האָב אָן אַלצדינג פֿערגעסען צוליעב איהר.

„ענטפֿער מיר," האָב איך געזאָגט, „פֿאַרוואָס רעדסט דו מיט איהם ?"

„ער געפֿעלט מיר בעסער," האָט זי געענטפֿערט.

„וואָס זשע, ער געפֿעלט דיר בעסער ווי איך ?"

„יאָ."

נו, ער איז איהר געפֿעלען בעסער ווי איך, כאָטש איך האָב, דוכט זיך, גאַנץ גוט געקענט בעשטעהן מיין שטעטעל אַנטקעגען איהם ! וואָס זשע, בין איך דען ניט אימער געווען פֿריינדליך מיט איהר, האָב איך איהר דען ניט געהאַלטען אין איין געבען געלד און מתנות ? און וואָס האָט ער געטהאָן ?

„ער מאַכט חוזק פֿון דיר, ער זאָגט, דו קייסט," האָב איך זיך אָבגערופֿען.

דאָס האָט זי תחילת ניט פֿערשטאַנען, און איך האָב עס איהר בעסער ערקלעהרט, אַז זי האָט אימער די געוואוינהייט, אַלצדינג אַריינצונעהמען אין מויל און קייען, און אַז גלאַהן מאַכט זיך דערפֿאַר לוסטיג איבער איהר. דאָס האָט געמאַכט אויף איהר אַ גרעסערן איינדרוק, איידער אַלעס אַנדערע, וואָס איך האָב געזאָגט.

„הער זיך צו, מאַגי," האָב איך ווייטער געזאָגט, „דו זאָלסט זיין מיינע אויף שטענדיג ; ווילסט דו דאָס ניט ? כ'האָב זיך איבערלייגט און עס איז ביי מיר געבליבען, דו זאָלסט מיטקומען מיט מיר, ווען איך וועל אָברייזען פֿון דאַנען ; איך וועל חתונה האָבען מיט דיר,

דו הערסט? און מיר וועלען אַוועקפֿאָהרען צו מיר אין מיין היים־לאַנד און דאָרט וואוינען. דאָס ווילסט דו דאָך?"

און דאָס האָט אויך געמאַכט אַן איינדרוק אויף איהר. מאַגי איז געוואָרען לעבעדיג און האָט גערעדט מיט מיר זעהר פֿיעל אויף דעם שפּאַציר־גאַנג. גלאַהן'ן האָט זי בלויז איין מאָל דערמאָנט, זי האָט געפֿרעגט:

„און גלאַהן וועט, הייסט עס, מיטקומען מיט אונז, ווען מיר וועלען אַוועקפֿאָהרען?"

„ניין," האָב איך געענטפֿערט, „ער וועט ניט מיטפֿאָהרען. וואָס זשע, דאָס פֿערדריסט דיך?"

„ניין, ניין," האָט זי האַסטיג געענטפֿערט, „ס'טהוט מיר הנאה, וואָס ער פֿאָהרט ניט מיט."

מעהר האָט זי וועגען איהם ניט געזאָגט, און איך האָב זיך געפֿיהלט בערוהיגט. אויף מיין פֿערלאַנג איז אויך מאַגי מיט מיר גע־גאַנגען אַהיים צו אונז אין הייזעל.

אין אַ פּאָר שעה אַרום, ווען זי איז אַוועק פֿון מיר, האָב איך אַרויפֿגעקלעטערט די שטיעג צו גלאַהן'ן אין צימער און אָנגעקלאַפּט אָן דער דינער טהיר. ער איז געווען אין דערהיים. כ'האָב געזאָגט:

„איך קום אייך זאָגען, אַז מיר וועלען מאָרגען פֿילייכט ניט געהן אויף דער יאַגד."

„פֿאַרוואָס ניט?" האָט גלאַהן געפֿרעגט.

„ווייל איך קען ניט ערב זיין, אַז איך וועל ניט שיסען אין אַ פֿאַל־שער ריכטונג, אַז איך וועל אייך ניט אַרייניאָגען אַ קויל אין האַלז."

גלאַהן האָט ניט געענטפֿערט, און איך בין צוריק אַרונטערגע־גאַנגען. נאָך אָט דער וואַרנונג וועט ער זיך אַודאי ניט דערוועגען מאָרגען אַרויסצוגעהן אויף דער יאַגד, האָב איך געקלעהרט ביי זיך; אָבער פֿאַרוואָס האָט ער מאַגי'ן פֿערנאַרט אונטער מיין פֿענסטער און זיך אַמוזירט מיט איהר? פֿאַרוואָס פֿאָהרט ער ניט אַהיים, אויב דער בריעף רופֿט איהם ווירקליך צוריק? אָנשטאָט דעם געהט ער אָפּט אַרום און פֿערבייסט מיט די צייהן און שרייט: „קיינמאָל ניט! קיינ־מאָל ניט! גיכער וועל איך זיך לאָזען צושניידען אויף שטיקלאַך!"

אָבער גאַנץ פֿריה, נאָכדעם ווי איך האָב איהם ביי נאַכט געגעבען

די וואָרנונג, איז גלאַהן פֿונדעסטוועגען פֿאָרט געשטאַנען ביי מיין בעט און מיך געוועקט און גערופֿען:

„שטעהט אויף, שטעהט אויף, קאַמעראַד! ס'איז אַ גרויסאַרטיג וועטער, מיר מוזען עפּעס שיסען. איבעריגענס איז דאָס געווען דום, וואָס איהר האָט נעכטען ביינאַכט געזאָגט."

ס'איז ניט געווען שפּעטער ווי פֿיער אַזייגער, אָבער איך בין גלייך אויפֿגעשטאַנען און האָב זיך צוגעגרייט מיטצוגעהן מיט איהם, ווייל ער האָט זיך אַזוי אויסגעלאַכט פֿון מיין וואָרנונג. כ'האָב אָנגע־לאָדען מיין ביקס, איידער איך בין אַרויס פֿון שטוב, און איך האָב איהם געלאָזט שטעהן און צוקוקען, ווי איך טהו עס. דערצו נאָך איז דאָס גאָר ניט געווען אַזאַ גרויסאַרטיג וועטער, ווי ער האָט געזאָגט, ס'האָט גערעגענט, און דערמיט האָט ער מיך נאָך מעהר געמאַכט צום נאַר; אָבער איך האָב זיך געמאַכט כלא ידע און בין שווייגענ־דיג מיטגעגאַנגען מיט איהם.

דעם גאַנצען טאָג האָבען מיר זיך אַרומגעדרעהט אין די וועל־דער, יעדער איינער מיט זיינע אייגענע געדאַנקען. מיר האָבען גאָר־נישט געשאָסען, איין פֿויגעל נאָך'ן אַנדערן, איין חיה נאָך דער צוויי־טער האָבען זיך אַרויסגעמאַכט פֿון אונז, ווייל מיר האָבען געטראַכט וועגען אַנדערע זאַכען און ניט אין זינען געהאַט די יאַגד. אַרום מי־טאָג־צייט האָט זיך גלאַהן אָנגעהויבען אַרומדרעהן לעבען מיר, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט מיר געבען נאָך אַ בעסערע געלעגענהייט צו טהאָן מיט איהם, וואָס איך האָב געוואָלט; ער איז געגאַנגען גאַנץ האַרט לעבען דעם מויל פֿון מיין ביקס, אָבער איך האָב אויך דעם דאָזיגען שפּאָט אַריבערגעטראָגען. אָבענד־צייט זיינען מיר צו־ריקגעגאַנגען אַהיים, קיין זאַך איז ניט געשעהן. איך האָב געקלעהרט ביי זיך: פֿילייכט וועט ער איצט זיין פֿאָרזיכטיג און לאָזען מאַגי'ן צורוה!

„דאָס איז געווען דער לייגנסטער טאָג פֿון מיין לעבען," האָט גלאַהן געזאָגט, בעת מיר זייגען געשטאַנען ביי דער טהיר פֿון אונ־זער האָטעל."

מעהר האָבען מיר ניט גערעדט איינער מיט'ן אַנדערן.

עטליבע טעג נאָכאַנאַנד איז ער געווען שטאַרק מרה שחורה'דיג,

אָט אַפּנים אַלץ צוליעב דעם זעלבען בריעף. „איך האַלט עס גאָר ניט אויס, ניין, איך האַלט עס גאָר ניט אויס!" האָט ער צייטענווייז ביינאַכט געזאָגט; ס'האָט אָבגעקלונגען איבער'ן גאַנצען הייזעל, און מיר האָבען עס אַלע געהערט. זיין דערשלאָגענקייט איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער פלעגט אפילו ניט ענטפערן די בעל הבית'טע אונזערע אויף איהרע פריינדליכע פראַגען, און ער פלעגט זאָגאַר מורא'דיג קרעכצען פון שלאָף. זיין געוויסען מוז איהם אַודאי פלאָגען איבער וואָס עס איז, האָב איך געטראַכט; אָבער פאַרוואָס פאָהרט ער ניט אַהיים? זיין שטאָלץ דערלאָזט איהם ניט דערצו, ער וויל ניט זיין דער, וואָס קומט צוריק, ווען מען האָט איהם איין מאָל געוויזען דעם וועג.

איך פלעג זיך טרעפען יעדען אָבענד מיט מאַגי'ן, און גלאַהן האָט שוין מעהר מיט איהר ניט גערעדט. כ'האָב בעמערקט, אַז זי האָט אויפגעהערט צו קייען; זי האָט לחלוטין מעהר ניט געקייט, און איך האָב זיך געפרעהט דערמיט און געקלעהרט ביי זיך: זי קייט שוין מעהר ניט, דאָס איז איין פעהלער ווייניגער, און איך האָב זי דערפאַר נאָך אַמאָל אַזוי ליעב! איין טאָג האָט זי זיך נאָכגעפרעגט אויף גלאַהן'ן; זי האָט זיך נאָכגעפרעגט זעהר פאָרזיכטיג. צי איז ער ניט געזונד? צי איז ער אַוועקגעפאָהרען?

„אויב ער איז ניט אַוועקגעפאָהרען אָדער גאָר געשטאָרבען," האָב איך געענטפערט, „ליגט ער אַודאי ביי זיך אין דערהיים. מיר איז דאָס אַלצאיינס. ס'איז שוין מעהר ניט אויסצוהאַלטען פון איהם."

נאָר אין דערזעלבער רגע געהען מיר פערביי אונזער כאַטע, ערשט מיר דערזעהען גלאַהן'ן; ער איז געלעגען אויף אַ ראָגאָזשע, מיט די הענד אונטער'ן נאַקען, און האָט אַרייפגעקוקט צום הימעל.

„אָט ליגט ער דאָך," האָב איך זיך אָבגערופען.

מאַגי איז גלייך צוגעגאַנגען צו איהם, איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט זי אָבצוהאַלטען דערפון, און מיט אַ פרעהליכער שטימע האָט זי געזאָגט:

„כ'קיי שוין מעהר ניט, זעהט איהר! ניט קיין פעדערן, ניט קיין געלד, ניט קיין שטיקלאַך פאַפיר, כ'קיי מעהר גאָרנישט."

גלאַהן האָט קוים אַ קוק געטהאָן אין איהר זייט און איז זיך געבליבען ליגען שטיל אויף אַן אָרט; נאָר מאַגי און איך זיינען אַוועק.

אַז איך האָב איהר פֿאָרגעהאַלטען דערפֿאַר וואָס זי האָט געבראַכט איהר וואָרט און ווידער גערעדט מיט גלאַהן'ן, האָט זי געענטפֿערט, אַז זי האָט איהם בלויז געוואָלט אַוועקגעבען אַ גאָב, ער זאָל מעהר ניט זאָגען דאָס, וואָס איז ניט ריכטיג.

„יאָ, דאָס איז גוט, גיב איהם אַוועק אַ גאָב," האָב איך געזאָגט; „אָבער דו האָסט דען צוליעב איהם אויפֿגעהערט צו קייען?"

זי האָט ניט געענטפֿערט. וואָס זשע, זי וויל, הייסט עס, ניט ענטפֿערן?

„דו הערסט? ענטפֿער, איז דאָס געווען צוליעב איהם?"

„ניין, ניין," האָט זי זיך ענדליך אָבגערופֿען, „סאיז געווען צוליעב דיר."

און איך האָב זיך גאָר אַנדערש ניט געקענט פֿאָרשטעלען. פֿאַר-וואָס האָט זי דען געזאָלט טהאָן עפּעס צוליעב גלאַהן'ן?

ביינאַכט האָט מאַגי פֿערשפּראָכען צו קומען צו מיר, און זי איז טאַקע געקומען אויך.

V.

זי איז געקומען אַרום צעהן אַזייגער, כ'האָב געהערט איהר שטימע אויף דרויסען, זי האָט גערעדט הויך מיט אַ קינד, וואָס זי האָט געפיהרט ביי דער האַנד. פאַרוואָס איז זי ניט אַריינגעקומען, און נאָך וואָס האָט זי מיטגעבראַכט דאָס קינד מיט זיך. איך קוק אַרויס צו איהר, און דאָס האַרץ זאָגט מיר עפּעס, אַז דאָס גיט זי אַ סיגנאַל, ריידענדיג אַזוי הויך מיט'ן קינד; איך זעה אויך, אַז איהר בליק איז געווענדט צום בוידים, אויף גלאַהן'ס פענסטער. צי האָט ער איהר ניט אַקאָרשט הינטער דער שויב צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ אָדער צו־געוואונקען, בשעת ער האָט געהערט, ווי זי רעדט? על כל פנים האָב איך פערשטאַנען, אַז מען דאַרף ניט אַרויפקוקען אויבען, ווען מען רעדט צו אַ קינד אונטען אויף דער ערד.

כ'האָב געהאַט בדעה, אַרויסגעהן צו איהר און זי אָננעהמען ביים אָרם; אָבער אין דערזעלבער רגע האָט זי אָבגעלאָזט די האַנד פון'ם קינד, זי האָט עס געלאָזט שטעהן ביי דער טהיר און אַליין האָט זי זיך געלאָזט אַריינגעהן צו אונז אין הייזעל. נו, ענדליך קומט זי, האָב איך זיך געטראַכט; כ'וועל איהר שוין אַוועקגעבען אַ גאָב ווי געהעריג איז, זאָל זי נור אַריינקומען!

אַצונד שטעה איך און הער, ווי מאַגי געהט אַריין אין קאָרידאָר, כ'האָב לחלוטין קיין טעות ניט, זי איז שוין גאַנץ נאָהענט לעבען מיין טהיר. נאָר אָנשטאָט אַריינצוקומען צו מיר, הער איך גאָר איהרע טריט איבער דער שטיעג, אַרויף צום בוידים, אין גלאַהן'ס לאָך, כ'הער עס גוט. כ'עפען האַסטיג פונאַנדער מיין טהיר, אָבער מאַגי איז שוין אוי־בען, די טהיר שליסט זיך צו הינטער איהר, און איך הער מעהר גאָרנישט.

דאָס איז געווען צעהן אַזייגער.

כ׳געה צוריק אַרונטער צו מיר אין צימער און זעץ זיך אַנידער, כ׳נעהם מיין ביקס און לאָד איהם אָן, כאָטש עס איז אין מיטען נאַכט. אַרום צוועלף אַזייגער געה איך ווידער אַרויף אויף די טרעפּלאַך און הער זיך צו הינטער גלאַהן׳ס טהיר, כ׳הער מאַגי׳ס שטימע אינעווייניג, כ׳הער, אַז זי איז גוט־פריינד מיט גלאַהן׳ן, און איך געה ווידער אַרונ־טער. אום איינס אַזייגער געה איך ווייטער אַרויף, אַלעס איז שטיל. כ׳וואַרט ביי דער טהיר, ביז זיי וועלען זיי אויפכאַפּען, ס׳ווערט דריי אַזייגער, ס׳ווערט פיער, און אַז עס איז געוואָרען פינף האָבען זיי זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף. דאָס איז גוט! האָב איך ביי זיך געקלעהרט, און איך האָב פון קיין שום אַנדער זאַך ניט געטראַכט, נאָר אַז זיי האָבען זיך אויפגעכאַפּט, און אַז דאָס איז זעהר גוט. אָבער גלייך נאָכדעם האָב איך דערהערט אַ ליאַרם און אַ גערודער אונטען אין הייזעל, פון דער בעל הבית׳טעס צימער, און איך האָב געמוזט שנעל אַרונטערלויפען, כדי זי זאָל מיך ניט געפינען דאָרט אויף דער שטיעג. גלאַהן און מאַגי זיינען שוין זיבער געווען אויף, און איך וואָלט נאָך געקענט פיעל מעהר הערען, כ׳האָב אָבער געמוזט אַרונטערגעהן.

אין קאָרידאָר האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין: אָט זעה, דאָ איז זי געגאַנגען, זי האָט אָנגעריהרט מיין טהיר מיט׳ן אָרם, נאָר זי האָט אָט די טהיר ניט געעפענט, זי איז אַרויף מיט דער שטיעג, און דאָ איז דאָך טאַקע די שטיעג, אָט די פיער טרעפּלאַך איז זי אַרויפגעגאַנגען.

מיין בעט איז נאָך געשטאַנען פערבעט, און איך האָב זיך אויך איצט שוין ניט געלייגט שלאָפען, נאָר איך האָב זיך אַנידערגעזעצט ביים פענסטער און אַרומגעפּאָהרען מיט דער האַנד איבער מיין ביקס. מיין האַרץ האָט ניט געשלאָגען, ס׳האָט געציטערט.

אין אַ האַלבע שטונדע אַרום האָב איך ווידער געהערט מאַגי׳ס טריט אויף די טרעפּלאַך. איך זיץ ביי דער שויב פון מיין פענסטער און זעה, ווי זי געהט אַרויס פון דער כאַטע. זי איז געגאַנגען אָנגע־טהאָן אין דעם קליינעם, קורצען באַנוועלנעם קלייד, וואָס האָט איהר זאָגאַר ניט געגרייכט ביז די קניע, און אַרום די שולטערן האָט זי געהאַט אַ וואָלען טיכעל, וואָס זי האָט אַנטליהען ביי גלאַהן׳ן. ווייטער איז זי געווען אין גאַנצען נאַקעט, און דאָס באַנוועלנע קליידעל איז געווען שטאַרק צוקנייטשט. זי איז געגאַנגען לאַנגזאַם, ווי איהר שטיי־

נער איז געווען, און האָט אויך איצט אפילו קיין קוק נים געטהאָן אויף מיין פענסטער. דאַן איז זי פערשוואונדען הינטער די הייזלאַך.

גלייך נאָכדעם איז גלאַהן אַרונטערגעקומען, מיט'ן ביקס אונ־טער'ן אָרם, פאָלשטענדיג גרייט צו דער יאַגד. ער איז געווען פינס־טער און האָט מיך נים בעגריסט. נאָר דערפאַר האָט ער זיך גאָר אויף אַן אונגעוועהנליכען אופן אויסגעפוצט. ער האָט זיך אויסגעפוצט ווי אַ חתן, האָב איך ביי זיך געקלעהרט.

אין אַ רגע האָב איך זיך געמאַכט פאַרטיג און בין אַרויס מיט איהם, און קיינער פון אונז האָט נים גערעדט. די צוויי ערשטע היהנער, וועלכע מיר האָבען געשאָסען, האָבען מיר שרעקליך צוריסען אין שטיקער, ווייל מיר האָבען געשאָסען מיט'ן ביקס, אָבער מיר האָבען זיי אונטער אַ בוים אָבגעבראָטען, אַזוי גוט ווי עס האָט זיך געלאָזט, און זיי אויפגעגעסען שטילערהייט, נים אויסריידענדיג קיין וואָרט. אַזוי איז אַריבער די צייט ביז צוועלף אַזייגער.

גלאַהן האָט זיך אָבגערופען צו מיר:

„וואָס זשע, איהר זייט זיכער, אַז אייער ביקס איז געלאָדען? מיר קענען פיליכט אָנטרעפען עפּעס אונערוואַרטעטעס. לאָדט אָן אויף יעדען פאַל."

„מיין ביקס איז געלאָדען," האָב איך איהם געענטפערט.

דערנאָך איז ער אויף אַ רגע פערשוואונדען הינטער אַ קוסטאַר־ניק. וואָס פאַר אַ פרייד דאָס וואָלט געווען פאַר מיר איהם צו שי־סען, איהם צו דערשיסען ווי אַ הונד! ס'האָט דאָך צייט, ער קען זיך דערווייל פרעהען מיט דעם געדאַנק, און ער האָט דאָך גאַנץ דייטליך געזעהן, וואָס איך האָב אין זינען, דערפאַר האָט ער דאָס געפרעגט, צי מיין ביקס איז געלאָדען. אפילו היינט האָט ער זיך נים געקענט בעפרייען פון זיין פוסטער גאוה, ער האָט זיך אויסגעפוצט און אָנגעטאָהן אַ ניי העמד; זיין מיענע איז געווען אויסערגעוועהנליך שטאָלץ.

אַרום איינס אַזייגער בלייבט ער שטעהן פאַר מיר בלאַס און צאָרנדיג און זאָגט:

„ניין, איך האַלט עס נים אויס! גיט אַקאָרשט אַ קוק, צי איהר האָט אָנגעלאָדען, מענש וואָס איהר זייט, צי איהר האָט וואָס עס איז אין ביקס."

„הערט אויס, טאָמער וואָלט איהר זיך געקימערט וועגען אייער

אייגענעם ביקס," האָב איך געענטפֿערט. נאָר איך האָב גאַנץ גוט גע-וואוסט, פֿאַרוואָס ער האָט ניט אויפֿגעהערט זיך נאָכפֿרעגען אויף מיין ביקס.

און ער איז ווידער אַמאָל אַוועק פֿון מיר. מיין ענטפֿער האָט איהם אַזוי געטראָפֿען, אַז ער איז געוואָרען ווייך און אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ, בעת ער איז אַוועקגעגאַנגען.

אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך געשאָסען אַ טויב און ווידער אָנ-געלאָדען. אין דער צייט וואָס איך בין געווען פֿערנומען דערמיט, שטעהט גלאַהן פֿערשטעקט הינטער אַ בוים און קוקט אויף מיר און גיט אַכטונג, צי איך לאָד ווירקליך אָן דעם ביקס, און גלייך נאָכדעם הויבט ער אָן גאַנץ הויך און דייטליך צו זינגען אַ קירכען-ליעד, און דאָס איז זאָגאַר געווען אַ קירכען-ליעד, וואָס מען זינגט ביי אַ חתונה. ער זינגט חתונה-ליעדער און טהוט זיך אָן דעם בעסטען קאָסטיום זיינעם, האָב איך זיך געטראַכט, אויף אַזאַ'ן אופן מיינט ער אַלזאָ היינט צו פֿראַווען זיינע פֿערפֿיהרערישע שטיק. נאָך איידער דאָס ליעד איז געווען צו ענד, האָט ער אָנגעהויבען געהן לאַנגזאַם, מיט אַן אַראָבגעלאָזטען קאָפּ צו מיר צו, און געהענדיג האָט ער נאָך אַלץ געזונגען. ער האָט זיך ווידער געהאַלטען גאַנץ נאָהענט צו מיין ביקס, גלייך ער וואָלט זיך געטראַכט: נו יאָ, זעהט, אָט וועט עס אַלזאָ געשעהן, דערפֿאַר זינג איך איצט אָט דאָס חתונה-ליעד! אָבער עס איז נאָך דערווייל גאָרנישט געשעהן, און אַז ער איז אַנשוויגען געוואָרען, האָט ער זיך געמוזט אומקוקען אין מיין זייט.

„מיר שיסען דאָך היינט גאָרנישט," האָט ער זיך אָבגערופען און אַ שמייכעל געטהאָן, כדי זיך פֿאַר מיר צו פֿערענטפֿערן, פֿאַר וואָס ער האָט געזונגען אויף דער יאַגד. אָבער זאָגאַר אין דער דאָ-זיגער רגע איז זיין שמייכעל געווען שעהן, מיר האָט זיך געדוכט, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט אינעווייניג אין זיך געוויינט, און די ליפּען זיינע האָבען ווירקליך געציטערט, כאָטש ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער קען שמייכלען אין דעם דאָזיגען ערנסטען מאָמענט.

איך בין ניט קיין פֿרויען-צימער, און ער האָט גאַנץ גוט גע-זעהן, אַז ער האָט אויף מיר קיין שום רושם ניט געמאַכט; ער איז געוואָרען אונגעדולדיג, בלייך, ער האָט זיך אַרומגעדרעהט אַרום מיר מיט אונרוהיגע טריט, אָט איז ער געווען לינקס, אָט רעכטס פֿון

מיר, און ווען ניט ווען איז ער געבליבען שטעהן און האָט געװאַרט אויף מיר. אַרום פֿינף אַזייגער האָב איך פלוצלינג דערהערט אַ קנאַל, און אַ קויל איז מיט אַ פֿייף דורכגעפֿלויגען פֿערביי מיין לינקען אייער. כ'גיב אַ קוק, גלאַהן שטעהט עטליכע טריט ווייט פֿון מיר און קוקט מיך אָן, זיין רויכענדען ביקס האַלט ער אין אָרם. וואָס זשע, ער האָט מיך, הייסט עס, געוואָלט דערשיסען? כ'האָב געזאָגט:

„איהר האָט פֿערפֿעהלט אייער ציעל; זינט אַ שטיקעל צייט שיסט איהר שלעכט."

אָבער ער האָט ניט געשאָסען שלעכט, ער האָט קיינמאָל ניט פֿערפֿעהלט זיין ציעל, ער האָט מיך בלויז געוואָלט אויפֿרייצען.

„טאָ זייט זיך דאָך וויינינגסטענס נוקס אָן מיר, צום טייוועל!" האָט ער אַ געשריי געטהאָן.

„ווען מיין צייט וועט קומען," האָב איך געענטפֿערט און פֿער־ביסען די צייהן.

מיר שטעהען און קוקען זיך אָן איינער דעם אַנדערן, און פלוצ־לינג טהוט גלאַהן אַ ציה מיט די אַקסלען און שרייט מיר אַריבער גלייך אין פנים אַריין: „פֿייגלינג!" וואָס האָט ער מיך געהאַט צו רופֿען פֿייגלינג? כ'האָב אַ ריס געטהאָן מיין ביקס אָן דער באַק, איהם געצילעוועט גלייך אין געזיכט און אָבגעדריקט.

ווי מען בעט זיך אויס, אַזוי ליגט מען......

אָבער איצט דאַרף די פֿאַמיליע גלאַהן מעהר ניט זוכען אָט דעם מענשען, עס רעגט מיך אויף כסדר צו טרעפֿען אָט די נאַרישע אַנאָנסע מכח אַזאַ און אַזאַ הויבער בעלוינונג פֿאַר נאַבריכטען איבער אַ טויטען. טהאָמאַס גלאַהן איז געשטאָרבען דורך אַן אונגליקס־פֿאַל, דורך אַ צופֿעליגען שאָס אויף דער יאַגד אין אינדיען. דאָס געריכט האָט פֿערצייכענט זיין נאָמען און זיין סוף אין אַ פראָטאָקאָל־בוך מיט דורכגעשאָסענע בלעטער, און אין דעם דאָזיגען פראָטאָקאָל־בוך שטעהט, אַז ער איז טויט, יאָ, זאָגאַר אַז ער איז געשטאָרבען דורך אַ צופֿעליגען שאָס.